STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08244

# A BLAT OYF AN EPLBOYM

H. Leivick

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. לייוויק

# אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים

# 5

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

SIN FINES COMERCIALES

ה. לייוויק

# אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים

בוענאָס-איירעס
תשט"ו - 1955

משה פייגענבלום.

אַרויסגעגעבן מיט דער פינאַנסיעלער מיטהילף פון:

מיגעל וועטשטיין

און די קאָאָפּעראַטיווע „ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ“
(עקס קאָוועל).



# פון מחבר

דאָס איצטיקע בוך איז אַן אָפּקלייב פון מיינע לידער, וואָס זייַנען געשריבן געוואָרן אין משך פון די יאָרן צווישן 1946 און 1954.

די ערשטע אָפּטיילונג „אין פייער" איז, אין תוך, אַ המשך פון מיין פאָריקן בוך „אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען".

***

אין אַלע מיינע פריערדיקע ביכער האָב איך זיך נוהג געווען אויסצושטעלן די לידער לויט דעם סדר פון דער צייט ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן. אין איצטיקן בוך האַלט איך זיך ניט גענוי ביים כראָנאָלאָגישן סדר. צוליב דעם כאַראַקטער פון אַ צאָל לידער געפין איך פאַר נויטיק איינצוטיילן דאָס בוך, מער־ווייניקער, לויט טעמאַטישער שיכותדיקייט. טייל לידער, געשריבענע לעצטנס, ווערן אַזוי אַרום געשטעלט פאַר לידער געשריבענע פריער.

***

איך רוף אָן דאָס בוך „אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים", וואָס איז אויך דער נאָמען פון דער דריטער אָפּטיילונג אינעם בוך.

פון אַלע ביימער אַרום מיין קינדהיים איז מיר צום ליבסטן געווען אַן אַלטער עפּלבוים.

קומט ער מיר אָפט צו חלום לעצטנס, אַן אַנגעטועגער אין עפּל און אין בלעטער, און איך הער ווי ער זאָגט צו יעדן עפּל זיינעם און צו יעדן בלאַט זיינעם: האָט ניט קיין מורא וואָס איר דאַרפט כּוף זומער אַרונטערפאַלן. איבעראַיאָר וועט איר צוריקקומען.

ס'איז גוט צו הערן אַזוינס — אפילו ווען אין חלום.

**ה. ל.**

ניו יאָרק, דעצ. 1954.

# I

# אין פּיִיער

# און אַ ייִנגעלע וועט זיי פירן

ונער קטן נוהג בם (ישעיה, י״ב)

דיין חלום, גרויסער נביא, חלום ווידער,
באַווייז זיך ווידער איבער חרובדיקע ווענט,
ביט קוק וואָס דער וואָס רופט דיך זיצט אַ מידער —
דאָס קלאָגט ער אויפן ייִנגעלע וואָס ליגט פאַרברענט.

אַ וואָלף דאַרף ווײַנען מיט אַ שעפּס צוזאַמען,
דאָס ייִנגעלע דאַרף פירן זיי מיט זײַנע הענט, —
דערווײַל קום, נביא, ברענגען טרייסט דער מאַמען,
וואָס קלאָגט־באַקלאָגט איר ייִנגעלע וואָס ליגט פאַרברענט.

צום לעמפּערט דאַרף אַ ציגעלע זיך טוליען —
זיי זאָלן האָבן ביידע זיך דערקענט;
די מאַמע וויגט אַ פּוסטע וויג, טוט לוליען, לוליען,
דאָס ייִנגעלע ליגט טויט, אויף אַש פאַרברענט.

אַ קו דאַרף שפּרייזן מיט אַ בער אויף פּיטער,
מיט גוטסקייט צו אַ קינד זאָל זײַן אַ שלאַנג געגענט,
נאָר מיר זײַנען געוועזן ביז איצטער שלעכטע היטער —
דאָס ייִנגעלע ליגט טויט, אויף אַש פאַרברענט.

די מאַמע שטייגט אַרויף פון בונקער־תהומען
מיט אירע וויגנדיקע הענט צו דיר געווענדט:
אַ נביא, נביא, ברענג דעם אחרית הימים,
מאַך לעבעדיק דאָס ייִנגעלע וואָס ליגט פאַרברענט.

# ריר אָן מיינע ליפּן מיט פייער

ריר אָן מיינע ליפּן מיט פייער,
ווייל כ׳לעש זיך און נידער אַרונטער.
ווינק אָן, אַז איך בין דיר נאָך טייער,
אַז כ׳גיי נאָך נישט אונטער.

נישט לאָז איך זאָל ווערן פאַרלאָשן,
נישט רייץ מיך מיט שטומער אַליינקייט,
נישט קרוין מיין פאַריתומטן לשון
מיט שיין פון צעפייניקטער שיינקייט.

נישט דעק־צו מיט מיטלייד מיין עלטער
און מאַך מיר מיין גורל נישט גרינגער
דורך דעם, וואָס דו׳סט איינוויגן קעלטער
מיין מויל און אַלע מיינע פינגער.

געבעט דורך די נעכט, דורך פאַרטאָגן
צום אייביקן העלן באַנייער;
כ׳וועל זאָגן און זאָגן און זאָגן:
ריר אָן מיינע ליפּן מיט פייער.

# צו מיינע ברידער, וועמען כ׳האָב אין דאַכאַו ניט געפונען

איך פאָר אייך ניט מער מיט מיין נעכטן — איך פאָר ניט.
איך טאָר אייך אין פנים ניט זען מער — איך טאָר ניט.
איר ליגט ערגעץ ווו — רוף עס באַרג — רוף עס טאָל,
אַ האַנט קאָן דערגרייכן — אַ הילך פון אַ קול.
איר ליגט ערגעץ דאָ — ערגעץ דאָרט,
צי רופט מען עס רו־וועלט, צי הייליקער אָרט.
איר ליגט און איר שלאָפט — זייער נאָנט — זייער ווייט —
ביים סוף פון דער וועלט — אין דער מיט — אָן דער זייט.
איר ליגט ביי אַ בוים — ביי אַ זוים פון אַ וואַלד —
ביים ראַנד פון אַ מדבר — אין עק פון אַ שטעטל.
דאָרט ליגט איר מיט גוטן — דאָרט ליגט אין מיט גוואַלד.
דאָרט שטייט אייך צוקאָפּנס אַ הילצערן ברעטל
מיט אותיות־פּלעקן קוים קענטיק אויף דעם:
פה נקבר על קדוש־השם — — —

איך קום. ווו איך קום — אומעטום דאָרט געפין איך
דאָס ברעטל — אַ צייכן: דאָ ליג איך, דאָ בין איך.
דאָס ברעטל באַרירן? — אוודאי, כ׳מעג יאָ
אייך געבן צו וויסן: אויך איך בין שוין דאָ;
נאָר אויפהייבן הייב איך ניט אויף
די דעק איבער אייך כדי צו זען אייך אין גוף,
ווער רעדט נאָך מיט אייך פּנים־פּנים צו זען זיך. —
איך נעם זיך אַליין זיבן מאָל און פאַרברען זיך,
ביז וואַנען כ׳בין זוכה — אויף מיר זאָל אַ קוק טאָן
איין ווינקל פון אייערס אַן אויג, נאָר אַ צוק טאָן,
און געבן אַ צי מיך אויף יענער זייט שטאַרבן
און לאָזן מיך לעבן נאָך זיבן־מאָל־שטאַרבן.

ה. לייוויק

# אין פייער

די לאַגע, די פינצטערע נאַכט איז פייער,
מיין קאָפּ אויף אַ קישן פון פלאַמיקן פייער.
איך אָטעם אַריין און איך אָטעם אַרויס פייער
דורך אָפענע טירן און פענצטער פון פייער.
מיין האַנט שטרעקט זיך אויס און מאַכט צייכנס אין פייער,
נעמט שרייבן אין פייער מיט פייער אויף פייער.
כ׳בעט רחמים, כ׳זוך שיצונג פון פייער,
כ׳טו תפילה: אָ ראַטעווע, ראַטעווע, פייער!
דערהער איך ווי ס׳פלאַקערן קולות אין פייער:

דיין טאַטע בין איך — דיין פאָטער פון פייער,
דיין מאַמע בין איך — דיין מוטער פון פייער,
דיין טאַטע וואָס האָט דיך געיידישט אין פייער,
דיין מאַמע וואָס האָט דיך געזויגן מיט פייער.
געדענקסט דאָך דיין הענג־זויג אויף שטריקלעך פון פייער
אַמאָל אין אַ שטיבל ביים אויפגאַנג פון פייער;
געדענקסט ווי עס האָבן געפלאַטערט אין פייער
די שטריקלעך, דערלאַנגט צו דער סטעליע מיט פייער,
געדענקסט ווי מיר האָבן פאַרכאַפּט דיך אין פייער
און לויפן געלאָזט זיך מיט דיר צווישן פייער,
געלאָפן פון פייער, דורך פייער, אין פייער.

מיר קומען איצט ווידער דיך טוליען צום פייער,
דיך ווידער פּאַרוויקלען אין וויקל פון פייער
און ווידער דיך הייבן, דיך טראָגן אין פייער
פון פייער, דורך פייער, צום פייער. — — —

אַזוי הער איך קולות אין נאַכטיקן פייער,
ביז וואַנען עס הייבט אָן צו טאָגן מיט פייער,
און וואָס עס קומט נאָכדעם — דאָס ווייס נאָר דאָס פייער,
וואָס צייכנט מיט פייער אין פייער אויף פייער.

# מיין תפילה

מיין תפילה — איך ווייס נישט צו ווען זי טראָגן,
און — כ'טראָג זי;
מיין תפילה — איך האָב נישט צו ווען זי זאָגן,
און — כ'זאָג זי.

מיין תפילה — זי ווערט אויף מיין גומען דערפראָרן,
און — כ'טראָג זי;
מיין תפילה לעבט־אויף אין אַן אויפברויז פון צאָרן,
און — כ'זאָג זי.

מיין תפילה — זי ברעכט זיך אַזויפיל מאָל איבער,
און — כ'טראָג זי;
מיין תפילה גייט אויף איבער זעקס מיליאָן גריבער,
און — כ'זאָג זי.

מיין תפילה פאַלט־צו און פאַרגייט זיך אָן ווערטער,
און — כ'טראָג זי;
מיין תפילה צו דעם וואָס איך ווייס נישט צי הערט ער,
און — כ'זאָג זי.

# איך בין דער שווייגער

איך בין דער שווייגער, דו ביסט דער קריגער —
שטענדיק אין טומל, פֿאַרמאָן.
איך בין דער דורכפֿאַל, דו ביסט דער זיגער,
כ׳קום צו דיין טיר און כ׳קלאַפּ אָן.

זעלטן אַמאָל, אין משך פֿון יאָרן,
שטיל איז מיין קלאַפּ — אַ באַריר.
בלייבן די פֿינגער מיר הענגען געפֿראָרן
אויף דיין פֿאַרשלאָסענער טיר.

כ׳טו מיט אַ וואָרט, מיט אַ בשורה־וואָרט קומען —
וואַלגערט זיך עס ביי דער טיר;
כ׳טראָג עס צוריק, ווי אַ ברען אויף מיין גומען,
צו דער וועלטס זייטן די פֿיר.

מזרח און מערבֿ, דרום און צפֿון
גיבן אַ פֿלאַקער און — אויס.
נאַכט. לאַנגע נאַכט. קוים אַ ברעם האַלט איך אָפֿן
אין מיין פֿאַרלאָשענעם הויז.

זיבן מאָל פֿאַל איך, זיבן מאָל זינק איך
נאָך אַן איינמאָליקן פֿלי.
איך בין דער דורכפֿאַל ביי יעטווידן זיגער —
אַלעמאָל. שטענדיק. סיי־ווי.

ה. לייוויק

# לוי יצחק באַרדיטשעווערס ווידערקול

נאָך אַלץ מיין קורצע שעה פון געבעט,
רבונו דעלמא.
נאָך אַלץ מיין שעה פון תפילה צו דיר.
וואָס־זשע שלאָגסטו מיך איבער אין מיטן
צו וואַרפן מיך ווידער אין גאַז־קאַמער?
רבונו דעלמא,
צי ווילסטו כ׳זאָל קומען אַ שטומער צו דיר,
נאָך איידער כ׳בין דערגאַנגען צום סוף?

כ׳האָב שוין איינמאָל געטענהט צו דיר,
רבונו דעלמא,
און נאָכדעם געלעגן פאַר דיר —
מאָל זיך אויס: אַ פאַרגאַנגענער אין פייער,
און נאָכדעם געפלאַטערט פאַר דיר —
מאָל זיך אויס: אַ שטויב אַש פון אַ קאַלכאויוון.
ווי לאַנג בין איך געלעגן פאַר דיר?
ווי לאַנג האָב איך געפלאַטערט פאַר דיר?
אפשר אַ שעה,
אפשר אַ יאָר,
אפשר אַ דור,
אפשר צען.

איך געדענק —
דו האָסט איינמאָל געצאָרנט, געזאָגט:
אפילו אַז דו ביסט ליים,
אפילו אַז דו ביסט אַש,
אפילו אַז דו ביסט שטויב,

פאַרזאָג איך דיך ווידער צו אויפשטיין,
און גיי צוריק, — צוריק צום פאָלק,
און ווייטער זיין דער וואָס אַמאָל —
דער טענה׳ער,
דער מליץ־יושר,
דער מנגן.
אויף לאַנג?
אפשר אויף אַ שעה,
אפשר אויף אַ יאָר,
אפשר אויף אַ דור,
אפשר אויף צען.

איז אַט איז זי — די שעה, רבונו דעלמא,
מיין שעה פון געבעט און פון תפילה.
וואָס־זשע שלאָגסטו מיך איבער אין מיטן,
נאָך איידער כ׳בין געקומען צום סוף?
וואָס יאָגסטו מיך ווידער שוין האַסטיק צום פייער,
צום שייטער, צום גאַז־קאַמער?
פאַרוואָס אַזאַ איילעניש, טאַטע־פאַטער?
צי איך וועל פאַרזאַמען, פאַרשפעטיקן?
צי בין איך וועגן אַנטלאָפן פון פאַר דיר?
צי גיי איך ניט אייביק דיר אַנטקעגן דורך אַלע פייערן?
אַביסל געדולד, בורא עולם,
צו מיר — צו מיין שעה צו מיין קורצער;
אַביסל אמונה אין מיר,
אַביסל בטחון אין מיר.
אויך דו, בורא עולם, מעגסט האָבן אַביסל אמונה,
אויך דו,
אויך דו.

ת. ליוויק

# ר׳ עקיבא און די דריי בת־קולס

(י. אפאטאשו)

א.

ערשטער בת־קול:

ווהין גייסטו, מיין עקיבא,
ווהין גייסטו, מיין געטרייער?

ר׳ עקיבא:

כ׳גיי צו דיר מיט סטאַדעס שעפּסן,
כ׳גיי צו דיר דורך פעלד און שייער.
פאַסטעך בין איך. צו דעם מדבר
שפּאַן איך מיט מיין פאַסטעך־האָרן;
אפשר וועל איך אויך ווי משה
זען דיין פייער אין דעם דאָרן.
גאָט, דיך זוך איך, דיך באַגער איך.

ערשטער בת־קול:

דיינע תפילה־רייד דערהער איך.
דו וועסט אָנקומען צום פייער,
מיין עקיבא מיין געטרייער.

ב.

צווייטער בת־קול:
ווהין גייסטו, מיין עקיבא,
ווהין גייסטו, מיין געטרייער?

ר' עקיבא:
כ'גיי צו דיר דורך ים און שטורעם
מיט מיין רוף צו דעם באַפרייער,
מיט מיין בענקשאַפט נאָך גאולה,
נאָך דעם המשך פון בית־דוד,
אויפצוגיין צוריק פון חורבן
צו דעם פייער פון דיין כבוד.
כ'זוך דעם גואל, אים באַגער איך.

צווייטער בת־קול:
דיינע גבורה־רייד דערהער איך,
דו וועסט אָנקומען צום פייער,
מיין עקיבא מיין געטרייער.

ג.

ד ר י ט ע ר  ב ת־ק ו ל:

ווהין גייסטו, מיין עקיבא,
ווהין גייסטו, מיין געטרייער?

ר׳ ע ק י ב א:

כ׳גיי צו דיר דורך שונאס תפיסות,
צו דיין צוגעזאָגטן פייער.
אַלע מיינע אברים גרייט איך
פאַר די צונגען פון די פלאַמען,
פאַר דעם שונאס לאַנגע מעסערס,
פאַר די ציין פון זיינע קאמען.
גאָט, דיין פייער־פלאַם באַגער איך.

ד ר י ט ע ר  ב ת־ק ו ל:

דיינע לעצטע רייד דערהער איך.
דו וועסט אָנקומען צום פייער,
מיין עקיבא מיין געטרייער.

# אַ קליינינקע רגע

בלייבסט שטיין אַמאָל ווי פאַר אַ טויבער וואַנט
מיט געזונקענעם קאָפּ און פאַרבראָכענער האַנט —

רופסטו דעמאָלט אַרויס פון דער טיף פון זכרון
אַ רגע פון אונטער אַ באַרג מיט יאָרן.

אַ קליינינקע רגע ווי אַ חלף שאַרף,
אַ ציטעריקע ווי אַ סטרונע פון אַ האַרף.

שטרעקסט אויס צו איר דיינע אַלע פינגער
פאַרביי אַלע כללים פון שפּילער און זינגער.

אַמאָל — ווער קאָן וויסן ווי ווייט אין אַמאָל —
אין חלום, אין שלאָף, האָט אַ טאָן פון אַ קול

זיך איבערגעבראָכן, גענומען זיך ציען
אַראָפּ, אַראָפּ, אנשטאָט צום הימל פליען.

אַרונטערגעפאַלן, צעקלאַפּט זיך אויף בלוט,
און דו האָסט געקוקט און געזאָגט: ס׳איז גוט.

און האָסטו געזאָגט — איז אַזוי עס פֿאַרבליבן
אויף אַלע וועלטן מיט פֿייער פֿאַרשריבן.

ווייל פֿייער וואָס מיינט? — צעפֿאָכעטער קנוט,
און מער נאָך מיינט פֿייער: געשרייען פֿון בלוט.

די קלייניקע רגע איז גובר די יאָרן,
זי רייסט זיך אַדורך דורכן תהום פֿון זכרון.

זי קומט מיט איר שאַרף און רירט דיך אָן
אָ פֿיבערנדיקע ווי אַ קאָמערטאָן.

# איין מינוט שפּעט

די פינגער פון גאָט קלאַפּן אָן אין אַ טיר,
די טיר ווערט צעעפנט און גאָט קומט אַריין
אין שטוב, און בלייבט שטיין אָן אַ מינדסטן ריר
אין בלוילעכן גרוי פון פאַרטאָגיקער שיין.

און די, וועלכע ליגן אויף דיל און אויף בעט,
באַדאַרפט וואָלטן אויפשפּרינגען זינגען צום שם;
נאָר קיינער באַוועגט זיך נישט, קיינער דערזעט,
קיין צאַפּל, קיין צוק מיט אַ ליפּ, מיט אַ ברעם.

מיט איין מינוט פריער איז אַנדערש געווען:
אַ ליפּ האָט געפיבערט, אַ צונג האָט גערעדט,
אַ האַרץ האָט געקלאַפּט און אַן אויג האָט געזען. —
און איצט איז גאָטס קומען אויף איין מינוט שפּעט.

אויף איין מינוט שפּעט, — טאַקע נאָר איין מינוט.
אַ מענטש מעג פאַרשפּעטיקן, אָבער — נישט גאָט.
דערצו אין אַ נאַכט ווען פאַרגיסונג פון בלוט
מעקט אָפּ און פאַרשווענקט זיין לא תרצח־געבאָט.

אויך ער קאָן נישט ברענגען צוריק די מינוט
ווען קינד צו אַ מוטערשן נאַפּל פאַלט־צו.
און ווען שוין נ אָ כ אַ ל ע מ ע ן, פרעגט זיך: וואָס טוט
אין נאַכט פון נ אָ כ אַ ל ע מ ע ן גאָט ברוך הוא?

# צווישן צוויי וועלטן אין פלאַמען

צווישן צוויי וועלטן אין פלאַמען
טראָג איך די קראַפט פון דיין נאָמען;
כ׳ברען־אויף און כ׳פאַל צוזאַמען,
צעשפרייט זיך איבער אָן אַ שיעור תהומען.

וואָס בין איך געווען פאַר דיר נעכטן?
און וואָס טוסטו זיין פאַר מיר איצטער?
בין געווען דיין שעפּס צום שעכטן,
פון קיינעם אַ נישט־באַשיצטער.

כ׳בין היינט, ווי די ערשטע לוחות, צעשאָטן,
און כ׳זע נישט זאָלסט קומען צוזאַמען־מיך־קלייבן;
צי ווילסטו נישט מער דיינע פייער־געבאָטן
אויף מיר, אויף מיין לייב, זיי נאָך אַמאָל שרייבן?

עס ווערן צונישט אַלע הימלען און הויכן,
אויב איך בין נישט מערער צו זיי קיין דערפליער;
אויב דו ווילסט זיין ווייטער אחד און אָנכי —
דאַרף איך עס זיין פ אַ ר דיר, דאַרף איך עס זיין פריער.

# אַ תּפילה

צי זיך אויס אויף נאַכטס געלעגער,
רו זיך אויס אין לאַנגן וועג,
גאָט, מיין טרייער, אַלטער טרעגער
פון דעם יאָך פון מיינע טעג.

וואָס מיין יאָך אויף דיר איז שווערער —
אַלץ געטרייערער ביסטו;
אָבער כ׳וויים: ביסט רו־באַגערער,
כאָטש דו רעדסט נישט וועגן רו.

קומסט־צו נאָענט מיט דיינע אויגן
דורכצוגליען מיך מיט זיי —
נעמט דיין קאָפּ אַליין זיך נויגן
און זיך צונויגן איינס־צוויי

צו מיין האַרטן נאַכט־געלעגער
וואָס די קאַלטע ערד פאַרגרייט;
איך — דער יאָך, און דו — דער טרעגער
ווערן קיינמאָל נישט צעשיידט.

ה. לייוויק

דורות אייביקע צעשטראַלטע
קוקן נסימדיק ווי ס׳רוט
אויף די פּלייצעס דיינע אַלטע
רויטער חותם פון מיין בלוט.

דיינע פּלייצעס נעמען ברענען,
ווייל מיין חותם ווערט דיין ווונד,
לאָזסטו זיך צו מיר דערקענען
מער נאָך, דעמאָלט, אין דיין בונד.

רו זיך אויס און טראָג מיך ווייטער,
ווי איך זאָל דיר שווער נישט זיין —
דורך פּאָגראָם, דורך פייער־שייטער,
גאָט, געטרייער טרעגער מיין.

# דער טאָג פון אָפּצאָלונג

דער טאָג פון אָפּצאָלונג איז אַלץ נאָך נישט געקומען.
דאָס וואָרט, אויב ס'ליגט נאָך צוגעפּראָרן צו דיין גומען
און קאָן דיין אייגענעם געשטאַמל נישט באַרירן,
נישט רייס עס, — זאָל עס ליגן, זאָל עס פרירן.

דער טאָג פון אָפּצאָלונג איז אַלץ נאָך נישט געקומען.
אַפילו ער, דער נביא, מוז נאָך שטומען,
נישט רייסן זיך צום קוואַל צו דעם געגאַרטן,
ער מוז נאָך עלנט זיין, ער מוז נאָך וואַרטן.

דער טאָג פון אָפּצאָלונג איז אַלץ נאָך נישט געקומען.
די קברים האָבן מיר אומזיסט צענומען,
אומזיסט צעעפנט זיי, אומזיסט גערופן,
אַז הרוגים־ביינער זאָלן ווידער ווערן גופן.

דער טאָג פון אָפּצאָלונג איז אַלץ נאָך נישט געקומען.
מיט קופּעס שטיינער, צי מיט קוויאַנצן בלומען
פאַרדעקט צוריק דעם הרוג, — קיין שום חילוק:
דעם מערדער קאָסט נאָך אַלץ רציחה ביליק.

דער טאָג פון אָפּצאָלונג איז אַלץ נאָך נישט געקומען.

ה. לייוויק

# אין חלום

אַ מענטש איז געשטאַנען דורך נאַכט מיר צוקאָפּנס,
געהאַלטן פאַרלייגט אויפן האַרצן די הענט,
ווען הינטערן פענצטער אין שטורעם־גאַלאָפּן
געיאָגט האָבן קולות, ווי ס׳וואָלט ווו געברענט.

דער מענטש האָט קיין ריר זיך פון אָרט נישט געגעבן,
דער שטורעם פון קולות האָט אים נישט געאַרט.
ער האָט דורך אַל־אָפענע אויגן פון לעבן
געקוקט אויף מיין שלאָף, און אויף עפּעס געוואַרט.

ווען ענדלעך זיין קאָפּ האָט גענומען זיך נויגן,
און אויף זיינע ליפּן האָט אויפגעהעלט: ד ו.
און איך האָב, האַלב וואַכיק, געזען זיינע אויגן
ווי וואַרעם און ליכטיק זיי דעקן מיך צו.

מער גאָר נישט. איין וואָרט נאָר. איין קליינע הברה —
באַשיידן און שטיל אין פאַרגאַנג פון באַגער.
מער גאָר נישט. איין בליק נאָר פון שוואַרצאָפּלען קלאָרע,
דערנאָך — גאָר נישט מער, גאָר נישט מער, גאָר נישט מער.

# איוב ליגט אויף האַרטער ערד

איוב ליגט אויף האַרטער ערד און וויינט נישט מער,
אַ מידער איז ער סיי פון שעלטן, סיי פון שרייען,
און איבער אים אַ מחנה טרייסטער־פריינט,
נישט פריינט תנכישע, נאָר אַנדערע, גאָר נייע.

די נעמען זייערע — נישט איך, נישט קיינער וויס,
און זייער צאָל — נישט דריי, נאָר גאַנצע הונדערט;
אין יעדנס אויג אַזאַ משונהדיקע פרייד,
אויף יעדנס ליפּן אַזאַ ווערטל וואָס באַוווּנדערט.

זיי אַלע לאָזן זיך פונאַנדער אין אַ טאַנץ
אַרום דעם מידן גוף, — אַ פלאַקערדיקער שטורעם,
און אַלע דונערן: „שילט נאָכאַמאָל! שילט נאָך!
זיי אייביק־אייביק אונדזער מלך פון יסורים.

„שילט, איוב, נאָך! שילט נאָך!" — נאָר איוב ליגט
און קאָן נישט מער אַ ריר טאָן מיט די ליפּן,
און אַלע טאַנצנדיקע ווערן פלוצלינג ווילד
און נעמען זעצן אים אין קאָפּ און אין די ריפּן.

און ווען זיי הערן אויף — דערקענען זיי זיך ערשט
ווי אַנגעטראָגענע פון ערי־מקלט־ערטער,
זיי פאַלן־צו צו איובס מויל און זינקען איין
אין תהום פון אָפּגעשאָלטענע און אָפּגעקלאָגטע ווערטער.

# נישטאָ

איך זוך דעם הרוג —
ער איז נישטאָ.
דאָס פעלד האָט אים אין זיך אַריינגענומען,
דאָס פעלד האָט אים מיט גראָז באַדעקט
און קיינער האָט נאָך אים קיין צייכן נישט געשטעלט.
איך זוך דעם הרוג —
ער איז נישטאָ.

איך זוך דעם מערדער —
ער איז נישטאָ.
עס טרעט איבערן פעלד מיט ווייכע טריט
אַ פויערל אַ שטילס, אַ פויערל אַ פרומס,
ער שפּאַנט אין צייכן פון זיין אַקעראייזן.
דאָס פעלד האָט ער צעגראָבן און צעאַקערט,
און אויך דעם זכר פון זיין מאָרד פאַראַקערט.
דאָס פעלד האָט ער פאַרזייט מיט ברויט —
מיט ברויט פאַר זיך און פאַר זיין הויזגעזינד
און פאַר זיין שאָף און פאַר זיין רינד.
איך זוך דעם מערדער —
ער איז נישטאָ.
איך זוך דעם שופט —
ער איז נישטאָ.

דאָס ברויט, אין גרין, איז אויפגעגאַנגען,
געבליט און גרויס צעוואָקסן זיך.
אָט וויגן זיך די פולע, רייפע זאַנגען —
אַ גאַנצער וואַלד פון שפּעדיקן גאָלד.
זאָל זיין אַ זאַנג דער עדות?
זאָל זיין אַ גאַרב דער שטראָפער?
איך זוך דעם שופט —
ער איז נישטאָ.

ה. לייוויק

# כ׳האָב דאַכאַו אויך שוין געזען

כ׳האָב דאַכאַו אויך שוין געזען,
געזען דאָס פאַרבלייבעכץ פון שייטער.
און איצט — וואָס ווייטער?
מיין גאָט, מיין גאָט, וואָס ווייטער?

כ׳האָב אָנגערירט שטעכלקעס דראָט, —
כ׳האָב אָנגערירט טויט מיט די פינגער.
איצט, הייסט עס, דאַרף ווערן מיר גרינגער
צו לעבן — דאַרף ווערן מיר גרינגער.

פון דאַכאַו לאָז איך זיך גיין,
וווהין? — קיין ניו־יאָרק, לויט מיין פּאַספּאָרט.
כ׳האָב אָפּגעשפּאָרט — וואָס? נאָך אַ האָס־וואָרט
צו טראָגן מיט זיך ווי אַ פּאַספּאָרט.

דיין לאַנד, דייטש, איז שיין און געמיין,
געמיין ווי דיין קין־פאַרוואַנדשאַפט,
פאַרשילט איך מיין וויסטע באַקאַנטשאַפט
מיט דיר אויף דיין בייערן־לאַנדשאַפט.

דיין נאַצישן שטערן געזען —
צי ווייס איך איצט מער וואָס באַטייט ער?
וווהין גיין פון דאַכאַו ווייטער?
מיין גאָט, מיין גאָט, וווהין ווייטער?

מינכען, 1946.

# ווען וועלן די טויטע דערוואַכן?

די מאַיאַיקע שיין פֿון פֿאַרטאָג
צעעפֿנט די שטומקייט פֿון זאַכן,
און כ'הער ווי אַ טיר־ריגל זאָגט:
ווען וועלן די טויטע דערוואַכן?

פֿאַרשטיי איך, אַז עפּעס געשעט
אַהינטער די ריגלען און שלעסער,
דערצו נאָך ווען ס'אויג מיינס דערזעט
אויף טרעפּ — דאָ אַ שפּיז, דאָ אַ מעסער.

פֿאַרשטיי איך, אַז איך וואָלט באַדאַרפֿט
די שכנים אַרום געמען וועקן.
איך וועק אָבער נישט, נאָר איך וואַרט
דער טאָג זאָל אַליין אַלץ אַנטפּלעקן.

איך וואַרט, און איך וויל זיין דאָס מאָל
נאָך שטומער פֿון אַלע זאַכן,
ביז וואַנען ס'וועט אויפֿגיין דאָס קול
פֿון טויטע אַ ל יי ן צום דערוואַכן.

# אַז מיר האָבן זיך געלאָזן באַרג־אַראָפּ

אַז מיר האָבן זיך געלאָזן באַרג־אַראָפּ
צו דעם וואַסער פונעם טיפן ברונעם,
האָבן זיך צעלויכטן איבער אונדזער קאָפּ
זיבן העלע יום־טובדיקע זונען.

און זיי האָבן אונדז געוואַרעמט און געגלעט,
וואַכעדיק געהאַלטן אונדז די אויגן,
ביז אין נאַכט אַריין, ביז שפּעטסטער שפּעט,
ווען מיר האָבן זיך צום וואַסער טיף געבויגן.

ווען מיר האָבן זיך צום וואַסער צוגערירט,
מיט זיין פרישקייט קוויקן זיך גענומען,
ווען מיר האָבן אַלע מיט איין מאָל דערשפּירט
טעם גן־עדן איבער אונדזער גומען.

אַז מיר האָבן נאָכדעם אויפן וועג צוריק
באַרג־אַרויף געלאָזט זיך אַלע הייבן —
זיינען שוין די זונען מער פאַר אונדזער בליק
נישט געהאָנגען פייערדיקע אויבן.

בלוי־געדיכטע נאַכט האָט זיך געשפּרייט
איבער מזרח, מערב, דרום, צפון.
און די זיבן זונען אַלע, מידערהייט,
זיינען צוגעדעקט געלעגן און געשלאָפן.

אויף די בערג־שפּיצן געלעגן זיינען זיי
און געאָטעמט באַרג־אַראָפּ מיט קורצן אָטעם,
ביז אַ ווייסקייט, אַ צעזיפּטע ווי אַ שניי,
האָט אונדז אַלעמען אין מיטן וועג פאַרשאָטן.

ה. לייוויק

# צו דער ערד

מיט מיין דינעם אַש ביסטו נאָך נישט באַשאָטן,
דיינע ווינטן האָבן מיך נאָך נישט פאַרכאַפּט,
דיינע וועגן, וואָס איך האָב ביז היינט באַטראָטן,
האָבן זיך מיט מ יי ן בלוט נאָך נישט אָנגעזאַפּט.

בין איך אַלץ נאָך נישט קיין טייל פון דיינע זאַנגען,
אויך נישט פון דעם פלאַקער פון דיין רויטן מאָן;
כ'בין דורך דיר צו גאָט געגאַנגען און — דערגאַנגען
צו אַן עם־ישראל־גרוב פון זעקס מיליאָן.

שטיי איך ביי דער גרוב און זע ווי גראָזן־צינגלעך
שטרעקן זיך צו זונליכט. — גיט מיין צונג אַ זאָג:
אַ פאַרקברטע מיט מיידלעך און מיט ייִנגלעך —
יוירסטו, ערד, מיט זאַפטיקייט פון טאָג צו טאָג.

גרעזלעך וואָרצלען זיך אין פרישן מאַרך פון ביינער,
זיי איז פולע זעטיקייט באַשערט;
מיין פוס אָבער טרעט נאָך אַלץ אויף האַרטע שטיינער
אָן אַ צוריר צו דיין טיפער ווייכקייט, ערד.

אַלץ אין מיר, איך זאָג דיר, איז פון לאַנג שוין ראוי
אויסצעמישן זיך אויף אייביק מיט דיין ווייכן ליים, —
איך זאָל קאָנען זאָגן: ענדלעך בין איך דאַ־הי,
ענדלעך בין איך אויך שוין אין מיין גוטער היים.

# קפיצת־הדרך

לאַנגע וועגן —
שנעל געשפּאַנט.
וועלט ליגט אָפן
אויף דער האַנט.

וועלט ליגט אָפן
פריש פאַרשנייט,
ווי מיט ליילעכער
פאַרשפּרייט.

טאָג איז ליכטיק,
נאַכט — נאָך מער,
ווען דער וווּנדער
גרייכט אַהער.

וווּנדער — ליכט
פון אויגן צוויי,
סוף מיט אין־סוף
לויכט אין זיי.

זילבער־שטערן
ווינקען צו:
אַלץ איז פֿרידן,
אַלץ איז רו.

ווער דער שפּאַנער איז?
נישט פֿרעג.
אָט־אָ ליגט ער
האַרט ביים וועג.

מיטן ווייסן
דינעם גוף,
מיטן פּנים
שאַרף אַרויף.

מיט די שוואַרצאַפּלען
די צוויי,
וואָס עס דעקט זיי צו
דער שניי.

# אויף אַ הויכן באַרג

אויף אַ הויכן באַרג אַ פֿאַרשנייטן
פֿרעגט אַ מענטש — און קלאַפּט צאָן אָן צאָן:
— פֿאַרוואָס מעג גאָט טייטן,
ווען אַ מענטש טאָר עס ניט טאָן?

ער פֿרעגט, און וואַרט אין פֿאַרפֿרירונג
און דערוואַרט זיך סוף־כּל־סוף
ווי גאָטס פֿינגער־באַרירונג
נעמט אים דורך ווי אַ זיסער שלאָף.

עס רינגלען אים אַרום די שנייען
און דעקן אים אויף שטענדיק צו,
און דעמאָלט דערהערן זיך געשרייען:
— אָ, וווּ איז דיין ברודער, וווּ?

דער בורא אַליין טוט עס שרייען
צו זיך אַליין דאָס מאָל,
ווי אין די טעג פֿון הבל־קין
אין גאַר דעם ווייטן אַמאָל.

אויפֿן הויכן באַרג אין שנייען
מער קיין שפּור פֿון אַ מענטשנס טראָט,
אָבער אָן אויפֿהער יאָמערן געשרייען:
— אָ, וווּ איז דיין ברודער, גאָט?

# דיין זכות

דיין שטאָלץ איז דער זכות פון גערעכט־זיין,
זיי גובר דעם קלעם פון דיין קול,
דורך גזר און דורך שטורעמס פון פויסטן
טראָג דורך דיין געלייטערטן עול.

אַ הייב ווען־ניט־ווען מיט אַן אַקסל,
אַ צוק ווען־ניט־ווען מיט אַ ברעם,
און ווילסטו נאָך שטאָלצער אַדורכגיין —
די הענט דיינע ביידע צענעם.

צעשפרייט זיי און לאָז זיי אַרונטער
און ריר אָן אַ גרעזל דערביי,
וואָס ליגט האַלב צעבראָכן, און בענטש עס
צו אָנהייבן וואַקסן אויפסניי.

דיין בונד מיטן גרעזל איז אייביק
און אויך מיטן ערדענעם שטויב,
אין ביידן אין זיי ליגט פאַרחתמעט
דיין אייגענע אייביקייט, גלויב.

סוף־טאָגיקע זון שפרייט איר גינגאָלד
און גלייכט אויס דיין בראָכיקן פוס;
באַליידיקטער שוואַכער, פאַרליר ניט
דיין שטאָלץ פון גערעכט־זיין — דיין זכות.

# ר ו ף  מ י ך,  ל ע צ ט ק י י ט

רוף מיך, לאָק מיך, לעצטקייט —
ציגד אָן דיינע צויבער־פלאַמען
אויף  י ע נ ע ר  זייט טויער
וואָס רופט זיך  ס ו ף —
ווען איך בין נאָך אויף  ד ע ר  זייט טויער.
גענען מיט דיין פייער צו מיר,
שפּרייט אויס דיינע פליגל
און נעם מיך און טראָג מיך אַריבער
צו דיר — אַריבערן טויער —
צו דיין געטלעכער פרייהייט, לעצטקייט.
איך אָן דעם צעשטראַלטן אין־סוף
וואָס וועט מיך אַרויפנעמען אויף זיך
ווי אַ ים אַ צעפּלאַטערטע זעגלשיף.
כ'וועל זיך טראָגן איבער גאָר דיין רחבות,
לעצטקייט;
כ'וועל זינגען אויפסניי
דאָס געזאַנג פון די  אָ נ ה י י ב ן,
לעצטקייט.

# אוהל פרץ

אוהל פרץ — נאַכט און פרידן
שפּרייטן זיך אויף קבר־שטיינער.
צו דער גענשע־גאַס אַז יידן
לאָזט זיך גיין אַ וואָגלער איינער.

ווער דער וואָגלער? — נאָר אַ שאָטן
פון אַ תושב אויף צעגליאַנע,
שפּאַנט אַרום מיט אַש באַשאָטן,
אַש דערטראָגן פון מאַידאַנעק.

— ווו מאַידאַנעק? ווען מאַידאַנעק?
פיס אים פירן צו אַ גמינע,
צו אַ טרעפּל, ווו פאַן יאַנעק
ברענגט אים צו זיין פעלערינע.

אָט איז נאַכט, און אָט נעמט טאָגן,
פלאַטער־פאָלעס ווי צוויי פליגל
גיבן אים אַ הייב און טראָגן
איבער קופּעס ליים און ציגל.

— יידן! — רופט ער — זאָגט, צי לעבט איר? —
און זיין פליען ברעכט זיך איבער;
זיינע ווערטער קוים דערשלעפּט ער
דורך אַ לאַבירינט פון גריבער:

— טרייסטונג דאַרפן מיינע פליגל,
זייער איינבראָך נישט פאַרמידן;
ברענגט זיי כאָטש צום אוהל־ריגל
דורך מיין יידן־גאַס אַן יידן.

# ווען אַלע מיינע שייערן

ווען אַלע מיינע שייערן
מיט שפּע ווערן פול —
קומט נייער פיינט מיט פייערן,
ברענגט חורבן אין מיין גבול.

איך לאָז אַוועק זיך וואַנדערן
אויף וועגן ווייט און ווילד,
ביז זיך אַליין אַן אַנדערן
איך זע ווי אויף אַ בילד.

ערשט דעמאָלט נעם איך טרויערן
נאָך דעם וואָס איז געווען,
און זיך אַליין באַדויערן
ס׳געשטאַלט וואָס איך טו זען.

מיט קראַפט פון אַ געבונדענעם
וואָס בינדט זיך אָפּ אַליין,
צו צייכנס צו פאַרשוווּנדענע
איך לאָז צוריק זיך גיין.

צו שטיבער אויפגעריסענע,
צו שוועלן — אַש און קויל,
צו פעלדער צו פאַרשמיסענע
וואָס ליגן נאַקעט הויל.

איך נעם־אויף גאָר די ליידיקייט
אין ערשטער גרויל־מינוט —
ווען מיטאַמאָל אַ פריידיקייט
צעשטראָמט זיך אין מיין בלוט.

די פרייד די מיטאַמאָליקע
דעם חורבן קרייזט אַרום,
דאָס לעבן מיינס דאָס עול'יקע
צום אָנהייב קערט זיך אום.

# יידן זינגען: אני מאמין

יידן זינגען אין די בונקערס: אני מאמין
בביאת המשיח, אף על פי,
אף על פי שיתמהמה אני מאמין —
ער וועט קומען סיי פון דאָרטן, סיי פון הי.

יידן זינגען אין אַ לאַגער: אני מאמין —
אני מאמין, אני מאמין, אף על פי,
אַז אפילו אַז ער זאַמט זיך אני מאמין —
אני מאמין ווי אַ מאמין א די־פּי.

לאָמיר זינגען איצטער אַלע: אני מאמין —
אויב מיר זינגען עס נישט — זינגט זיך עס סיי־ווי.
סיי אין אָוונט, סיי באַגינען אני מאמין,
אף על פי שיתמהמה, אף על פי.

ער וועט קומען, ער מוז קומען — אני מאמין,
פרעגט נישט קיינער, כרעגט נישט קיינעם ווען און ווי.
יידן זינגען: אני מאמין, אני מאמין —
אָט־אָ קומט ער, אָט־אָ איז ער שוין דאָ הי.

# II

# דער ווייסער ניגון

# דער ווייסער ניגון

איך פֿאַרנעם אַזאַ קול איבער מיר:
ריר מיך אָן מיט דײַנע פֿינגער,
וועסטו אויפֿלויכטן דורכן באַריר
און וועסט ווערן ייִנגער.

כ׳וועל אַרײַנזינגען אין דײַן בלוט
יענעם ווײַסן ניגון,
ווען אין אַן ערשטער באַגינען־מינוט
האָב איך דיך געגומען וויגן.

אַזאַ הוידע־וועלט. — פֿון דעמאָלט אָן
צי פֿאַרגעסטו ווי דו ביסט געפֿלויגן
אין זיסע געשליידערס? — דערקאָן
דער מאַמעס צווײ אויגן.

זע, גאָטס נצח־געשאַנק
ווי איך ברענג דיר פֿון ד אָ ר ט ן,
געמישט מיטן ווײַסן געטראַנק
פֿון מײַן נאַפּל דעם געפּאָרטן.

דער קוואַל האָט זיך אָפּגעשטעלט,
מיט ווייטיק זיך פאַרצויגן, —
האָסטו דערזען די גאַנצע וועלט
אין אַ טרער פון מיינע אויגן.

געדענקסטו מיין ערשטע טרער —
אויף דיין באַק געבליבן ליגן? —
הייב זיך אויף, קום בענטער אַהער
צו מיין ערשטן, ווייסן ניגון.

# ניט אַנדערש אַז איך הער דעם טאַטנס קול

ניט אַנדערש אַז איך הער דעם טאַטנס קול
אין שעה פון גזר ווי ער טוט אַ קרעכץ:
— אַפילו אַז איך גיי אין טויטן טאָל
דערשרעקט מיך ניט דאָס בייז און שלעכטס.

ער זאָגט עס קוים דורך זיין ליפּ אַרויס —
„בגיא צלמות לא אירא רע" —
אויפן טויטן־בעט אין קליינעם הויז
אין שטעטל־גאַס, וואָס איז מער ניטאָ.

און פאַזע וואַלד, ביים לאָנקע־זוים,
ווי אַ קרבן־שעפּס ליגט שטיל דער אַ מ אָ ל,
איז קוים איך צו צום יינגסטן בוים
און גלעט אים ווי מען גלעט שעפּסן־וואָל.

אין נוסח פון טאַטנס לעצטע שעה
זאָג איך איינמאָל און נאָכאַמאָל:
— „בגיא צלמות לא אירא רע",
אַפילו אַז איך גיי אין טויטן טאָל.

דער טאַטע, ווי נאָר ער דערהערט מיין טראָט,
הייבט אָן צו זאָגן מיט אַ דוכן־קול:
— יברכך, זאָל דיך בענטשן גאָט,
אַפילו אַז דו גייסט אין טויטן טאָל.

און דאָ ווי דאָרט, און דאָרט ווי דאָ,
מיין לעבן הוידעט זיך אויף דער זעלבער שאָל:
— „בגיא צלמות לא אירא רע״ —
אַפילו אז איך גיי אין טויטן טאָל.

# געזאַנג צו דער גאָר־ערשטער שורה

געזאַנג צו דער גאָר־ערשטער שורה
פון נאָך־ניט־געבוירענעם סטראָף.
דו קומסט מיט אַ פריידיקער בשורה
אין שליחות פון סאַמע אין־סוף.

דו וואַרטסט מיט אַ שמייכל אַ שטילן,
דערנאָך זאָגסטו רואיק און קלוג:
אַ ליד מיינט — אַ קרוג אָנצופילן,
און מער נאָך — צעשפּאַרן דעם קרוג.

ניט ענדע, ניט ברעג, ניט סך־הכל,
דער פונקט וואָסביים סוף איז ניט סוף,
אַ ווונק נאָר צו ווערטער אין וואַקל
צו רוען אַ רגע אין שלאָף.

און גלייך נאָך דער שלאָף־רגע, ווידער,
צוריק צו מיין אָנהייב פון ע ר ש ט ,
וווּ ס׳קוואַלן נשמות פון לידער
פון קיין שום לבוש ניט באַהערשט.

אַז איינע ווערט יאָ אַ באַהערשטע
אין מינדעסטן קלעם פון לבוש —
געבוירט זי די ווערטער די ערשטע
און שטאַרבט מיט אַ טויט פון אַ קוש.

# אַ חלום

אין מײַן שטוב קלאַפּט מיט אימפּעט אַ טויב
און האַלט אין איר מויל אַ גרין צווײַגל.

איך גאַף אין גרויס חידוש:
אַרום — ניט קיין מבול,
מײַן שטוב — ניט קיין תּיבה,
פונדעסטוועגן זע —
אין שטוב קלאַפּט אַ טויב
און האַלט אין איר מויל אַ גרין צווײַגל.

איך עפן דאָס פענצטער,
כ׳שטרעק אויס בײדע הענט,
און די טויב לאָזט אין צוטרוי זיך נעמען.
זי טוליעט זיך צו מיטן שנאָבל
און קוקט מיט צוויי ליכטיקע אויגן
ווי כ׳נעם מיט די פינגער דאָס צווײַגל.

מיטאַמאָל, זע — אַ הימלישער בויגן
פון זיבן צעבלענדיקטע פאַרבן.
אַ סימן — געווען יאָ אַ מבול,
מײַן שטוב איז מסתמא אַ תּיבה;
און אָט איז געבראַכט מיר די בשורה,
אַז כ׳קאָן שוין אַרויסגיין פון תּיבה
גאָטס וועלטן צו אָנקוקן ווידער.

איך האַלט די מתנה — דאָס צווייגל,
און פּלוצלינג די טויב הייבט אָן זינקען
אין מידקייט, אין בראָך פון איר פליגל,
אַ שוים שלאָגט אַרויס דורך איר שנאָבל,
נעמט זידן אין ווייסקייט, און — וווּנדער:
נאָך ליכטיקער דאַנקפולער קוקן
אויף מיר אירע וואַרעמע אויגן
ווי כ'האַלט אין די פינגער דאָס צווייגל.

# דיין פוס־טראָט אויפן ווייסן שניי

דיין פוס־טראָט אויפן ווייסן שניי
מיך פירט צו דיינע שוועלן.
אין דיינע סליאַדן אַז איך גיי —
ווי קאָן איך דיך פאַרפעלן?

איך גיס צונויף זיך מיטן שניי
אין העלקייט פון דיין צייכן,
אַן גוואַלד־רופן און אַן געשריי
צו קאָנען דיך דערגרייכן.

צי אָנהייב טאָג, צי אָנהייב נאַכט —
איך הער דיך טרייסטפול זאָגן:
מיין טיר איז קיינמאָל נישט פאַרמאַכט
פאַר די וואָס ליבשאַפט טראָגן.

ערשט איצט דערקען איך און שאַץ אָפּ
אין טרייסטונג אין באַשערטער
דאָס ליכט וואָס קומט אַליין אַראָפּ
אויף שטילקייטן פון ווערטער.

# דער טאָג איז פֿאַרגאַנגען

דער טאָג איז פֿאַרגאַנגען. פֿאַרזאַמלט זיך, שאָטנס,
פֿאַרזאַמלט זיך אין אַ געטרייער מסיבה,
די אָוונט־שעה ברענגט אונדז די לעצטע געבאָטן
צו אויפֿנעמען איינער דעם צווייטן מיט ליבע.

מיר פּאָלגן. מיר פֿלעכטן צונויף זיך אינאיינעם
און נעמען דערציילן אין חלום פֿון ווערטער
די סודות וואָס קיינער דערציילט ניט פֿאַר קיינעם
אויף אָפֿענע שליאַכן, אין רעשיקע ערטער.

מיר בייגן זיך צו צו אַ ברעג פֿון אַ פֿענצטער
און קוקן אַריין אין דעם פּנים פֿון שטראַלן.
אַ שאָטן אַ מינדסטער, אַ שאָטן אַ קלענסטער —
ער ווערט מיטן גרעסטן צוזאַמען פֿאַרפֿאַלן.

נאָך זילבערט אַ זוים פֿון פֿאַרצווייפֿלטער העלקייט,
נאָך גיבן אַ צוק די קאָנטורן פֿון זאַכן:
אַ רויטקייט, אַ בלויקייט, אַ גאָלדענע געלקייט —
זיי צייכענען אָפּ די פֿאַרטונקלטע פֿלאַכן.

ה. לייוויק

# מיין שאָטן

ס'איז גוט וואָס דו נעמסט־אויף מיין שאָטן
מיט חסד, ווי מיך אַליין,
אויף וועגן, וואָס איך האָב באַטראָטן
דיין ליכטיקייט נאָכצוגיין.

ס'איז גוט וואָס ער קאָן זיין מיין עדות
ווי אָפּט איך האָב ווייסע טעג
געוואָרפן אויף שוואַרצע עקדות
צעשטעלטע אויף יעדן וועג.

ווי כ'וועל אָפּט אויך היינט פאַרציטערט
פון דוכטונג, אַז איך בין דו,
און כ'גיב אַ זאָג דערשיטערט:
— מיין שאָטן, וווּ ביסטו, וווּ?

אַז איך בין געטריי דיין באַגלייטער —
איז גוט, וואָס אויך מיך באַגלייט
מיין שאָטן — אַ שטילער, אַ גרייטער
מיר נאָכגיין אויף לעבן און טויט.

נישט איינמאָל האָט ער מיך פאַרביטן —
געבערענט און געפּייניקט צו זיין,
אַז איך זאָל אָן שטער קאָנען היטן
דאָס ליכט פון דיין אייביקער שיין.

# אונטער די עולן פון ליכטיקע שטערן

כ׳שפּאַן געבויגן, טונקל און שווער
אונטער די עולן פון ליכטיקע שטערן.
וויפל איך הער נישט: ווי קומסטו אַהער?
ווייס איך — כ׳וועל מאָרגן דאָס זעלביקע הערן.

כ׳ווייס, און פונדעסטוועגן נייג איך אַראָפּ
מער נאָך די אַקסלען מיט אייגענעם ווילן,
האַרט צו דער ערד לאָז איך זינקען מיין קאָפּ
אַלץ צו פאַרשטעלן און אַלץ צו פאַרשטילן.

אין אַ פאַרשפּעטיקטער נאַכטיקער שעה
זע איך פון ווייסע פיר איילן אַ צייכן.
שאַרף איז די פראַגע: דו ליגסט נאָך נישט דאָ?
אָבער איך מי זיך די שאַרפקייט פאַרווייכן.

און ווען דער טאָג קומט פון מזרח אַרויס
גיב איך זיך ווידער אים אָפּ אין צושטייער,
ביז עס באַפאַלט מיך די זון מיט איר גרויס
און זי צעשמעלצט מיך אין גלוט פון איר פייער.

# ליד צום פאַרבײַגייער

פאַרנויג זיך, פאַרבײַגייער,
פאַרנויג זיך און גריס מיך: גוטמאָרגן.
איך שווער, אַז איך וועל דיך נישט אויספאָרשן
צי טראָגסטו אין האַרץ וואָס פאַרבאָרגן.

אויך ווײַזן דײַן פּנים באַדאַרפסטו נישט —
גענוג נאָר אַ קול פון דיר הערן.
דו שפּאַנסט זיך אַוועק אין דערווײַטערונג,
אין ליכט פון פרימאָרגיקן שטערן.

און איך נעם דיך נאָכגיין, פאַרבײַגייער,
ווען דו ביסט שוין העט־הינט אין שאָטן.
מיט טויאיקן בלענד טו איך צודעקן
דעם שליאַך־שטויב וואָס דו האָסט באַטראָטן.

ווען דו ביסט שוין ווײַט אַ פאַרשווונדענער
אין טאָגליכט אין העלן־צעשטראַלטן —
ערשט דעמאָלט פּרוביר איך אַ פרעג געבן:
וואָס טראָגסטו אין האַרצן באַהאַלטן?

# קלאַפּ אָן אין טיר

קלאַפּ אָן אין טיר, מיין לאַנג־געגאַרטער גאַסט,
מיין ליד צו דיר ליגט גרייט פאַרפאַסט.

די שורות אַלע אויסגעשטעלט אין ריי —
אַט נעם און צייל: איינס־צוויי, איינס־צוויי.

די ווערטער זיינען ריכטיק אויסדערוויילט,
ווי פּערל אויף אַ שנירל אויסגעציילט.

עס וועט נישט אָפּקומען פון זיי קיין אות
און אויך נישט צוקומען, ווייל מ ו ז איז זייער מאָס.

אַ יעדע שורה — ווי אַ גלייכע בריק
וואָס כישופס: דאָרט אויף י ע נ ע ר זייט איז גליק.

דו קאָנסט פון זיי אויך אויסרינגלען אַ קרייז —
פון אייביקער באַהעפטונג אַ באַווייז.

זיי וואַרטן אַלע האַפּערדיק־געשפּאַנט
צו אויפנעמען דעם חסד פון דיין האַנט.

# כ׳האָב היינט געזען

כ׳האָב היינט געזען דורך לאַנגער נאַכט
די ליכטיקייט פון אַלע שטערן.
דורך וואַנט, אויף קייט־שלעסער פאַרמאַכט,
האָב איך געהאַמערט מיט מיין שטערן.

איך האָב גערופן: קום, געגען.
שוין צייט מיך צונעמען פון דאַנען.
און ס׳איז געשען, ווי ס׳איז געשען,
כ׳האָב דורך די ווענט געגומען שפּאַנען.

קיין שטרויכל־טראָט. פון זיך אַליין
צעעפנט האָבן זיך די קייטן,
די לעצטע נאַכט־שעה ביים פאַרגיין
האָט אויפגעדעקט אַ וועג אַ גרייטן.

אַ וואונדער־אויסגעלייגטער וועג,
וואָס רופט זיך: גאַנג צו די אין־סופן,
וואָס נאָר ביים סאַמע סוף פון טעג
קען זען אַ מענטש אים אַזוי אָפן.

באַדאַרפסט זיך געבן נאָר אַ ציי
זיין ערשטן שטויבל צו דערגרייכן —
אַז גלייך דערפילן זאָל דיין קני
אין זיך זיין נצחדיקן צייכן.

## וואַלקנס נידערן אַרונטער

וואַלקנס נידערן אַרונטער
אין גאָלדבלוי און ווערן צעשוווּמען,
בערג־שפּיצן בויגן זייערע קעפּ
צו אַלע אַרומען,
די ליִויטערע נאַכט איז געקומען.

שטעל אָפּ דיינע טריט,
הייב אויף דיינע ברעמען,
גייער.
דאָס גאָלדבלוי ווערט גרוי
און הילט איין די בערג אין אַ שלייער.
שטיי שטיל און געדולדיק, גייער, —
פון הינטערן גרוי
צעעפנט זיך אַ געטלעכער טויער.

פאַר דיר,
און פאַר באַרג,
און פאַר וואַלד,
און פאַר יעטוועדן מין,
וואָס אַ לעבעדיקע זעל איז אין אים,
גייט אויף די צעפּראַלונג —
דער פולער לבנהס צעשטראַלונג.

פון אַלע פיר זייטן,
פון מזרח און מערב,
פון ז׳רום און צפון,
צעטראָגט זיך אַ שאַלונג:
הייב אויף דיינע טריט צוריק,
גייער,
די נאַכט איז אין לויטערקייט אָפן,
דער וועג זינגט מיט שטערן פֿאַרלאָפן.

# דערמאָנונגען

## I

## אויף הויכע אַקסלען

דער טאַטע האָט געפירט מיך אין שול אַריין,
ווען ר׳ יצחק אלחנן איז נפטר געוואָרן,
אין נאַכט פון הספד זאָל איך מיט קהל זיין —
אויף דער סאַמע שוועל פון מיינע יינגל־יאָרן.

די שול איז געפּאַקט פון וואַנט ביז וואַנט,
און אַלעמענס קעפּ ביז דער סטעליע וואַקסן,
דער טאַטע הייבט מיך אויף מיט זיין פעסטער האַנט
און זעצט מיך אַרויף אויף זיינע ביידע אַקסלען.

דעם טאַטנס אַקסלען זיינען פריי און געראַם,
זיי וואַקסן נאָך העכער מיט מיר צוזאַמען.
איך שוועב אין דער לופטן איבער מענטשן אַ ים
אין צעשטראָמטן ליכט פון לאָמפּן־פלאַמען.

אין טלית־ווייס, אויף די אָרון־קודש־טרעפּ,
איז געשטאַנען דער מספיד ר׳ מיכה זאַליעס,
געוויגט איבער די כוואַליעס פונעם ים מיט קעפּ
די פליגל פון זיין האַרץ און פון זיין ווייסן טלית.

די ווייסע פליגל גיבן מיטאַמאָל זיך אַ ריס,
נעמען קלאַפּן איבער קעפּ ווי אַ כסלו־געוויטער,
איך שפּיר ווי דעם טאַטן גיבן אַ בראָך זיך די פּיס
פאַרכאַפּט אינעם כישוף פון עולמשן ציטער.

אָבער גלייך קומט דער טאַטע צו זיך צוריק,
און אויך אַזוי קהל. — די שטימע פון קלאָגער
נעמט טריפן מיטאַמאָל מיט מתיקות פון גליק,
ווי אַ שטימע פאַרטאָג פון אַ תהילים־זאָגער.

אַ בלענדנדיק פייער איבער זיין קאָפּ זיך צעברענט
ביי יעדעס מאָל זאָגן דעם גאונס נאָמען.
און זע, ווער עס ווייגט גאָר? — די סטעליע, די ווענט.
איבער סטעליע און ווענט הייסע טרערן שטראָמען.

מיין קינדיש האַרץ גיט אַ האַסטיקן שפּרונג
איבער אַלעמענס קעפּ און — העכער, העכער;
איך שפּיר אַזאַ טעם ווי כ׳וואָלט צולייגן מיין צונג
צום רויטן וויין פון אַ קידוש־בעכער.

געווען אַזאַ וווּנדער — אַ וווּנדער אויך איצט —
אַז קלאָג זאָל דערפרייען ווי אַ חופּה־קאַפּעליע.
אין מיין האַרץ איז פאַרבליבן אויף אייביק פאַרקריצט
דאָס זיסע געוויין פון ווענט און סטעליע.

II

# די בעקערין

דער טייג אין מולטער הייבט זיך הויך און העכער,
דער הייוון שטראָמט אין אים, ווי אין אַ לייב דאָס בלוט,
דער טייג נעמט אָטעמען דורך אויפגעיוירטע לעכער.
פאַרטאָג. די מאַמע היט די ריכטיקסטע מינוט.

די מאַמע טוט אַריין אין טייג די ווייסע פינגער,
די אָפּגעדעקטע אַקסלען אירע נייגן זיך אַראָפּ;
ווי יונג זי איז, ווערט איר פאַרטאָג־געשטאַלט נאָך יינגער,
ווען דער באַגינען נעמט אַרומשטראַלן איר קאָפּ.

די מאַמע נעמט אַרויס צעיוירטע שטיקער
צעוואַרעמטע, און פלעכט זיי אויף אַ ווייסער ברעט,
זי ווערט פון ווייניק־זיסן טייג־געררוך ווי שכור
און פאַלט אַ רגע צו צום ווענטל פון איר בעט.

אין אָט דער רגע גיט איר גאַנצער׳ גוף אַ ציטער
און אירע באַקן ווערן שעמעוודיק, אָט בלאַס, אָט רויט,
ווען אירע ליפּן מורמלען: גאָט, באַשיצער און באַהיטער,
כ׳טו תפילה אַז געראָטן זאָל מיר זיין מיין ברויט.

איר תפילה ווערט דערהערט. אין אויפברויז פונעם הייוון
די ברויטן שפּאַרן צו דער קיילעכדיקסטער הויך,
און אַט איז שוין געצונדן און צעפלאַמט דער אויוון
אין ריינער פלאַקערדיקייט אַן געמיש פון רויך.

אַ גוטער סימן אַז אַ שפּע־טאָג וועט קומען,
אַ טאָג פון מזל אויפן אויסגעחלומטן יריד;
און אפשר אויך אַ צייכן, אַז דאָס שטעטעלע איהומען
וועט אויפגיין ווען ווי פייער אין אַן אָוונט־ליד.

III

# אונטער אָפענע שטערן

איך הער ווי דו קלאַפּסט, ווי דו עפנסט מיין טיר,
איך זע דיך אין חלום, ווי דו שפּאַנסט אַריבער
מיין שוועל, ווי דו קומסט־צו און גיסט אַ ריר
מיין באַק און דו זאָגסט: גוט ג׳אָוונט, ליבער.

אַ זעלטענע רגע. די זעלטנקייט שפּרייט
אויף אַלע פיר ווענט אַ צעפלי̇גלטן פייער,
און ווען פונעם פייער די העלקייט פאַרגייט
זאָגט ווידער דיין קול: גוט נאַכט, געטרייער.

איצט גייסטו אַרויס, אַזוי לייכט ווי אַריין,
איך הער דיינע טריט אין בלויען דערווייטער,
עס בלייבט אויף מיין באַק אַ צעפיבערטע שיין,
און אויף מיינע ליפּן — אַ רוף אַ באַנייטער.

איך רוף: קום צוריק, ביז די מיט־נאַכט פאַרשווינדט,
ביז אַלע פאַרמאַכטע פיר ווענט מיינע ווערן
פונאַנדערגעטראָגן ווי פליגל אין ווינט,
און — כ׳ליג אונטער אָפענע ווייסאַפּלען־שטערן.

זיי נעמען מיך דורך. איך ווייס — דאָס ביסטו.
וואָס האַרטער די ערד — איר זאַמד־בעט אַלץ ווייכער;
דאָס איז דאָס געזאַנג פון דיין זעלישער רו,
דאָס זיינען פון דיינע צוויי אָרעמס דער זכר.

IV

# מײן ערשטע ײִנגלשריקע זעאונג

מײַן ערשטע ײִנגלדישע זעאונג איז געװען דער װ י ד ע ר,
װאָס האָט געװאָרט פֿאַרפּלאָנטערט מיט זײַן הערנער־קאָפּ,
ביז װאַנען יצחק װעט צוריק מיט אָפּגעבונדענע גלידער
פֿון טויט־פֿאַרגרויליקטער עקידה אויף דער ערד אַראָפּ.

צוערשט האָב איך פֿאַר יצחקן געגאַד ביי גאָט געבעטן,
דערנאָך האָט ס׳האַרץ מיר צו דעם װ י ד ע ר זיך געטאָן אַ קער,
און אַ צעמישטער בין איך נאָכדעם, אין סוף־טאָג אין שפּעטן,
פֿון חדר — נישט געגאַנגען, נאָר געשלעפּט זיך קרענקלעך שװער.

כ׳האָב נישט פֿאַרשטאַנען צוליב װאָס האָט זיך אַזוי פֿאַרפּלאָכטן
דער װ י ד ע ר אין געדיכטן בוש, — מיט גוטן צי מיט גװאַלד?
אויב יצחקס האַלדז האָט אויסגעמיטן פֿון צו זײַן געשאָכטן,
צי מוז אַ צװײטער האַלדז זײַן לײדיק אָרט פֿאַרנעמען באַלד?

צי טאָר אַ לײדיקער דער שטײן־מזבח נישט פֿאַרבלײַבן?
צי עמעצנס אַ גאָרגל מוז געשניטן זײַן סײַװי?
איך האָב מײַן האַרצװײטיק מיט קײן זאַך נישט געקאָנט פֿאַרטרײַבן,
אין אַנגסט־חלומות אומגעװאָרפֿן זיך ביז אינדערפֿרי.

כ׳געדענק נאָך קלאָר פון די חלומות: הערנער־שפּיצן צוקן
אַראָפּגעהאָנגענע, פאַרבראָכענע, און אונטער זיי
צווייַ קיילעכדיקע פייער־אויגן קוקן, קוקן, קוקן —
זיי ווילן שרייַען, נאָר עס פעלט זיי ס׳קול פון אַ געשריי.

די הערנער פאַלן צו דער ערד, ווי אָפּגעהאַקטע צווייַגן,
דער שעפּסן־קאָפּ ווערט פלוצלינג גרוי. ווי ס׳וואָלט אַ מענטשנס זייַן,
די אויגן וואָלטן אפשר וועלן שרייַען, נאָר — זיי שווייַגן
אין בונד מיט יצחקס שווייַגעניש וואָס איז אין זיי אַרייַן.

V

# בלויער פאַרטאָג

איך זע מיט אַלע מיינע חושים
אַז ס׳קומט אָן דאָס גרעסטע געשען,
כ׳פאַל־צו צו אַ שאָטן און כ׳קוש אים
און כ׳פרעג אים: זאָג, ווען שוין? זאָג, ווען?

קיין פחד אין מיר, קיין חרטה,
נאָר גרייטקייט. — איך וואַרט און איך גאַר.
דערהער איך דאָס קול פון מיין טאַטע:
וואָס איז דאָס געאייל אויף דיר, נאַר?

אַמאָל פלעגט ער בייז און מיט האַרטקייט
מיר וואַרפן אין האַרץ אָט דאָס וואָרט,
און איצט אַזוי וייך, פול מיט צאַרטקייט
דאָס קול זיינס פון הייליקן אָרט.

איך ענטפער — אויך וויך, פול באַזעלטקייט —:
איך איל, ווייל איך זע די מינוט
וואָס לייזט אויס מיין יעדע פאַרשטעלטקייט
אין ליכט פון מיין בענטש־וואָרט: ס׳איז גוט.

ס׳איז בלויער פאַרטאָג. אויף מיין גומען
צעגיסט זיך די זיסקייט פון פ אַ ר,
און זיסער, ווי כ׳האָב ווען פאַרנומען,
פאַרנעם איך דאָס טאַטע־וואָרט: נ אַ ר.

VI

# מאַמע־ליד

איך זע דיין פּנים אַזוי אויפגעגאַנגען קלאָר
אין בלויקייט פון באַגינען.
דיין פרישע וואַרעמקייט אויף מיר — דיין בכור —
ווי נאַפּל־מילך טוט רינען.

דו נעמסט אַרום מיך מיט דיין אויסגעבלייכטער האַנט
ווי ס׳נעמט אַרום אַ ניגון.
און טראָגסט מיך צו דיין פרייען רחבותדיקן לאַנד
פון לויטער וווּנדער־וויגן.

אין סאַמע מיטן פון אַ פייערדיקער וועלט
די וווּנדער־וויגן הענגען,
עס וואַקסט דיין ליבשאַפט־ווילִיקייט (וואָס מער עס העלט)
צום וויגן־לאַנג׳ מיך ברענגען.

צווישן דיינע פינגער האַלטסטו אַנגעגרייט
ווייס־לייוונטענע וויקלעך,
דו וויקלסט מיך, דו הוידעסט מיך; דיין האַרץ פול פרייד,
דיין שמייכל איבערגליקלעך.

וויג נאָכאַמאָל דיין בכור אַהין־אַהער,
די אייביקע פון פרויען;
צו זען דיך גליקלעך ווען — געוווען איז מיין באַגער,
און אָט ווערט עס מקוים.

VII

## צוויי מעשענע לייכטער

צוויי מעשענע לייכטער אויף בײדע זייט שאַנק, —
צוויי צייכנס ירושה אין אַלטקייט געבויגן,
די רינגען, געטאָקטע, מיט געל־בלענד באַצויגן,
זיך וויקלען אין חלום פון שבת־ליכט צאַנק. —
אַ חלום אַ זיסער ווי קידוש־געטראַנק:
צען מאַמעשע פינגער אַריבער די אויגן,
אין פלאַטער פון טאַנציקע פלעמלעך, זיך נייגן
צו גאָט פון אברהם אין לויב און אין דאַנק.

און היינט איז גאָר מיטוואָך. די נאַכט־רו פאַרצוקט זיך,
אין דרויסן אַ שטורעם — האַלב רעגן, האַלב שניי;
וואָס האָסטו אַזוי מיטאַמאָל גאָר פאַרקוקט זיך
אויף לייכטער פאַרשוויגענע מעשענע צוויי?

נאָר זע — דיינע ברעמען הייב־אויף עטוואָס העכער:
אין מאַמעשער האַנט אויך פון קידוש דער בעכער.

VIII

## פון יאָרן פון פאַרגאַנגענע דער אַראָמאַט

פון יאָרן פון פאַרגאַנגענע דער אַראָמאַט
האָט היינט אַרומגענומען מיך מיט זיסע שטראָמען;
אפילו ווען דו זאָגסט: איך בין מיט יאָרן זאַט —
גייט־אויף דיין זאָג ווי טוי־ווייס איבער תהומען.

ווער שטראַלט פון תהום אַרויף מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
מיט צען צעלויכטענע, צען פינגער דינע?
ווען כ׳וואָלט פאַר זיך אַליין זיך נישט געשעמט
וואָלט איך געזאָגט: איך זע מיין יונגע מאַמע־שכינה.

איך שעם זיך אָבער יאָ פאַר זיך אַליין,
ווייל כ׳ווייס נישט פאַרוואָס קומט מיין ווייסער עלטער
צו אויפגיין פלאַמיק, פאַרן אָפּשלוס פון פאַרגיין,
ווען אַלע אָטעמס ווערן קעלטער, קעלטער.

צי אפשר האָט מיין מאַמעס ליכטיקע געשטאַלט
געהאַלטן זיך אַליין א י ן ש אָ ט ן פון גן־עדן,
צו קאָנען אויפקומען, ווען איך וועל ווערן אַלט,
און מער פון מיר זיך קיינמאָל שוין נישט שיידן.

איך ווייס נישט צו־וואָס גאָר איך נאָך אַזאַ מין נס,
פאַרוואָס באַנוגן איך זיך נישט מיט הערן נאָר איר נאָמען. —
דער אַראָמאַט פון יאָרן, שאַרף און זיס ווי בעז,
האָט היינט פאַרטרונקען מיך מיט זיינע שטראָמען.

IX.

## געפלאַטער פון הענט

געפלאַטער פון הענט
ווי אַ פאָכען פון פליגל...
אָט רירט ער אָן ווענט,
וווּ עס הענגט נאָך זיין וויגל.

ער גאַפט: אויף אַן ערד,
אויף אַ חרוב־פאַרברענטער,
ער קומט, נישט געשטערט,
צו זיין וויג־צו אַלץ נענטער.

זי הענגט אויף פיר שטריק,
אויף אַלטמאָדיש געשטריקטע,
אַהין און צוריק
אַ פונאַנדערגעוויגטע.

אַ וווּנדער ביז גאָר:
אין וויג קיינער טוט ליגן,
און דאָך, יאָר נאָך יאָר,
האַלט זי אַלץ זיך אין וויגן.

אַ וווּנדער נאָך מער:
אַז אין חורבן אין מיטן
אַ וויג, איינזאַם, לער,
זאָל אַליין זיך פאַרהיטן.

דאָס שטיבל — פיר שפּאַן —
אַ פאַרבליבנס פון פייער,
וואַרט לאַנג אויף דעם מאַן
וואָס זיין וויג איז אים טייער.

און קומט ער צוגיין —
ווערט די פרייד אין לשער:
די וויג, ווייס ווי ביין,
לויכט צעשטראַלטער פון פייער.

ער לייגט זיך אַריין
מיט אַ לייכטקייט פון פליגל,
און שלאָפט גליקלעך איין
אין זיין ערשט־ערשטן וויגל.

## X
# אַ ליכטשטראַל

לאָד אויס דיין צאָרן און דיין האַרץ שטיל איין,
באַדאַרפסט די שטילקייט מערער ווי דעם צאָרן.
מיט טריט מיט ווייכע נעם און קום אַריין
אין שטיבל ווו דו ביסט געווען געבאָרן.

באַטרעט דעם דיל פון ליים, ריר אָן זיין שטויב
וואָס ליגט נאָך גאַנץ. דער ליים וועט דיך דערקענען.
גיי־צו צום פענצטער מיט דער אויסגעהאַקטער שויב
און ס׳וועט אַ ליכטשטראַל צו דיין באַק געגענען.

אַ ליכטשטראַל פון צוריק מיט זעכציק יאָר
פון אונדזער גוטער זון פון קליין־איהומען,
און איבער גאָר דער מידער וויס פון דיינע האָר
וועט זיך צעשמייכלען אַ דריי־זילבעדיקס: גע־קו־מען.

אין פאָדער־ווינקל וועט זיך אויפכאַפּן אַ פלאַם:
אַ האָרעפּאַשנער בעקער־אויוון העל צעפלאַקערט,
און דורך דער טיר וועט אָנטראָגן אַ זיסער טעם
פון ערד פון דורכגערעגנטער, נאָר־וואָס צעאַקערט.

פון סטעליע אויבן וועט אַראָפּהענגען אויף שטריק
דיין וויג, און זיך פונאַנדערהויבן ברייט־פּאַרנעמיק,
אַ קול אַ מאַמעשער וועט זיך צעזינגען הין־צוריק,
אַ קול אַ טאַטעשער וועט זיך צעדאַוונען אַדיישעמיק.

והוא רחום — דאָ, דאָ, און אומעטום — רחום.
דער מולד ווייזט זיך, נעמט אויך הוידען טאַטע־מאַמען,
דערנאָך, ווען ער פאַרוויגט זיי, האַלדזט ער דיך אַרום,
און שלאָפט איין שטיל אין וויג מיט דיר צוזאַמען.

XI

# חד־גדיא

חד־גדיא — דאָס שניי ווייסע ציגעלע,
וואָס טאַטע האָט געקויפט פאַר צוויי גילדן —
שטייט אַלץ נאָך און היט דעם קינדס וויגעלע
און זינגט אַלץ אַ ניגון אַ מילדן.

זינג, זינג! — אין אַ לאַנד אַ ניטאָיקן,
אין אַ העק וואָס געדופן זיך שטעטל,
וויגט ציגעלע מיט אַ פוס מיט אַ טלאָיקן
דאָס וויגעלע פון שטריקל און ברעטל.

דאָס קינד איז ניטאָ אינעם וויגעלע —
אַ חוץ נאָר אַן אָנוווּנק פון זאַכן:
אַ שטרייעלע און עפּעס אַ שפּיגעלע
וואָס קאָן אַן אויג לאַכעדיק מאַכן.

אַרום — אַ צעשטאָרבענע ליידיקייט,
נאָר ס׳ציגעלע ווייס ניט פון שטאַרבן —
עס פילט אָן מיט ליכט און מיט פריידיקייט
דעם שפּיגעלעס בראָכיקע קאַרבן.

עס וויגט זיך אין ניגון דאָס ציגעלע
און קאָן זיך מיט דעם ניט צעשיידן,
עס זעט זיך אַליין אינעם שפּיגעלע
און קוועלט אין ניטאָיקע פריידן.

עס קוועלט און עס שפּאַסט־צו דאָס ציגעלע:
— אָ, אַבאָ׳לע, אַלטער צי יונגער,
מעלק אויס מיר מיין מילך אין אַ קריגעלע
צו שטילן דיין אייביקן הונגער.

זע, אייביק איז אויך דאָך דאָס וויגעלע
אין עלנד פון סופלאָזע שעהן, —
פאַרשטיפּט זיך אַליין דאָ דיין ציגעלע
מיט זיך אין אַ וועלט פון ניטאָ׳ען.

צו זינגען דאָס אייביקע ניגעלע
דורך אַלערליי גראַמען און חרוזים. — — — —
חד־גדיא — דאָס שניי ווייסע ציגעלע,
וואָס אַבאָ האָט געקויפט פאַר צוויי זוזים.

XII

# אין שעהן פון שטילקייט

אין שעהן פון שטילקייט
דערהער און דערשפּיר —
ווי ס׳פּלאַטערט אַ בלעטל
אויף יענער זייט טיר.

דורך שלעסער, דורך צאַמען,
דורך שטיין און דורך שטאָל,
דאָס שוואַכסטע געפּלאַטער
גייט־אויף אין אַ קול.

ווי קורץ ס׳איז די רגע —
פאַרנעמסטו מיט דאַנק,
ווי פול ווערט מיט חסד
דיין האַרץ וואָס איז קראַנק.

וואָס זאָגט דיר די רגע?
איר טרייסט וואָס באַטייט? —
אַ מענטש ווערט געבוירן
פאַרטאָג, ערגעץ ווייט.

נעם־אויף די יסורים
אין ווײ פון פאַרטאָג, —
מיט טאָג אויף די ליפּן
דאָס מאַמע־וואָרט זאָג.

און גלײַך, ווי דו זאָגסט עס,
צעפראַלן די ווענט, —
און ס׳נעמען אַרום דיך
צוויי אײביקע הענט.

XIII

# מיין שוועסטערל

מיין שוועסטערל ליגט אויפן ליימיקן דיל.
אין דרויסן — אַ שטורעם און אינעווייניק — שטיל.
מיר נעמען די שטילקייט פון ליימיקן שטיבל
און טראָגן זי איבער צום קברשן גריבל.

מיר וויקלען זי איין אין אַ מילטערל קליין.
דורך ווינטיקן כוואַליע־ים, קוים דורכצוגיין,
דורך שטורעם־געוואיען, דורך שדישן רייסן
מיר טראָגן די שטילקייט פאַרוויקלט אין ווייסן.

מיר לאָזן די שטילקייט אין גריבל אַראָפּ,
און גלייך פאַלט דעם שטורעמס געוואַלדיקייט אָפּ,
ער דעקט אָפּ — צוזאַמענגעדרייט און דערשראָקן —
מיין שוועסטערלס ליכטיקע, גאָלדענע לאָקן.

דער שטורעם פאַלט־צו צו מיין שוועסטערלס גוף,
ער בלייבט אַזוי ליגן און שטייט מער נישט אויף,
ער טוט אויס פון זיך זיינע רוישיקע פליגל
און שלאָפט איין פאַרוויגט אינעם קברשן וויגל.

דערנאָך גייען אַלע, ווי וואַנדלער, אַהיים
צום קליינעם, פאַראַבלטן שטיבל פון ליים,
און טראָגן־מיט שטויבעלעך — אָנריר פון קברים —
און ס׳ליידיקע מולטערל אונטערן אָרעם.

דערנאָך טוען אויס טאַטע־מאַמע די שיך,
זיי זעצן זיך שבעה אין זאָקן. אויך איך.
איך זיץ אין געחלומטע העל־בלאָנדע זאָקן,
געוועבט פונעם גאָלד פון מיין שוועסטערלס לאָקן.

## XIV

# מע זעט נאָך נישט דעם בושל שטיין אויף אונדזער בוים

(דניאל משאַרניִן)

מע זעט נאָך נישט דעם בושל שטיין אויף אונדזער בוים,
דער פרילינג האָט זיך ערגעץ ווו פאַרהאַלטן.
איך זיץ ביים שוועל פון אונדזער אַלטער היים
און זאָרג וואָס קנאָספּן האַלטן זיך נאָך נישט אין שפּאַלטן.

אַ זאָרג אַ זיסע, ווייל מיט האָפענונג באַגלייט.
דאָס שפּאַלטן־זיך מוז קומען מיט דער קראַפט פון לעבן.
מיך טרייסט אַ בערגל ערד אין אויסזען פון אַ בייט
וואָס דינע גרעזלעך האַלטן עס אין איין פאַרוועבן.

דאָס בערגל מאַניעט, רופט און ציט מיך צו,
איך טו אַריין אין גרין־געוועבן מיינע פינגער.
איך וווּנדער זיך ווי קומט צו מיר אַזאַ מינוט פון רו
צו פילן זיך מיט פופציק פרילינגס יינגער?

איך זיץ, אַ יינגל, אויף צעקלאַפּטע טרעפּ פון ליים
און לאָז זיך שפרינגען פון די טרעפּ אַראָפּ אויף שטיינער.
צי דאַרף איך נאָך סימנים אַז דאָס איז מיין אַלטע היים?
פאַרוואָס, פאַרוואָס באַגעגנט מיך ניט קיינער?

### אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים

צי זאָל עס אמת זיין אַז קיין זאַך איז שוין דאָרט
נישטאָ? — פאַר פרילינג פּאַסט נישט אַזאַ אמת.
אָט הער איך דאָך מיט אַלע חושים וואָרט נאָך וואָרט:
— דיין היים איז גאַנץ, איז אייביק, — נעם עס!

מיין היים איז אייביק, — אָבער איך דערוואַרט זיך קוים
אַז קנאָספּן זאָלן זיך שוין נעמען שפּאַלטן.
דעם בושל זע איך אַלץ נאָך נישט אויף אונדזער בוים,
דער פרילינג האָט זיך ערגעץ ווו אויף לאַנג פאַרהאַלטן.

## XV

# דאָס לעמפּל האָט געברענט אין לעצטער ברענונג

דאָס לעמפּל האָט געברענט אין לעצטער ברענונג,
די באָבע איז געלעגן אויפן ווידוי־בעט.
איר אויג האָט פול געלויכטן מיט דערקענונג,
און אירע ליפּן האָבן וואַרעם, ווייך גערעדט:

„איך דאַרף דיין שטערן אָנרירן מיט מיינע פינגער
צו בענטשן דיך, נאָר מיינע פינגער זיינען שוואַך.
דערפאַר איז מיר דאָס רעדן גראָד היינט גרינגער,
און כ׳וואָלט געקענט דערציילן מעשות דיר אַ סך,

נאָר דיר — אַ קינד — וועט שווער זיין אַלץ צו הערן,
איז בעסער שוין אַז איך זאָל קינדיש זיין, ווי דו:
לייג דו אַרויף די פינגער דיינע אויף מיין שטערן
און האַלט זיי — ביז די אויגן מיינע ווערן צו.

און דאָס וועט מיינען, אַז דו האָסט מיט גוטע ווערטער
ביים שיין פון לעמפּל מיך פאַרוויגט אין מיטן נאַכט,
אַז דו ביסט מיר געווען מיין גאָט־באַשערטער,
וואָס האָט מיר מיינעביידע אויגן צוגעמאַכט“.

איך האָב אַזוי געטאָן: געגלעט דער באָבעס שטערן;
ער איז געווען געפּאַלדעוועט און פאַרמעט־קאַלט.
די לעצטע ווערטער אירע קען איך היינט נאָך הערן:
„דיין האַנט אויף מיר — אַ נאָך אַ קליינע רגע האַלט“.

XVI

# אַן ערדענע ליימענע שיסל

אַן ערדענע ליימענע שיסל
דערמאָנט מיר מיין קינדערשע היים.
אַ טיש מיט אַ הינקענדיק פיסל
פאַרזינקט אין אַ גריבל פון ליים.

ס'איז קיינער נישטאָ אין שטיבל,
נאָר איך — נאָך אַ קינד — אַליין,
איך טראָג־צו אַ שטיין צו דעם גריבל,
שפּאַר אונטער דעם טיש מיטן שטיין.

דער טיש אָבער מער נאָך נעמט הינקען,
ווייל טיפער גנעמט זינקען דער שטיין,
און זע — אויך די זון נעמט זינקען,
אַהינטער די שייבלעך פאַרגיין.

פאַרלאָז איך דאָס שטיבל, שפּרינג איבער
אויף אַלץ מיט אַנאַנדער — און לויף
צו אויסגלייכן שנעל אַלע גריבער,
די זון זאָל נישט זינקען אין הויף.

די זון אָבער וואַרט נישט — נעמט פאַלן
אין תהום פון איר אייגענער שיין,
און כ׳זע ווי אַ שפּליטער פון שטראַלן
אין שטיבל־שויב רייסט זיך אַריין.

איך לויף נאָכן שטראַליקן שפּליטער
און שטרויכל ביים טיש אין געהינק,
איך פאַל מיט אַ קניאיקן ציטער
און זינק ווי די זון און פאַרזינק.

XVII

# יום־טוב

דער טאַטע פירט מיך פאַר אַ האַנט אין שול.
דער טאָג איז פרימאָרגנדיק זוניק,
דער טאָג איז — יום־טוב.

מיין האַנט — אין דער רעכטער האַנט פונעם טאַטן;
מיין האַנט — אַ הענטל,
און דעם טאַטנס — אַ גרויסע, אַ וואַרעמע,
אַ זיכערע אין היליקייט פון רו,
באַשיצט און באַהיט פון גאָט ברוך הוא.
דער טאָג איז — פּסח.

מיר שפּאַנען איבערן פרייען אָפּגעליידיקטן מאַרק.
דער טאַטע גייט, און איך שפּרינג אונטער.
זיינע שמאָלע אַקסלען הייבן זיך צום הימל,
זיין רויטע באָרד שמייכלט צו דער זון.
דער טאַטע גייט, און איך טאַנץ אונטער,
מיין קליינער שאָטן טאַנצט אַריין אין זיינעם,
מיין קליינער שאָטן דערגרייכט קוים זיינע קני.
דער טאַטע איז היינט מילד ווי יום־טוב.

אַלע קראָמען אין שטעטל — געשלאָסן,
אָבער דער מאַרק אַליין איז רחבותדיק אָפן
צו אַלע פיר זייטן.
אַלע שטיבלעך שטייען, אויסגעגלייכט ליכטיק,
געבענטשטע אין חסדיקער רו,
פאַרטרויטע אין דער האַנט פון גאָט ברוך הוא,
ווי מיין הענטל אין דער האַנט פונעם טאַטן.

כ׳בין אַלט געווען פינף יאָר,
און דער טאַטע איז אַלט געווען — — אייביק.

# אַמאָל, אין איין קליינער מינוט

אַמאָל, אין איין קליינער מינוט
פאַרקניפּסטו אַ גאַנצן יאָרהונדערט:
אַן אויג אויף דער וואַנט פון דיין שטוב
קוקט־נאָך דיין פאַרמעסט און באַוווּנדערט.

דאָס אויג פון דיין טאַטנס פּאָרטרעט
אַנטפּלעקט דיר דעם סוד פון די סודות
צו זען דורך איין ווונק פון אַ בליק
דאָס נס־לאַנד פון ווייט־ווייטע זיידעס.

אַט הייבסטו זיך אויף, טוסט אַ פלי —
דו ווערסט ווי אויף דורות יונג־ייִנגער,
פאַרויס, ווי אַ ווייזער־מאַגנעט,
דעם טאַטנס דין־ליכטיקער פינגער.

דו פליסט אויף צוריק און פאַרויס,
צו אַלט־לאַנד, צו ניי־לאַנד אינאיינעם,
ביז פּלוצלינג דער פינגער פון ליכט
דערשפּירט אַז ער לייכט ניט פאַר קיינעם.

ער לאָזט זיך אַראָפּ שווער און מיד,
בלייבט הענגען אין איינבראָך פֿאַרלאָשן,
און דו קוקסט אויף אים דורך אַ ברעם
אין פּחד, אָן ווונק און אָן לשון.

דו גראָבסט איין אין קישן דיין קאָפּ
און מיינסט אַז דו זינקסט איין אין שלאָפֿן,
דו ווייסט אָבער גוט, אַז דאָס אויג
פֿון טאַטנס פּאָרטרעט איז ברייט אָפֿן.

דו שפּרינגסט־אויף צוריק מיטאַמאָל
פֿון ליכט־שטראָמען נייע פֿאַרוווּנדערט,
דיין טאַטנס פּאָרטרעט קוקט אויף דיר
מיט אויגן פֿון פֿערציק יאָרהונדערט.

# נ י י ־ ג ע ב ו ר ט

איך זינק ווי אין אַ תּהום,
און זינקענדיק — איך רוף:
צום שורשדיקן זאָם
נעם קער זיך אום, מיין גוף.

מיין טאַטע — לאַנג שוין שטויב,
מיין מאַמע — אויך אַזוי,
און איך אַלץ גלויב און גלויב
אַז איך בין נאָך אין זיי.

איך הער אַ לייב־געשריי —
מיין מאַמעס בראָכשטול־וויי:
ביים סוף פון מיינע יאָרן
כ׳דאַרף ווערן ערשט געבאָרן.

און אָט געשעט: איך ווער
געבאָרן, און איך הער
ווי ס׳האַלט מיך אין פאַרוויגן
אַן אָפּזינג פון אַ ניגון.

ה. לייוויק

# עקידה

ער ליגט אויפן האַרטן מזבח,
די הענט און פיס געבונדן,
און — וואַרט.

זיינע אויגן — האַלב צו, האַלב אָפן.
ער קוקט דורך זיי אויפן טאַטן,
און — וואַרט.

דער טאַטע זעט זיינע אויגן,
ער גיט אים אַ גלעט איבערן שטערן,
און — וואַרט.

דער טאַטע נעמט אין האַנט דעם מעסער,
אין ציטעריקע, אין אַלטע פינגער,
און — וואַרט.

דערהערט זיך פון אויבן אַ בת־קול,
— האַלט אָפ! — בלייבט די האַנט אין גליווער,
און — וואַרט.

גיט דער האַלדז מיט אַלע זיינע אָדערן
אַ טאַנץ אינעם נס פון נסיון,
און — וואַרט.

טראָגט דער טאַטע דעם זון אַרונטער,
בלייבט ליידיק און פריי דער מזבח,
און — וואַרט.

שטייט אַ לאַם אין דאָרנבוש פאַרפלאָכטן
און קוקט אויף דער האַנט מיטן מעסער,
און — וואַרט.

ה. ל יי ו י ר

# הענט צו דער לבנה

(יואלן מיין אייניקל)

דאָס העלע ייִנגעלע לאַכט קלינגענדיק דין,
דער וואַזאָן אין זיין טאָפּ שמייכלט־צו פריש גרין,
און צוויי מענטשן דערביי, מיט קנייטשן אויפן שטערן,
ע'יקן ברכות צו גאָט פאַר זען און פאַר הערן.

פאַר זען גרינע בלעטער אַלע אין איין מאָל,
פאַר הערן דעם ייִנגעלעס גלעקלדיק קול,
ווען אויף אַלע שויבן, דורכן גאָלד פון שטראַלן,
נעמט ערשטער זילבער פון לבנה שוין פאַלן.

דער טעם פון די ברכות צעגייט זיך אויף דער צונג
אין וואַרעמער צוקעניש ביז אַרונטערן שלונג,
אין אַ ווײַלע אַרום נעמט דאָס ייִנגעלע זיך שיידן,
לאָזט איבער אין לבנה־וויס די באָבע מיטן זיידן.

זיי שטעלן זיך ביידע ביי די שויבן אַוועק
און קוקן ווי דער מולד פון עק ביז עק
אין זיין דינעם אויסבייג ווערט עטוואָס ברייטער, —
זאָל ניט פעלן אַ האָר — פאַר אַ קינד אַ טרומייטער.

דער באָבען מיטן זיידן פֿאַלט־איין אַ געדאַנק
צו אויסציִען די פֿינגער און געבן אַ דערלאַנג
פֿון טיף־בלויען הימל דאָס שפּילצייג — די לבֿנה,
און שיקן עס צום ייִנגעלע פֿון ביידן אַ מתּנה.

זיי טראַכטן ניט קיין סך, זיי שטרעקן אויס די הענט
דורך אָפֿנקייט פֿון שויבן, אַפֿילו אויך דורך ווענט,
און ס׳ציִען זיך אַוועק מיט אַ ציִעניש אַ גרינגער
צום סאַמע ווייטן הימל זייערע ווייסע פֿינגער.

# און ערגעץ־ווו איז שוין מיין גורל לאַנג באַשטימט

און ערגעץ־ווו איז שוין מייז גורל לאַנג באַשטימט,
דאָך עמיצער גיט אַלץ נאָך אָפּ פּאַר מיר זיין לעבן.
און אויב איך האָב מיט עפּעס וואָס פאַרקרימט —
צי קאָן איך בעטן קרומקייט מיר פאַרגעבן?

צום ליכט פון דעם, וואָס שיידט זיך פאַר אַ קרבן אָפּ,
ווי קאָן איך צוקומען פאַרטוליעט אין מיין שאָטן? —
צי ס׳איז אַ מענטש וואָס גיט אַוועק פאַר מיר זיין קאָפּ,
צי גאָר אַ מילב וואָס איך אַליין האָב ערשט צעטראָטן.

און ערגעץ, אין דער קלענער רגע אָט אין דער
ווען כ׳שרייב די שורות, — ווייס איך אַז עס פאַלן:
דאָרטן טראָפּנס בלוט, און דאָרט — אַ טרער,
אויף איינעם — בליי, און אויף אַ צווייטן — שטראַלן.

און אַז איך ווייס שוין דורות לאַנג דערפון —
דערפלעפט מיך אַלץ די רגעדיקע גאַפונג:
פאַרוואָר — דאָס בלוט בלייבט בלוט, די זון בלייבט זון,
נאָר איך אַליין זוך אַלץ נאָך מיין באַשאַפונג.

איך זוך עס, כאָטש מיין גורל איז שוין לאַנג באַשטימט,
און כ׳ווייס ניט צי איך האָב וואָס צוצוגעבן
צו יענער אייביקער ניט אויסגעקויפטער זינד,
וואָס עמיצער גיט אַלץ נאָך אָפּ פאַר מיר זיין לעבן.

# אייביקער קרייז

דיין קיום שפּרייט אויס אויף צעפּאַלונג,
דיין שטילקייט — אויף טומל פון רייד;
אין חושך געפינט דיין צעשטראַלונג,
אין עצבות — דיין לויטערע פרייד.

פון אָפענע וועלטס פיר עקן
מיט טויט־גאַרטלען אָנגעגורט
פאַרטראָג זיך אין קינדישע העקן
צו וויִען פון ווידערגעבורט.

אין אָפּקלאַנגען ווייטע, פאַרשטיקטע,
אין ערגעץ אַן אייגענעם העק, —
אויף מאַמעשע הענט אויף צעוויגטע
דיין ערשט־ערשטן שטאַמל אַנטפּלעק.

און טרעפסטו דעם מאַמעשן אָרעם
צעאַשט אין אַ חרובן הויז, —
ברעך־אויף און רייס־אויף אַלע קברים,
און רוף אַלע מאַמעס אַרויס.

געפין צווישן זיי דיין געזוכטע,
און נעם זיך פון איר אַ באַווייז,
ווי טויט איז אַ סוף אַ געדוכטער,
און לעבן — אַן אייביקער קרייז.

# דער קרייז נעמט זיך פאַרשליסן

דער וועג פאַרבייגט זיך רונדער —
כאַפּט־אויף דאָס וואַכע אויג
דעם כישופדיקן ווונדער
פון לעצטן, לעצטן בויג.

איך טו אַ דריי מיין פּנים
און שמייכל גערן צו
צו אַלץ וואָס קען דערמאָנען
דאָס אָנקומען פון רו.

אין לויטער פון געוויסן,
אין ווידוי נאָכאַנאַנד —
דער קרייז נעמט זיך פאַרשליסן
אַרום מיין חלום־לאַנד.

עס רוען אַלע מאָסן
מיט מיר פון ראַנד ביז ראַנד.
דער קרייז איז שוין געשלאָסן
אַרום מיין חלום־לאַנד.

# מענדעלע פֿאָרט קיין קאַבצאַנסק און פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד

דאָס פֿעלד רייפֿט מיט ליטווישן קאָרן,
דער וואַלד שמעקט מיט יידישן סכך, —
פֿאָרט מענדעלע מוכר ספֿרים
וויאָרסט־איין — וויאָרסט־אויס מיטן שליאַך.

זיין בויד וויגט זיך אום ווי אין חלום,
זיין קליאַטשע שפּאַנט דראַבנע און מיד.
ער טרייסט זי מיט קלוגע משלים,
פֿאַרגלייכט זי צום אייביקן ייד.

ער טרייסט זי מיט רייד, אַליין אָבער
דערשפּירט ער אַ קלעמונג אין ברוסט:
דאָס פֿערדל גייט אויס נאָך אַ האָבער,
און גראָד איז די טאָרבע היינט פּוסט.

באַפֿאַלט אים אַ שפּאַט און אַ צאָרן
אויף גאָרער קאַבצאַנסק — אויך אַ כרך! —
ווו ס'ווערן צעשטויבט זיינע יאָרן
אַזוי ווי דער זאַמד אויפֿן שליאַך.

ביים וואַלד האַלט די זון אין פֿאַרזינקען,
ביים פֿעלד גיט זי ווידער אַ בלענד,
זי נעמט צו ר' מענדעלען ווינקען
מיט שרעק אַז דער שליאַך האָט קיין ענד.

אָט איז זי אינגאַנצן פאַרזונקען,
די נאַכט לאָזט געדיכט זיך אַראָפּ
מיט וואַלדיקע גרויליקע ווונקען
אויף זיידנס ווייס־זילבערנעם קאָפּ.

ווהין פאָרט ר׳ מענדעלע זיידע? —
געוויס קיין קאַבצאַנסק דאָ דערביי,
אַ גאָנטקייט פון עדה צו עדה — — — — — —
און זע — — — — מיטאַמאָל אַלץ פאַרביי!

קיין כוטאר, קיין קרעטשמע אַנטקעגן,
פון יידישן ישוב קיין שפּור,
קיין נפש ביי וועמען וואָס פרעגן,
קיין סליאַד פון אַ ראָד פון אַ פור.

נאָר וואַלד און נאָר וואַלד — און וואַלד ווידער.
און ווו איז דאָס קאָרנפעלד, ווו?
געבויגענער, מידער און מידער
ר׳ מענדעלעס פערדל שטייט־צו.

ר׳ מענדעלעס האַרץ טוט אַ ציטער,
ר׳ מענדעלעס בויד ציטערט מיט:
„— אָ, גאָטעניו, יידישער היטער —
גיב קראַפט צו פאַרבלאָנדזשעטץ טרים.

אָ, גאָטעניו, האַרציקער שומר,
מיין עיר־בישראל ווו איז?
ווי קומט אַזאַ גלות איבער ביימער,
אַזאַ מין לבנה — אַ שפּיז?

וואָס זאָל מיין פאַרבלאָנדזשען באַטייטן
אויף וועגן פון אייביק באַקאַנט?
צי איז עס אַ צייכן אויף צייטן
אויף בייזע — אויף שטראָף פון דיין האַנט?

צי איז מיר באַשערט צו פאַרבלייבן
אין וואַלד דאָ אויף טויט מיט מיין פערד? — —
ישראליק, אָ ווער וועט באַשרייבן
דיין זיין אויף קאַבצאַנסקישער ערד?

איצט זאָג איך ק אַ ב צ אַ נ ס ק מיט גרויס צאַרטקייט,
קאַבצאַנסק — מיין געהייליקטער שפּאַט,
מיין ליבשאַפט פאַרפאַנצערט מיט האַרטקייט —
ווו ביסטו, מיין יידישע שטאָט?

צי האָט דיך אַ שטורעם פאַרשניטן
אַז איך זאָל דיך מער שוין נישט זען?
איצט ווייס איך — איך וואָלט נישט פאַרביטן
דיין דלות אויף וועלטן אויף צען.

איך האָב נישט, ווי ס'דאַרף זיין, באַגריפן
דעם נס פון דיין ז יי ן ביז אַצינד.
איצט קוק איך אין חושך אין טיפן
אין שטראָף פאַר מיין אָפּשפּאָט — מיין זינד.

צי בין איך אויף אייביק פאַרלאָרן
אין ווילדוואַלד, אין אורוואַלד? — מיין גאָט,
אַ העלף מיר נאָך איין מאָל דערפאָרן
צום גבול פון מיין יידישער שטאָט.

און אויך צו מיין סוסה געטרייער
זיי גוט און ווייז רחמים צו איר,
אַנטפּלעק אונדז אַ לעמפּלשן פייער,
אַ סליאַד צו אַ יידישער טיר. —"

ר' מענדעלע ענדיקט די ווערטער
און שפּרינגט פון דער קעלניע אַראָפּ.
אַ חצותיקער בת־קול, דערהערט ער,
נעמט פּלאָנטען איבער זיין קאָפּ.

"— נישט שטיי דאָ אין וואַלד אַ צעשטרייטער,
נעם איין דיינע שרעקן, שטיל איין;
זאָג האַרב צו דיין פערדל: גיי ווייטער
איין שפּאַן נאָך אין נאַכט־וואַלד אַריין.

עס איז נישט קיין צופאַל אַזוי זיך
וואָס דו ביסט פאַרקראָכן אין וואַלד.
דער גרויל איז אַריבער. איצט פריי זיך,
דיין בלאָנדזשען פאַרענדיקט זיך באַלד.

געוואָלט האָט אַליין די השגחה
זאָלסט טועם זיין איין מאָל דעם טעם —
דעם טעם פון אַ יידנס מערכה
ווען ער איז נישט מער בתוך עם.

פאַרזוכט האָסטו ריכטיק די אימה —
אויף ס'פערדל מיט דעם אַנגעשטעקט —
אַז דאָ אינעם וואַלד צווישן ביימער
דיין לעבן אויף אייביק זיך עקט.

פאַרמשפט אויף עלנטער גסיסה,
אַן קבורה רחמנא לצלן.
איך גיב דיר אַצינדערט צו וויסן:
קאָבצאָנסק איז פון דיר נאָר איין שפאַן".

ר' מענדעלע פאַלט אויף זיין פנים
אַנטקעגן דעם קול וואָס ער הערט,
און נעמט אין איין רגע דערקאָנען: —
ער איז שוין אויף שטעטלשער ערד.

צוריק אויף דער קעלניע. מיט ליבשאַפט
ער רירט אָן דאָס פערדל: וויאָ, וויאָ, —
און ס׳פערדל מיט גוטער פאַרגיבשאַפט
זאָגט אָן גאַנץ קאַבצאַנסק: איך בין דאָ.

דורך געסלעך צום שולהויף פיר רעדער
דערקייקלען זיך ווייסע פון שטויב — — —
פון איצט שרייבט ר׳ מענדעלעס פעדער:
„— זיי הייליק, קאַבצאַנסק, צו גאָטס לויב.

„פאַרבלאָנדזשעט האָב איך דורך מיין גדלות,
איך זאָג איצט מיט פרייד: גאָט צו דאַנק,
געבענטשט זייט, בערעזעס און יאדלעס,
און צען מאָל געבענטשט זיי, קאַבצאַנסק!"

# III

# אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים

# אַ בלאַט אויף אַ בוים

(ה. רויזנבלאַט)

ז׳אָס אָוונט־גאָלד לעשט אויס זיין שימער
אין בלוילעכן נאַכט־האָריזאָנט.
איך גיב נאָר איין שפּאַן פון מיין צימער
און ס׳הייבט מיין פאַרוואַנדלונג זיך אָן.

מיט שאָטנס אויף שאָטנס איך קלעטער
ארויף אויף אַ צווייג פון אַ בוים;
כ׳בלייב הענגען — אַ בלאַט צווישן בלעטער
אין לויטער־געלייטערטן רוים.

איך וועלגער זיך אויס אין אַ דינקייט,
איך וואַקס אין אַ צווייג זיך אַריין, —
מיט קילער פאַרטונקלטער גרינקייט
געוועגדט צו לבנהקער שיין.

איך הענג צווישן טויזנטער בלעטער
אין שותּפותער, ריטמישער ריי
ביז טיף אין דער נאַכט אין דער שפּעטער,
און פלאַטער אינאיינעם מיט זיי.

איך הענג און איך הער נישט אויף טרינקען
פון טיפֿן אור־שטאַמיקן קוואַל,
ביז וואַנען עס הייבט אָן צוווינקען
דער ערשטער פֿאַרטאָגיקער שטראַל.

דער שטראַל, ווען ער צינדט זיך פֿונאַנדער,
דערוויסט מיך אַן אַנדערן שוין:
איך שפּאַן אין זיגזאַגיקן וואַנדער
צוריק איבער זאַמד, איבער שטיין.

איך וואָגל דורך טאָגיקע שעהען,
קריך דורך זייער פֿעלזיקייט קוים, —
אַ נס, וואָס איך קאָן זיי באַיאָען
מיט גנאָד פֿון אַ בלאַט אויף אַ בוים.

# נאָך ווייט צום לעצטן שטערן

נאָך ווייט צום לעצטן שטערן,
די נאַכט איז היינט וווּנדערלעך לאַנג,
אין שלום שלאָפֿן וועלף און בערן,
דער וואַלד שמייכלט־צו צו מיין גאַנג.

אין האַנט אַ צווייג — אַ שטעקן,
עס רינט נאָך דער זאַפט פֿון אים זיס,
מיט דער וועלטס אַלע העלע פֿיר עקן
פֿאַרשניידן אַ בונד מיינע פֿיס.

זיי גייען. זיי ווייסן צו וועמען,
זיי טראָגן געטאָפּלט די פֿרייד
פֿון לויטער־צעעפֿנטע ברעמען
אין אָנהייב פֿון גאָטס ערשטע רייד:

„זאָל ווערן״! — פֿון וואָרצלען — צו צווייגן,
פֿון מאָכן — צו בלום און צו בלאַט;
זינגט כאָריק דער וואַלד אין זיין שטייגן
דאָס וואָרט פֿון דער גאָר־ערשטער טאַט.

# דער טאָג גייט אויף אין זיין באַגינען

דער טאָג גייט אויף אין זיין באַגינען
אין העלן רויט, אין טיפֿן ראָז,
די לעצטע טראָפּנס נאַכט צערינען
מיט גרינער זאַפּט דורך בלאַט און גראָז.

דער ברייטער שליאַך אין זון־צעשטראַלונג
דערהייבט צום באַרג דעם בלויען טאָל,
און ווי אַ תּפֿילהדיקע שאַלונג
הילכט אָפּ אַ פֿויגלס מאָרגן־קול.

און פֿון אַ שטאַל, מיט טריט געלאַסן,
ווי פֿון אַ פּאַלאַץ קומט אַרויס
אַ ווייסע קו מיט גינגאָלד־פּאַסן,
און לאָזט זיך גיין שטעג־איין, שטעג־אויס.

זי שטעלט זיך אָפּ ביים פֿעלד פֿון קאָרן,
פֿאַרנויגט זיך תּפֿילהדיק און מו׳ט:
איך בויג פֿאַר דיר מיין קרוין — מיין האָרן,
און קאָרן זאָגט ווי גאָט: ס׳איז גוט.

זי לאָזט אַרונטער אירע באַקן
און טראָגט צום גראָז די ליפּן צו,
און ס׳ווייט פֿון איר פֿאַרבויגטן נאַקן
אויף אַלץ אַרום מיט ווייסער רו.

# וואַלד

אַ דריבנער רעגן זיפּט זיך פון באַגינען
און זיפּט זיך אין דער טיף פון וואַלד אַריין;
קאַנסט שטענדיק עפּעס אין דער וואַלדיקייט געפינען
וואָס זאָל פאַר דיר אַ וווּנדער־צייכן זיין.

דיביימער פלעכטן מיט די צווייגן זיך צוזאַמען,
דאָך ווייס זיין אַרט איעדער מינדסטער בלאַט;
דאָס לעבן שטראָמט צום האַרץ פון אַלע שטאַמען
דורך וואָרצלען אָנגעטרונקענע מיט רעגן זאַט.

אַ בוים אַן איינציקער באַ־אַרף אַ שומר,
אַ וואַלד איז איינגעהיט דורך זיך אַליין;
אין טיפער שוץ פון גרויסע מחנות ביימער
געפינט אויך שוץ דער טאָג אין זיין פאַרגיין.

ביים ראַנד פון וואַלד אַ שטיבל שטייט באַשיידן,
געמיש פון מאָך, פון ברעטער און פון ליים; —
פאַרוואָר, אַ מענטש וויל קיינמאָל זיך ניט שיידן
מיט גאָר זיין בענקשאַפט נאָך זיין אורוואַלד־היים.

# ליד פון האַלבער נאַכט

יש מאין — גאָר פון גאָרנישט;
ריר, באַשעפער, אָן מיין האַנט.
צום סך־הכל פעלט קיין האָר נישט —
שלאָף, מיין שאָטן, אויף דער וואַנט.

האַלבע נאַכט. די גרויסע בשורה,
אַז דער אָנהייב טויכט אַרויס,
ווי פון תהום אַן ערשטע שורה,
ווען די צוועלפטע שעה גייט אויס.

אין אַ דוכטעניש אַז פליגל
קרייזן זיך ווי אין אַ ראָד —
זע ווי ווענט פון שטיין און ציגל
טוליען זיך צום ערד־יכוד.

טוליע זיך אויך דו, מיין שאָטן,
צום יסוד אַלץ מער און מער.
כדי צו זיין אין י ש געראָטן
האָט מען אונדז געבראַכט אַהער.

האָבן מיר אַ בונד פֿאַרשניטן
מיט דער שאַרפֿער, האַרטער וואָר,
מיר אַליין זאָלן דערהיטן
ווי פֿון גאָרנישט שאַפֿט זיך גאָר.

מיך אַליין האָט, ווי אַ ציגל,
צוגעהעפֿט דעם שעפֿערס האַנט
צו אַ דיל, אַ שוועל, אַ ריגל.
שלאָף, מיין שאָטן, אויף דער וואַנט.

# זע, אַ וווּנדער

אַלע שורות — זע, אַ וווּנדער —
ציִען זיך צום לעצטן אות;
ווי אַ וואָרט איז נישט באַזונדער
ווייס עס צאָם און ווייס עס מאָס.

ווען עס נעמט מיט לעצטער שלאָגן —
ווייס עס ווען צו ווערן פרום,
ווען עס נעמט מיט רעש זיך טראָגן —
ווייס עס ווען צו ווערן שטום.

ווי אַ מאַרך מיט זיינע צעלן
צאַפּלט זיך דאָס וואָרט אַזוי:
זאָל איין דינסטע הייטל פעלן
נעמט עס קאָרטשען זיך אין וויי.

אין דעם וווּנדער אַ געפּלעפּטער
פרעג איך אָפּטמאָל: ווער און וואָס,
מיט מיין גורל אַ באַהעפטער,
איז פאַר מיר דער לעצטער אות?

אין דעם פרעגן זע איך קלערער
אויך איך נ י ש ט אַזאַ מין י אָ,
און עס לויכט־אויף פאַר מיר העלער
אויך מיין אייגענע לעצטע שעה.

# כ׳האָב אָנגערירט מיט מײַנע ליפּן די ערד

כ׳האָב אָנגערירט מיט מײַנע ליפּן די ערד,
און דער טעם איז געװען האָניק־זיס;
מיט יעדער רגע האָט די זיסקייט זיך געמערט
און דורכגענומען מײַן גוף ביז צו די נעגל פֿון די פֿיס.

דערנאָך האָב איך צוגעלייגט די ליפּן צו אַ בוים,
און איבערגעגעבן צום בוים דעם זיסן טעם,
און דער בוים האָט עס איבערגעגעבן צום גאַנצן רוים,
װען דער טאָג האָט געברענט אין זײַן שקיעה־פֿלאַם.

דערנאָך האָט פֿאַרלאָשן זיך די מערבֿ־זײַט,
האָט דער טעם זיך צעשפּרייט איבערן װײַסן לויף
פֿון שטערן, װאָס שטענדיק זענען זיי אויס אַזוי װײַט,
און איצט — מיט אײַן האַנט נעם און קלײַב זיי צענויף.

דערנאָך האָב איך געהערט װי דער בוים־װאָרצל זאָגט:
— דער גוף פֿון אַ מענטש קאָן אויך װאָרצלדיק זײַן,
און די האָניקדיקע זיסקייט, װאָס אַ ליפּ פֿאַרמאָגט,
קאָן אויך שטראָמיק צוריק אין דער ערד־טיף אַרײַן.

האָב איך גוט פֿאַרשטאַנען וואָס דער וואָרצל זאָגט
און געטראַכט אין זיך: ער איז אינגאַנצן גערעכט, —
און ווען דער באַגינען האָט זיך אויפֿסניי צעטאָגט
בין איך טיף שוין געלעגן אונטערן וואָרצל־געפֿלעכט.

די שפּיצן פֿון די וואָרצלען האָבן, ווי פֿינגער, באַרירט
מיין לייב און מיין מאַרך, מיך פֿונאַנדערגעטיילט
צווישן זיך, און געשפּרעכן פֿון וווּנדער געפֿירט,
און די וווּנדער פּאַר צווייגן און בלעטער דערציילט.

# די גראָזן וויגן זיך אין הייסן ווינט

די גראָזן וויגן זיך אין הייסן ווינט,
די בינען פּלאַטערן אַרום און זשומען.
די וועלט האָט אָנגענומען אַז אַ ליד פאַרבינדט
דעם זשום פון בינען נאָר מיט זאַפט פון בלומען.

די וועלט, מסתמא, האָט איר לידער־וועג,
נאָר ווען איז עס געדעדט — אין אָנהויב זומער,
נאָר נישט ביים סוף, ווען ס׳קירצן זיך די טעג,
און ס׳קירצט זיך אויך דער פלאַטער פון די זשומער.

די בינען פאַלן מיט זייער אימפּעט צו
צו בינטלעך איינגעקנוילטע וויסטע בלעטער,
און אָט, אַפילו, צו דעם אָפּפאַל פון אַ קו
אַרום אַ שטאַל פון דורכגעפוילטע ברעטער.

זיי פליען אָפּ און פליען צו צוריק
מיט איינגעשפּאַרטקייט פון אַ לעצטער שליחות,
און פילן אָן דאָס קראַנקסטע בלאַט מיט גליק,
די חורבה־שטאַל מיט גאָט־געבענטשטן יחוס.

סע שמעקט מיט ברכה און מיט פרידן־מוט
אַפילו פון אַ קוסט וואָס שטעכט זיך קידער־ווידער,
גיב, גאָט, באַשערט זאָל זיין אַזאַ מינוט
אויך מיר און מיינע זומער־שפּעטע לידער.

# אין דעם לאַנד פון אַלטן עפּלבוים

אין דעם לאַנד פון אַלטן עפּלבוים —
איינגעהילט אין אָוונט־שלייער,
מיט די קעפּ צום שליאַכן־זוים
פאַלן צו דריי קליינע גייער.

שלאָפן — שלאָפן זיי נאָך ניט,
ווען אַפילו צוגעמאַכט די ברעמען.
שאַרף פון זייערע דריבנע טריט
פרוווט נאָך איצט דער שליאַך פאַרנעמען.

ווער זיי זיינען? — סוד פון סוד,
איינער שטילער פונעם צווייטן.
נאָר דאָס ליכט פון גאָטס גענאָד
טוט מיט שיצונג זיי באַגלייטן.

ענדלעך איינער טוט אַ זאָג:
— אפשר שוין אַהיים געקומען?...
גיט אַ טריקעניש אַ שלאָג
איבער זיין צעהיצטן גומען.

טוט אַ זאָג דער צווייטער באַלד:
— טאַקע אמת. שוין געקומען...
מאַכט דער דריטער אַ געוואַלד
מיט אַ ווילד־קול פון אַ שטומען.

קוקן זיי זיך אַלע אָן
מיט אַזאַ מין קלוגן שמייכל, —
ס׳איז אין ווילד־קול דאָ אַ טאָן
שעור ניט פון אַ העכסטן שכל.

גיבן זיי אַ טאַנץ, אַ שפּרונג,
און — צוריק אַ פאַל אַנידער.
נאָך מער שלאָס אויף זייער צונג,
נאָך מער גליווער אין די גלידער.

שפּאַנט פאַרביי ווער, שטעלט זיך אָפּ,
קוקט, און עפּעס טוט ער אַנען,
שטייט און שאָקלט מיטן קאָפּ
און ער לאָזט זיך ווייטער שפּאַנען.

און אַ צווייטער יאָגט געאײַלט
מיט אַ ברענענדיקן פיבער,
זשאַלעוועט אַ קלענסטע ווײַל,
היפּט די אַלע דרײַ אַריבער.

און אַ דריטער — ריִק און ביס
אין אַ גרימעניש אַ רויער,
טרעט אַרויף מיט נעגל־פיס
אויף די דרײַ באַרוטע גייער.

און די דרײַ — זיי ליגן שטיל
אײַנגעהילט אין מאָרגן־שלייער,
אָנגעקומענע צום ציל
ווי עס פּאַסט פּאַר קלוגע גייער.

# אונטערן אַלטן עפּלבוים

ווי שטענדיק פֿאַל איך צו מיט בענקשאַפֿט און מיט גרויס פּאַרטרוי
צום אַלטן עפּלבוים מיט זיינע רייפֿע פּרוכט געלאָדן,
איך קוק מיט ליבשאַפֿט, דורך פֿרימאָרגנדיקן ווייסן טוי,
ווי זיינע שווערע פֿולע צווייגן רירן אָן דעם באָדן.

איך היינט, ווי שטענדיק, נעמט אַ זיסער נאָגנדיקער צוק
מיר דורך די אבֿרים, ווען איך ריר אָן מיט די פֿינגער
די האַרטע קנייטשן פֿון זיין קאָרע, און עס פֿאַלט מיין קוק
ווי אויף אַן עפּל זיצט און רוט אַ גראָזן־שפּרינגער...

איך היינט, ווי שטענדיק, דוכט זיך מיר, אַז אָט וועט אויף דער וואָר
דער בוים צעעפֿענען פֿאַר מיר זיין וווּנדער־וואָרט זיין קלאָרן,
און איך וועל אויפֿכאַפּן אין דעם צעשפּילטן גרילן־כאָר
דעם המשך פֿון די מעשׂות זיינע נאָך פֿון פֿאַראַיאָרן.

איך וואַרט, נאָר מיין דערוואַרטונג היינט ווערט ניט דערפֿילט, —
דער בוים צעעפֿנט ניט פֿאַר מיר היינט זיינע מעשׂה־ווערטער;
איך וואַרט ביז נאַכט, אין שלעגלדיקע שאָטנס איינגעהילט,
און כ׳פֿיל מיך שולדיק וואָס דער בוים בלייבט היינט אַ ניט דערהערטער.

אַ שולדיקער נאָך מער, ווען ס׳הייבט מיר אָן צו ווערן קלאָר
אַז עפּעס האָט צעריסן זיך אין מיר, און כ׳האָב פאַרלאָרן
די זכיה צו זיין גלייך צום בוים, צו זיין מיט אים אַ פּאָר,
און כ׳וועל ניט הערן מער זיין וואונדער־וואָרט פון פאַראַיאָרן.

איך שטיי און קוק ווי עפּל רייסן זיך פון אים אַוועק,
איך רייס אַוועק אויך מיינע פינגער פון זיין אַלטער קאָרע,
עס שוועבט פאַרביי אַ פלעדער־שאָטן מיט אַ שאַרפן עק,
און ס׳קריכט אַריין מיין טרויער אין דער נאַכט ווי אין אַ נאָרע.

# ליד צום עפּלבוים

אַ עפּלבוים אַלטער, — מיין מוזעס געאַכפּערטער העלד,
דערוואַרט ניט דאָס מאָל אַז איך זאָל צו דיין זומער־לעב קומען,
דו שטייסט אַ צעחושטער געוויס ביים צעגראָזיקטן פעלד
מיט אַלע צעפלאַכטענע קנופּ־אָרעמס דיינע צענומען.

דער ווינט וואָס איז אַלעמאָל גרינג אויפן וואָרט,
דערטראָגט מיר היינט גרוסן פון דיר — אין געשטאַמל־געפּרעפּל:
„— אָ, קום כאָטש נאָך איין מאָל און רו אינעם אָרט
וואָס בלויט אינעם גאָלדענעם ראָז פון סוף־יוליקע עפּל.

„דיין עפּלבוים איז דאָך שוין דורותדיק אַלט,
נאָר יונג איז זיין בענקשאַפט נאָך דיר, נאָך זיין טרייען באַזינגער,
זיין בענקשאַפט, דערהויפּט, נאָך די רגעס ווען ס'פאַלט
אַן עפּל אַראָפּ מיט אַ הילך גלייך צו דיר אויף די פינגער".

אַזוי טראָגט מיר אַן הייסע גרוסן דער ווינט,
אין כ'ווייס וואָס די ווערטער, די שטאַמלס, באַטייטן;
דערמאָן איך דעם ווינט, אַז די בענקשאַפט פאַרבינדט
דעם מענטש מיט אַ בוים, ווען אפילו דורך ליידיקע ווייטן.

און ווי איך דערמאָן עס, ווערט גלייך מיר אַ זעאונג אַנטפּלעקט:
דער בוים נעמט אין זיקנהשאַפט העכער און העכער נאָך שטייגן,
אַ שפּע פון עפּלשן זונגאָלד זיין קרוין־קאָפּ באַדעקט,
אין ברכהדיק זינקען אַראָפּ ביז צום גראָז זיינע צווייגן.

איך שיק דורכן ווינט אים צוריק אָפּ מיין גרוס,
איך בעט דעם צעשטרייטן שליח ער זאָל צו אים זאָגן:
— אָן עפּלבוים־מוזע איז לויטערער זכות,
הלוואי זאָל ער ווייטער אין עלטער זיין בונד מיט מיר טראָגן.

ס׳איז לאַנג אין דער מאָדע, — אין טאָן פון פּאָעטישן שבח,
אַז נוסח פון מוזעס זאָל ווערן פון לידער פאַרטריבן,
און דאָך זאָג איך אויס, צו מיין גנאי, אַז כ׳האָב לידער אַ סך
אין כבוד פון וועגן דער עפּלבוים־מוזע געשריבן.

פאַרוואָס אויסגעקליבן פאַר מוזע דעם עפּלבוים גראָד,
דערצו נאָך אַ דורותדיק־אַלטן אויף עלנדן באָדן? —
פאַרכישופט האָט מיך ווי אַ געטלעכער סוד
זיין שטיין אויסגעקרימט אין דער פּראַכט פון זיין שפּע געלאָדן.

# ערשטע גראָזן

ערשטע שטילע גראָזן
האָבן ניט קיין מורא פאַר אַ שטורעם.
לאָמיר זיין ווי ערשטע גראָזן.

איינער ליגט פאַרלאָזן,
איינגעדרייט אין רייפן פון יסורים, —
קומען מיר צו דעם וואָס ליגט פאַרלאָזן.

קומען מיר און זאָגן:
ערשטע קליינע גראָזן ווייסן בעסער
ווערטער פון נחמה ווי צו זאָגן.

וואָרעם זיי פאַרמאָגן
רו, וואָס האָט נאָך ניט פאַרזוכט קיין מעסער. —
קאָן דען עפּעס בעסערס ווער פאַרמאָגן?

נעמען מיר אים טראָגן
צו די ערשטע קליינע שטילע גראָזן,
ביז מיר ברענגען אים צו זיי צוטראָגן.

נאַכט. דערנאָך נעמט טאָגן.
דער געטרייסטער ליגט אין ליכט אין ראָזן
מיט די ערשטע גראָזן, ווען ס'נעמט טאָגן.

# אַז ווייל

אַז ווייל איז צו דעם וואָס פאַלט צו מיט זיין שטערן
צום פרילינגשן ברעג פון אַ זייטיקן שליאַך,
און לייגט־צו זיין האַרץ צו דער ערד, כדי צו ווערן
ווי שטויב, אויף אַ רגע, אַ דומם׳שע זאַך.

און דעמאָלט געשעט אַז דער דומם צערעדט זיך,
ווייל ס׳האַרץ פונעם מענטש גייט אַריין אינעם שטויב;
דער שטויב ציטערט אויף, און טוט תפילה, און בעט זיך,
און ס׳האַרץ ווערט פאַרגאַנגען אין דומם׳שען לויב.

דערנאָך קומט די רגע פון נייער דערוועקונג:
דער מענטש הייבט זיך אויף פונעם שליאַכיקן ראַנד,
און לאָזט זיך, באַגאָסן מיט פרייד פון אַנטפּלעקונג,
צו ערגעץ אַ שטיבל אויף פרילינגשן לאַנד.

ער קומט צו דעם שטיבל און שאַרט זיך ביים ריגל,
ווייל אָוונט איז שוין און די טיר איז פאַרמאַכט;
ער הייבט־אויף אַ האַנט, ווי אַ פאַך מיט אַ פליגל,
און אַלץ וואָס אין שטיבל לייכט־אויף און דערוואַכט.

ער זיצט שוין אין שטיבל. אַ נאָענטע מסיבה.
די לופט איז געזעטיקט מיט היי און מיט בעז.
ער זיצט און דערציילט ווי די געטלעכע ליבע
פון שטויבל און גרעזל ברענגט תחית־המת.

פאַרקוקן זיך אַלע דאָ גלייך אויף אַ קריגל,
ווו ס׳קוויקט זיך מיט וואַסער אַ צווייגל פון בעז,
און אַלעמענס הענט, ווי סוף־נאַכטיקע פליגל,
צפלאַטערן זיך אַרום צווייגלשן נס.

# דריי פייגל

דריי פייגל העל־בלויע, מיט פליגל צעשפרייטע,
דאָס ליכט פון פאַרנאַכטיקן גאָלד־ראָז צעטויען;
די זאַנגען אַרום, צו דער שניט־שעה געגרייטע,
אין רייפקייט, צו שניטערשע טריט זיך פאַרטרויען.

די טריט וועלן מאָרגן זיך לאָזן דערהערן
נאָך שאַרפער; די רייפקייט וואַרט שטיל אין איר קלוגשאַפט.
ווען ס׳גיבן אַ ווונק נאָר די ערשטע פּאָר שטערן
גייט אויף אין העל־בלוי דאָס געזאַנג פון געגנוגשאַפט.

דערהייבענע היי־גאָפלען רוען אין שייער,
דער טויער, אָן פּחד פאַר קיינעם, איז אָפן;
ביי שויבן, אין אויפטויך פון הימישן פייער,
ווערט קינדיש דערציילט ווי דער טאָג איז פאַרלאָפן.

ווי ס׳האָט זיך פאַרוויקלט די זון אין אַ וואָלקן,
ווי ס׳האָט זיך דער וואָלקן צעקנאַלט אין אַ שטורעם —
גראָד דאַן ווען די קו איז געוואָרן געמאָלקן
ביים שיין פון אַ בליץ אויפן שייערשן טורעם.

די גרילן, ווי נעדעלעך שאַרפע און פלינקע,
צעשטעפן דעם אָוונט אין אַלע פיר זייטן;
אַ וואָרט־שאָרך צעטראָגט זיך און לאָזט זיך פאַרשלינגען
אין דנאָלאָזער טיפקייט פון אייביקע צייטן.

# דער אַלטער עפּלבוים בליט

(וואַריאַנט)

דער אַלטער עפּלבוים בליט
אין פעלדיקן בלויען באַגינען,
פון אַפענע בעכערס צוויט
גינגאַלדענער טוי טוט רינען.

ער שמייכלט געשטאַרקטערהייט
צו זיך און צום אייגענעם בליען:
— בין ניט איינמאָל געווען שוין גרייט
צו שטויב אַנידערקניען.

נאָר אויב ס׳איז נויטיק מיין זיין
אין פרילינגדיקע שעהן, —
מיין קאָפּ צו דער זון נייג איך איין
מיט פריידיקער הכנעה.

זאָל וואַרעמען מיך דאָס ליכט,
און רעגן זאָל מיך באָדן, —
כ׳וועל טאָן מיין זומער־פליכט:
מיט עפּל זיין באַלאָדן.

# די אָוונטזון איז קאַלט

די אָוונטזון איז קאַלט, דער אָוונטוואַלד — נאָך קעלטער,
די צווייגן אָבער פלאַטערן צעשפּילטערהייט,
וואָס שטאַמיקער די ביימער זײַנען און וואָס עלטער —
אַלץ קלענער זייער פּחד ווען דער טאָג פאַרגייט.

זיי שטייען אײַנגעפלאָכטן איינע אין די צווייטע,
די פרישע מאַי־בלעטער פאַרשטאַרקן דאָס געפלעכט,
אויף שפּורצייכנס פון ווילדע שטעגעלעך פאַרדרייטע
צעזילבערט זיך דאָס ליכט פון ווייסע נעכט.

די קורצע ווייסע נעכט פאַרשטייען בעסער
דעם וואַלד, נאָך בעסער פון די לאַנגע טעג
וואָס עפענען צו־אָפן זײַנע צויבער־שלעסער
און שניידן דורך זײַן האַרץ מיט אַ צעפלאָכטן וועג.

די ווילדע שטעגעלעך פאַרדרייען זיך נאָך ווילדער,
זיי שלענגלען זיך פאַרדעקט מיט מאָך און שוואָם,
ביז וואַנען זיי פאַרזינקען טיף אין אַ געפילדער
פון אַ געהיימען אונטערוואָרצלדיקן שטראָם.

# אַ זונרויז

אויף אַ בייט פון ברעקלעך בלומען
וואַקסט אַ זונרויז הויך און דין.
ליכטיק־געל איר קרוין צענומען
אויף אַן אונטערהויט פון גרין.

אינעם האַרץ, אין סאַמע מיטן,
אויסגעלייגט אין רינג, אין ריי,
צייטיקן באַזוימטע בליטן —
קערנער הונדערטער אין זיי.

שלאַנק דער שטאַם ביז שפּאַנען זיבן —
שטייט ער איינזאַם איין־אַליין;
ווי האָט ער זיך דאָ פאַרקליבן
צווישן גראָזן־בלימלעך קליין?

קומט אַ ווינטל — נעמט זיך וויגן
הין און הער די רונדע קרוין
אין צעקלינגונג פונעם ניגון
וואָס דערגרייכט פון פעלד און פלוין.

אין די טעג פון שפּעטן זומער
בײגט די זונרױז אײן איר קאָפּ
שװער און שװערער, קרום און קרומער
מיט דער גאַנצער קרױן אַראָפּ.

נידערט, זינקט דער געלער עיגול
אינעם גאָלד פון אָװנט־שײן,
און די שטאָם־בלעטער, װי פליגל,
זינקען־מיט אין נאַכט אַרײַן.

# דאָס יום־טוב בלימל

דאָס יום־טוב־בלימל צווישן שפּעטע זומער־גראָזן
דערמאָנט מיך אָן אַ ווייטער ייִנגלשער געשיכטע, —
ווי איינמאָל בין איך אין אַ וואַלד־הויז אַ פאַרלאָזנס
פאַרקראָכן און — געפונען בלומען־קראַנצן אומגעריכטע.

דער וואַלד געווען ניט ווייט פון טאַטע־מאַמע שטיבל
אַהינטער אַ צעשפּרייטן גראָז־פעלד אַ צעבליטן;
געקאָנט האָב איך אין פעלד אַ יעדן שטיין, אַ יעדעס גריבל,
נאָך מער — סוף זומער, ווען דאָס גראָז פלעג זיין געשניטן.

געווען שוין אלול־שפּעט — העט ווייט נאָך שניט־צייט,
איך גיי צום וואַלד, ערשט זע: פאַר מיינע אויגן
אַ שלל מיט רויט צעשפּילט זיך ווי אין בליִ־צייט,
אַ לויטער טיפער רויט מיט גאָלדיקייט פאַרצויגן.

און זע נאָך מעו — אין אַל־קאָלירטע צונגען
צעפלאַקערט שטייט דער וואַלד אַריבער אַלע שטאַמען;
עס נעמט קיין קלענסטע רגע ניט, און כ׳ווער פאַרשלונגען
אין טיפעניש פון אויסטערלישע ביימער־פלאַמען.

און דאָ נעמט גאָר דער טאָג צו אָוונטיקייט זינקען,
און וואַרפן פּחד־שאָטנס צווישן איין בוים און אַ צווייטן,
דערזע איך מיטאַמאָל אין וואַלד אַ שטיבל: שייבלעך ווינקען
אַריבער אַ צעלייגטן שוועל־שטיין אַ צעשפּרייטן.

איך קוק אַריין און גאַף: ניטאָ אין שטיבל קיינער.
פיר ווענט צונויפגעקלאַפּט פון שמאָלע סאָסנע־ברעטער,
דער דיל אַן ערדענער, אין מיטן — אַ געבערגל שטיינער
אַרומגערינגלט מיט אַ שיכט פאַרדאַרטע בלעטער.

נאָר אויבן אויפן בערגל שטיינער — ווונדער!
עס ליגן אויסגעלייגטע פרישע קראַנצן בלומען,
אַ יעדעס בלעטל אָטעמט נאָך פאַר זיך, אין זיך, באַזונדער,
ווי ס'וואָלט אָט ערשט די זאַפטן פון דער ערד פאַרנומען.

איך פרעג מיט שטילונג: ווער האָט אייך אַרויסגעריסן?
און ווער האָט אייך, ווי צו מצבות, דאָ געבראַכט צוטראָגן? —
דערשפּיר איך מיטאַמאָל אַן אָטעם פון אַ סוד, וואָס ניט צו וויסן,
און כ'נעם אַ דורכגעציטערטער צוריק אַהיים זיך יאָגן.

צוריק אַהיים — פון וואַלד אַרויס — פון רויט־געדיכטן,
דאָס אלול־פעלד באַגעגנט מיך נאָך מער צעבליטער,
כ'וואָלט שווערן אַז איך טראָג אַן אוצר מיט געשיכטן,
נאָר כ'האַלט זיי סודותדיק אין זיך אין טיפן ציטער.

אַ מעשה שוין פון לאַנגע, לאַנגע צענדליק יאָרן,
ניטאָ דער וואַלד, ניטאָ דאָס שטיבל, חרוב אַלץ, פאַרלאָזן.
דאָס יום־טוב־בלימל בליט נאָך אַלץ אין מיין זכרון
און אויך אויף אַלע פעלדער צווישן אַלע גראָזן.

# די העלע רייפע זומערדיקע טעג

די העלע רייפע זומערדיקע טעג —
ווי איבערפול עס ווערן אַלע גלידער,
ווען אויפן אַלטן אויסגעטראָטענעם וועג
ווערט אויך דער שטויב אַן אָנגווינקונג פאַר לידער.

אין שטראַלנדיקער ווייסקייט טויכט ער אויף
און רינגלט מיך אַרום מיט זיינע זיילן,
פיר קליינע איילן וואַרטן אויף מיין גוף,
איך גיי צו זיי דורך אומענדלעכע מיילן.

די זון פאַרנייגט זיך שוין צום מערב־ראַנד,
אַזויפיל שלווה אין איר זינקענדיקן בויגן,
אַ גליק צו אָנרירן אַ ליכט־שטויב מיט דער האַנט
ווען שאָטנס לייגן זיך אַרויף אויף ביידע אויגן.

דאָס אָוונט־בלוי אַלץ יום־טובדיקער ווערט,
אַלץ וואַרט: לבנהס האָרן זאָל אַ שאַל טאָן,
אַן עפּל רייסט זיך פון אַ בוים — אַ פאַל צו דר'ערד,
נעמט אָן אויך מיך אַ חשק צו אַ פאַל טאָן.

דער יום־טוב איז שוין דאָ. דער האָרן גיט אַ שאַל,
פיר ווייסע אָרעמס בלענדן אויף: — פיר איילן;
מיין חשק איז דערפילט. — אַ נויג, אַ פאַל,
און וואָס דערנאָך? — דער עפּל זאָל דערציילן.

# אַ מעשה מיט אַ בוים

אַ מענטש איז געקומען אין וואַלד
צו אויסהאַקן אַ בוים,
האָט דער בוים געמאַכט אַ גוואַלד
איבער אַלע עקן וואַלד.

וויגט פונאַנדער דער מענטש זיין האַק
מיט דעם כח פוןביידע הענט,
דערפילט ער מיטאַמאָל אויף זיין באַק
ווי אַ גלוטיקער פייער ברענט.

גיט דער מענטש צום צווייטן מאָל
מיט דער שאַרפער האַק אַ פּאַך,
דערשפּירט ער ווי זיין רעכטע האַנט
גיט זיך מיטאַמאָל אַ בראַך.

דערביי גיט דער בוים זיך אַ ריס
פון באָדן און רייסט זיך אַרויס,
נעמט לויפן מיט אמתע פיס
אין פחד שעה־איין, שעה־אויס.

ער יאָגט איבער באַרג און טאָל,
ביז נאַכט פון פרימאָרגן אָן.
ער לויפט און שרייט אויפן קול:
איך וויל ניט צעהאַקט זיין אויף שפּאָן.

לויפט אויך דער מענטש נאָכן בוים
און טענהט אין געבראָכענעם שטאָלץ:
ס'איז קאַלט, זייער קאַלט אין מיין היים,
ס'איז ווינטער — איך דאַרף האָבן האָלץ.

איז אָבער מער גאָרנישט געשען
נאָך זייערע שאַרפע רייד. —
ס'איז פשוט אַ חלום געווען,
און געבליבן איז אַלץ אָן באַשייד.

# דער וואַלד פאַזע וועג

דער וואַלד פאַזע וועג שטייט אין זיך אַליין פאַרטאַיעט,
עס רירט זיך ניט קיין בלאַט, עס וויגט זיך ניט קיין גראָז,
אפילו דאָס מוראַשקעלע, וואָס יאָגט אַרום פאַרשמאַיעט,
בלייבט פלוצלינג אַ פאַרחושטע שטיין: ווהין? און צוליב וואָס?

ניט זאָרג, ניט פּחד, נאָר באַוווּנדערונג און גאַפונג —
אַ הייליקע עניוות ביז צו אויפלייזונג פון ז י ך .
אויך מיך נעמט דורך ביז זיסקייט אַזאַ פרייד־פאַרשלאָפונג,
כאָטש נעם און קני און טו אַ פאַל אויף דיין געזיכט.

אַ פאַל — און זיי מתפלל. אָבער אין דיין האַלדז און גומען
בלייבט שטעקן יעדער מינדסטער צייכן פון אַ וואָרט.
ס׳מוראַשקעלע האָט אין איר וווּנדערונג אויך דיך פאַרנומען,
און פריער נאָך פאַר דיר געהייליקט דאָ דאָס אָרט.

ס׳מוראַשקעלע נעמט ווידער שמאַיען אין זיגזאַגן, —
דאָס מיינט אַז איר איז מיטאַמאָל געוואָרן קלאָר אַנטפּלעקט
דער לייכטסטער ענטפער אויף די גאָלע שווערסטע פראַגן,
וואָס מענטש און בוים און חיה האָבן ווען עס איז געפרעגט.

אַ ווינטל לויפט אַדורך, צעטרייסלט אַלע ביימער,
ווי אַ פאַרזיכערונג אַ טרייסטנדיקע אַז ס׳איז דאָ
אין סאַמע טיפעניש פון וואַלד אַן אייביקער און וואַכער שומר,
און ער איז דער, וואָס וועבט און שפּרייט די שטילסטע שעה.

# דער וואַלד שטייט פֿאַרפֿלאָכטן

דער וואַלד שטייט פֿאַרפֿלאָכטן אויף האַלב אין אַ קרייז,
נאָר איין בוים בײַם וועג וואַקסט, פֿאַרוואָרצלט, באַזונדער.
פֿרימאָרגן ווען ס׳גיט זיך די זון אַ באַווייז
און שאַרפֿער דער זוים פֿונעם וואַלד ווערט און רונדער —

ווערט גרעסער דער שטח וואָס טיילט אָפּ דעם בוים,
און רחבותדיק ווערט אַרום אים די אַליינקייט.
דורך שעהן פֿון טאָג היט דער וואַלדיקער זוים
געטריי און פֿאַרציטערט די איינזאַמע שיינקייט.

די שיינקייט סוף טאָג אין העל־בלוי הילט זיך איין,
עס זינקט יעדער צווייג, ווי מיט עפּל באַלאָדן,
מיט שטראַליקער טרייסטונג פֿון לעצט־לעצטער שײַן
צום קאַלטן, פֿאַרשאָטנטן פּנים פֿון באָדן.

ערשט דעמאָלט ווערט אָפּגעשאָפּט שטח, און ס׳ווערט
דער וואַלדיקער האַלב־קרייז אַ פֿולער, אַ רונדער,
און ס׳ווערט פֿון פֿאַרשלאָסענער טאָגיקער ערד
איין אָפּן צעעפֿנטער נאַכטיקער וווּנדער.

דער וווּנדער פֿון וואָרצלען. — זיי אָטעמען־אויף
אין ריטמישע טאַקטן ווי הערצער וואָס קלאַפּן,
מיט אָן אַ שיעור פּולסן זיי שלאָגן אַרויף
און גיסן די נאַכט אָן מיט הייסן געצאַפּל.

# די שטילקייט־רו

די שטילקייט־רו פון גראָז און פון בלעטער
באַהעפט זיך נישט דאָס מאָל אין בונד מיט דיר;
ביז וואַנען זי וועט זיך באַהעפטן שפּעטער —
נעם־אויף דערווייל דעם שטעכיקן באַריר

פון דראָט־פאַרצאַמונגען, פון דערנער־קנוילן,
די שימל־ריחות פון פאַרפוילטע ווענט;
נעם־אויף דערווייל דעם אויסגעדריי פון זוילן
אויף שטרויכל־שטיין, דעם ווייטיק־בראָך פון הענט.

די אַנגסט פון פינגער און דעם שווייס פון שטערן,
די זינקעניש פון קני אויף קירצסטער מייל,
די הוילקייט אַרום האַרץ. — פאַרשפּאָר זיך ווערן.
נעם־אויף דערווייל. נעם־אויף, נעם־אויף דערווייל.

פאַראַן אַן אָנזאָג אינעם שטאָך פון דערנער,
און מער נאָך אָנזאָג — אינעם בראָך פון קני,
אַז דאָ דערביי האָט ווער געוואָרפן קערנער,
אַז דאָ דערביי האָט ווער פאַרפלאַנצט זיין מי.

פאַראַן אויך אָנזאָג אַז אַ בוים פאַרשפּרייט שוין
זיין קרוין פון דיינעטוועגן ערגעץ־ווו,
אַז זיינע מינדסטע בלעטלעך זיינען גרייט שוין
אַריינצונעמען דיך אין זייער רו.

# נאָך אַ רעגן

דער וואַלד האָט זיך מיט פולע רעגנס אָנגעזעטיקט
דורך שטראָמען־אָנפּלייצונג פון באַרג אַראָפּ אין טאָל,
דער ווידורוויל האָט זיך, ווי ניט זיין שטייגער, היינט פאַרשפּעטיקט
צו לאָזן הערן אָנהייב־אָוונטיק זיין קול.

אַ ווייסער נעפּל דורך די העכסטע צווייגן־פּיליגרינען
האָט זיך געצויגן און אַראָפּגענידערט ביז צום גראָז,
ווען אַ פאַרבלאָנדזשעטע, פאַרהאָרעוועטע מחנה בינען
האָט צו די אָפּגעדעקטע הויכן זיך געטאָן אַ לאָז.

זי האָט אין איר מהומה־זשומעניש דערציטערט
דאָס קופּערגלעקל אויפן האַלדז פון דער געפלעקטער קו,
וואָס האָט זיך שלווהדיק ביים זוים פון וואַלד געפיטערט
און מיט אַמאָל פאַרגאַנגען זיך אין אַ פאַרבענקטן מו.

דער מו ווערט איינגעשטילט און הזרט זיך ניט איבער,
די אָוונט־שלווה נעמט אַרום די קו צוריק,
זי קניט און קוקט מיט גרויסע אויגן צו די שטיבער
אויף יענער זייט פון אַלטער טרייסלדיקער בריק.

זי ליגט אויף אירע קני, און אירע רייבע ליפּן
באַוועגן זיך ווי אין אַ ריטמיש־איינגעוויגטער שפּיל,
ווען פלוצלינג, ווי אַ תפילה ערב־שלאָף, מיט טיפע כליפּן
צעטראָגט זיך דער געדעמפטער קול פון ווידורוויל.

# געװען איז אָװנט

געװען איז אָװנט און באַגינען,
געװען איז טרויער, געװען איז פרייד.
ביז כ'װעל איינגאַנצן דיך געפינען
נעם־אויף דערװײַל מײַנע װײַטע רייד.

אַזױנע װערטער — אַז איך זאָג זיי
צעפלאַקערט זיך די העלסטע שעה;
אַ טראָג זיי, העלסטע, און דערטראָג זיי
אַהין װוּ כ'בין שוין מער ניטאָ.

אַהין װוּ ס'דאַרף מיך מער ניט קיינער,
װוּ איך אַליין קלאַפּ שוין ניט אָן.
אין דער דערקענטעניש דער ריינער
הערט־אויף אַ װײטיק װי צו טאָן.

צו זען דעם נס פון דײַן פאַרשװינדונג
אין אַלץ װאָס איז שוין מער ניטאָ, —
נעם־אויף מיט ברכה דײַן פאַרבינדונג
מיט מינדסטער זאַך װאָס איז נאָך דאָ.

# שטילער פון וואַסער

שטילער פון וואַסער און נידעריקער פון גראָז —
אַ ווערטל פון שפּאָט אינעם מענטשלעכן לשון,
דערפאַר ווייל דער מענטש האָט, צו ווײ און פאַרדראָס,
דורך גאווה זײַן אמתע רו אויסגעלאָשן.

דער נידעריקייט פון אַ גראָז הײנט מײַן ליב,
מײַן ליב אויך דער שטילקייט פון קלײנינקן קוועלכל,
וואָס שלאָגט זיך אַדורך, דורך ווײס־זילבערנעם שטויב,
פון אונטער אַ שטיין ביי דער טיר פונעם שטעלכל.

ער פליסט זיך בנעימותדיק, דורכזיכטיק קלאָר,
פאַרבײַ אײַנגעטוליעטע עופּעלעך־גרעזלעך,
ווען שפּריצלעך פון רעגן, ווי זײַדענע האָר,
צעטאַנצן אויף אים זיך אין שטראַליקע בלעזלעך.

ביים שטעלכל אין טיר שטייט פאַרחלומט די קו,
דער האַלדז אויסגעצויגן, די אויגן צעשפּיגלט.
זי קוקט מאַיעסטעטיש — די מלכה פון רו —
ווי ס׳גיט ווו אַ צאַפּל אַ בלאַט, צי אַ פליגל.

דערנאָך, װי פֿאַרכישופֿט פֿון װעמענס אַ װונק,
אַרונטער צום קװעלכל, דערבײַ דאָ, זי נידערט,
פֿאַרנװיגט זיך און גיט אַזאַ אײדעלן טרונק
געלאַסן, געדולדיק און גלײַכט זיך אױס װידער.

מיט זעליקײט נעמט אַ בערגל־זיך־טאָן
דאָס װאַסערל אין דער צעקװאַליקטער קילקײט,
און גרעזלעך, װאָס נידעריקער זון רירט זײ אָן,
אַלץ טיפֿער, באַשײדענער װערט זײער שטילקײט.

# אַן אַלט־באַקאַנטער פֿויגל־רוף

אַן אַלטער באַקאַנטער פֿויגל־רוף
פֿון טיפֿן אָוונט־וואַלד דערבײַ, —
אַ וואָרענונג, צי אַ פֿאַרשלעפּערונג,
צי גאָר אַ בשורה.
דאָס קלײנע קינד נעמט טוליען זיך אין וויג
האַלב־חידושדיק, האַלב־שרעקעדיק;
דאָס גרויסע קינד האָט שוין די שרעק
לאַנג אײַנגעשטילט אין זיך,
און אויך דער גאַסט וויל ווי־זן
אַז זײַן האַרץ איז רואיק, —
אויך דער גאַסט.

ער שפּאַנט אַרום אַ שווײַגנדיקער
איבער די סוף־זומערדיקע לאַנען,
און ווײַל ס'איז נאַכט אַרום
פֿאַרמײַדט ער פֿון אַרײַנצוגיין אין וואַלד —
דער גאַסט.
ער שטעלט זיך אָפּ און הערט
ווי אויך די בײמער שווײַגן
פֿאַרוואָרצלטע אין טיפֿקייט פֿון יסוד;
און ווי הערט אַזוי, פֿאַרנעמט ער נאָכאַמאָל
דעם אַלט־באַקאַנטן פֿויגל־רוף.

דאָס מיינט: שטיי שטיל,
ווייל אויך דער וואַלד וויל ווייזן
אַז זיין האַרץ איז רואיק, —
אויך דער וואַלד.

מענטש איז אַנדערש ביי אַ זוים פון וואַלד,
אויך די נאַכט איז אַנדערש ביי אַ וואַלד.
זי לייגט זיך אויס ביי אַלע שטאַמען
און וויקלט זיי אַרום מיט ווייכע אָרעמס
און היט זיי און באַשיצט זיי.
די נאַכט שווייגט אויס איר וואָרט פון שוץ,
ווייל אויך די נאַכט וויל ווייזן
אַז איר האַרץ איז רואיק, —
אויך די נאַכט.

# אַ ניגון

פֿאַרשניטן — די זאַנגען,
פֿאַרטריבן — דער שומר;
די זון ברענט צעהאַנגען
אויף שפּיצן פֿון ביימער.

אַ ווילד־קול — אין שייער,
פֿאַרדרייט ליגט דער אַקער;
אַ שפּראָץ פֿון אַ פֿייער
טאַנצט־אויף אין אַ פֿלאַקער.

עס גיסן זיך עמער
מיט נאַכטיקער בלויקייט,
און לעשן די פֿלעמער
אין לעצט־לעצטער גרויקייט.

אַ מענטשל, געהאָרבעט,
שפּאַנט־שפּאַנט צווישן קוסטעס —
אַ שטעקן, אַ טאָרבע,
אַ טאָרבע וואָס פּוסט איז.

דערפאַר — פון אַ דודע
געזאַנג טוט ער ציען,
צו ערדישער הרודע
ער קניט און בלייבט קניען.

דאָס פּנים — פאַרהויבן,
די דודע — פאַררינסן,
צום נאַכט־בלויען אויבן
זיין ניגון טוט פליסן.

ער דודעט צום שייער
אַ תיקון דעם אַקער —
דעם שארית פון פייער,
דעם לעצט פונעם פלאַקער.

# האַרבסט־ליד

מיט נאָדלען — מיט דאָרנס פּאַרשפּיצטקייט
צעשטעכט זיך מיין אָוונט־געזאַנג.
מיין אייגענע אָפּגעניצטקייט
פאַלט־צו צו אַן עלנדער זאַנג.

דער שליאַך איז אַ היים פאַרן דאָרן,
און אויך פאַר דער עלנדער זאַנג,
און מער נאָך פאַר דעם וואָס טוט פאָרן
זיין שטילקייט מיט סוף־טאָג געזאַנג.

געזאַנג פון באַשערטער פאַרקלעמטקייט
אין איינבראָך פון וויסע צוויי הענט. —
מיין אייגענע תפילה־פאַרשעמטקייט
צו אַלע פיר זייטן געווענדט.

די זאַנג איז געלאָדן מיט קערנער,
זי בייגט זיך אַריבער און זייט
איר גאָב צווישן נאָדלען פון דערנער,
פאַרזייט זיך, און פאַלט, און פאַרגייט.

# מאַמע־ערד

אַז די בלעטער פון מיין שטוב־וואַזאַנע ווערן מיד —
צי פון דאָרשט, צי פון זון, צי פון וואַקסן צו־לאַנג,
נעמט זיך קרייזן אַרום זיי אַזאַ אַנזאָג פון אַ ליד,
ביז זיי ווערן אַליין לויטער ליד און געזאַנג.

געזאַנג וועגן פולער אויסגעטראָגענער רו. —
זיי נייגן זייערע שאַרפע שפּיצן אַראָפּ
אַלץ נידעריקער, אַראָפּיקער, ביז זיי קומען צו
צו דעם ביסל מאַמע־ערד אינעם בלויען טאָפּ.

די גוטע מאַמע־ערד, אינעם שטחל קליין,
אין אָנגעלאָד מיט וואָרצלען קנויל אין קנויל,
דערפרייט זיך מיט אירע בלעטערס שטילן חן
און עפנט זיך פאַר זיי גאָר ממש ווי אַ מויל.

זי רירט זיי אָן, זי קושט זיי און זי רעדט אַרויס:
— „מיט אַלע לעצטע כוחות הייבט זיך אויף צוריק.
נאָך דאָ אין מיר אַ טראָפּן וואַסער, טרינקט עס אויס,
און זאָל עס זיין אייך צו אַן אָפּפרישונג פון גליק“.

די לאַנגע אויסגעקרימטע בלעטער לויכטן־אויף,
זיי פאָלגן וואָס דאָס ביסל ערד, די קליינע מאַמע, הייסט,
אין קיל פון אָוונט קומען זיי צוריק אַרויף־אַרויף
און טראָגן אויף זייערע שפּיצן שטויבעלעך פון טרייסט.

# פאַרשטיי מיך און פאַרנעם

פאַרשטיי מיך — און פאַרנעם אַ זילביקן ניואַנס
פון אַ געזאַנג־וואָרט אין אַ שורה אַ פאַרשטעלטער;
אָט ליג איך אַ פאַרטראַגענער ווי אין אַ טראַנס
ביינאַכט און מיין — ס׳איז גרויסער טאָג צעהעלטער.

און ווען איך כאַפּ זיך, אַז ס׳איז לאַנגע, טיפע נאַכט —
שטראַלט־אויף די העלקייט אין אַ וואַנט־פּינטל דערנעבן,
זי בליצט־אויף אין מיין אויג וואָס איז נאָך האַלב פאַרמאַכט,
און אַלע זאַכן אַרום מיר פאַרטאָפּלען זייער לעבן.

איך הער מיט אַלע חושים ווי עס הייבט זיך אויף אַ רעש
אין בלעטלעך, ווי זיי פלאַטערן אויף ריטלעך־צווייגן, —
סך־הכל שטייען זיי פאַרזונקענע אין אַ צעשפּרייטער פלאַש,
און זע — דאָס זייבען זיי וואָס רייסן־אויף דאָס שווייגן.

זיי רייסן־אויף דאָס שווייגן פון אַ מינדסטער זאַך אַרום
צו נעמען אָטעמען, צו הילכן ווי דורך ציין און צינגער, —
אַז איך אַליין שפּרינג־אויף און רוף ווי צו אַ וועזן: קום!
און כ׳קלאַפּ אין חלל־גלאָק מיט אַלע מיינע פינגער.

ה. לייוויק

# פאַלמע־בלעטער

די לאַנגע פאַלמע־בלעטער ליכטיקן אין אויסגעשפרייטקייט,
זיי פרייען זיך אין זייער גרין, זיי זייַנען פול מיט גליק,
זיי קומען דיר אַנטקעגן מיט אַ רהבֿותדיקער גרייטקייט
צו אויפנעמען דעם אומרואיקן טרויער פון דיין בליק.

דו קאַנסט אַזוי דורך גאַנצע שעהן קוקן
אויף זייער רייפער רו, און טראַכטן וועגן דעם
אַז ליפן וואָלטן אויך באַדאַרפט זיך אויסלערנען ניט צוקן,
און ווי אַ בלאַט זאָל אויך אַראָפּהענגען אַ ברעם.

גיט עפּעס ווי אַ בליץ אין דיר פון ווייטע עבר־יאָרן —
פון גאָר די ערשטע טעג דייַנע, — אַ וווּנדער־טרוים
(צי אפשר גאָר פון טעג נאָך פ אַ ר דיין זיין געבאָרן),
אַז דו ביסט אויך געווען געוואָרצלט אין דער ערד — אַ בוים.

דער שטורעם וואָס האָט אויסגעבראָכן אין דער שעה פון דיין געבאָרן —
דיין ערשטער אויסגעשריי — האָט אַלץ פאַרענדערט מיט אַ ריס;
איצט גיט אַ שימער אָן אַנטפּלעקונג־נס אין דיין זכרון,
און ס׳ווערן ווידער צווייגן דייַנע הענט, און וואָרצלען — דייַנע פיס.

דו שטייסט ערגעץ אין וואַלד, צי ביי אַ דורכקרייצונג פון וועגן,
דיין וועלט פון פ אַ ר געבאָרן ווערן גייט־אויף גאַנץ צוריק, —
עס וויקלט דיך אַרום די זון, עס טרינקט דיך אָן אַ רעגן,
אַז ס׳קומט דיין וועלט וואָס נ אָ כ ן שטאַרבן צו איר קוואַל צוריק.

# ליד צו מיין וואַזאָנע

גענבענטשט זייט, רואיקע וואַזאָנע־בלעטער גרינע,
איך זינג צו אייער שטיקל ערד וואָס גיט אייך קראַפט.
איך בין אייך טיף מקנא מיט אַ ליבשאַפטלעכער קנאה
אין אַל מיין אויסגעזומערטער, פאַרהאַרבסטער לידערשאַפט.

מיין האַנט האָט אייך געהיט, געפּלעגט, באַוואָסערט,
געגעבן אייך צו חלומען פון מאָרגנזון און טוי,
איך שמייכל איצט קהלתדיק, ווען איר פאַרמאָסערט
צו אייער לויטערדיקן גרין מיין עלטער־גרוי.

איך זאָג ניט אָפּט דאָס וואָרט „איך זינג", — כ'בין ניט קיין זינגער —
נאָר היינט באַזונדער זאָג איך עס מיט אויסרוף־טראָפּ:
איך זינג צום יונגן בלאַט, ווען אַלע מיינע פינגער
צעאַקערן אויפסניי זיין ביסל ערד אין טאָפּ.

דערביי מיין קנאה, — ווייל אויך איך גאָר צו געפינען
אַ ברעקל ערד פאַר מיינע לידער, לאַנד אַ שפּאַן;
אַז איך ווער אַלט — זאָל ס'ליד מיינס בלייבן גרינען,
זאָל זיין אַפילו אין אַ מיסט־שטאָל פון אַ י י ד י ש ־ מ אַ ן !

# די נאַכט איז פול מיט כאָרן

די נאַכט איז פול מיט כאָרן,
מיט גרילן, קיידי־דידס,
דעם מולדס שאַרפער האָרן
לויכט־אויף פון שפּיץ ביז שפּיץ.

פון וואַסער־קוואַל אַ נעפּל
צעשפּרייט זיך ווייס ווי מילך,
צום שטייפן ברעג אַן עפּל
פאַלט צו מיט אַ געהילך.

דער עפּלבוים, דער קרומער
דערציילט דעם ווייסן קוואַל
זיין פרייד, אין מיטן זומער,
פון יעדן עפּלס פאַל.

כ׳האָב ליב, אַזוי דערציילט ער,
ווען מיינס אַן עפּל ווערט
ביי זיך אַן אויסדערוויילטער
צו אָנרירן די ערד.

ער גורט זיך אָן מיט ווילן
און רייסט פון מיר זיך אָפּ, —
אַ פאַל צום גראָז צום קילן
מיט אַ געזאַנג אַראָפּ.

מיין האַרץ מיין אַלטס פֿאַרגייט זיך
אין גליק פֿונעם געזאַנג,
ווען האָרנדיק צעצווייט זיך
דער מולד אין זיין גאַנג.

די נאַכט איז פֿול מיט כאָרן —
מיט ווילנס אָנגעגורט:
אין סאַמע לעצטן דאָרן
פֿאַרזייען ניי־געבורט.

# דער דאָרנבוש אין העלן שניי

דער דאָרנבוש ביים צאַם פון עפּלגאָרטן
אַהינטער דעם פאַרשנייטן פאַרמער־הויז,
אין אָוונטבלוי מיט העלן רויט געפּאָרטן,
ווי אַ צעפינקלטע מנורה זעט ער אויס.

געפלאָכטן פון איין שטיק, — אי שטאָם, אי רערן, —
צעבלענדט זיך יעדער רער אין האַלבן קרייז,
אין לעצטן זונגאָלד, פאַרן אויפגיין פון די שטערן,
אַרומגענומען מיט אַ דינער הויט פון אייז.

פון אַלע עפּלביימער האָט די זון נאָך נעכטן
אַראָפּגעשמעלצט די גליווערניש פון פראָסט,
נאָר ער, דער דאָרנבוש, אין זיינע קנופּ־געפלעכטן,
פאַרבליבן איז אין פרירעניש פאַרגלאָזט.

די עפּלביימער גיבן שוין אַן אויספרווו־ציטער —
צי מיינט ניט, אַז דער ווינטער שוין פאַרשווינדט,
נאָר ער דער דאָרנבוש, ביים צאַם־טויער דער היטער,
ער פלעכט אַרום מיט אייז־ליכט אויך דעם ווינט.

דאָס בלוי צעפּלייצט זיך אינעם אויפגאַנג פון די שטערן,
די ביימער שניצן זיך אַריין אין זילבער־ווייס,
ווען צו דעם בוש מיט זיינע אויסטערלישע רערן
פאַרנייגט זיך די לבנה אין איר פולן קרייז.

# דורך וואַלקנס

דורך וואַלקנס, דורך שטורעם פון רעגן,
גייט־אויף דיין אַמאָליק געשטאַלט; —
דו קומסט אָן אין ווייסן אַנטקעגן
פון צווישן די קוסטעס פון וואַלד.

עס וויגן זיך זאַנגען פון קאָרן
צום ווייכן באַריר פון דיין פוס;
אַ פאַסטעך שאַלט אויס אויף זיין האָרן
פאַר דיר, צו דיין קומען, אַ גרוס.

מען זעט ניט — ניט אים, ניט זיין סטאַדע
אין רייפן פאַרנאַכטיקן פעלד,
און ער זעט דיך אויך ניט, אודאי,
דורך גראָזן און זאַנגען פאַרשטעלט.

מע הערט נאָר ווי ס׳טראָגט זיך פון אויבן
אַ פלאַקער־געפלאַטער אַראָפּ,
צעטויט זיך אין בלענדיקע שטויבן
אַ גאָלד־קרוינונג איבער דיין קאָפּ.

ער שטייט דורכגענומען מיט שווייגן,
מיט הענט אויסגעשטרעקטע צום רוים
ווי צוויי אויפגעציטערטע צווייגן
פון גאַנצן דערבייאיקן בוים.

ביז צייטנווייז אויף דיינע ליפּן
גייט־אויף דאָס געבורט פון אַ וואָרט,
און ס׳נעמען זיך ווערטער פאַרקניפּן
געזאַנגיק, געפלאָכטן־געפּאָרט.

אויך ווערטער צעוואַקסן זיך צווייגיק,
און רוישן און טריפן מיט טוי,
ביז וואַנען די אָוונט־שעה שווייגיק
פאַרוויגט זיי מיט נאַכטיקן בלוי.

# אַ מעשה אַזאַ

כ׳האָב לויטער קלאָר געזען אים גיין
אַן איינגעוויקלטן אין שטראַלן;
אויף זאַנג און בוים, אויף גראָז און שטיין
איז זיין צעלויכטנקייט געפאַלן.

האָט זאַנג און בוים, און גראָז און שטיין
מיט מיר אַ ברודערשאַפט געשלאָסן, —
אינאיינעם זיך געלאָזן גיין
נאָך זיינע טריט, מיט ליכט באַגאָסן.

ביז אָנגעקומען זיינען מיר
צום אָרט וווּ ער באַדאַרפט האָט רוען,
געוואַרט אויף גליק פון זיין באַריר,
אויף גליק — אין אים זיך צו פאַרטרויען.

ערשט ווײַ, געטראָפן האָבן מיר
אַ קופּע אַש, און שווערד און מעסער,
און גלייך דערביי אַ שוואַרצע טיר,
און נאָך אַ טיר אויף זיבן שלעסער.

דאָס גראָז, דער שטיין, דער בוים, די זאַנג —
זיי האָבן גאָרניט זיך דערשראָקן,
זיי האָבן אָפּגעשטעלט דעם גאַנג,
ווי ס׳אָרט וואָלט זיי גאָר נעמען לאָקן.

דער שטיין האָט זיך געטאָן אַ לייג
און גלייך צום באָדן צוגעזונקען,
די זאַנג צום בוים — אַ פרומען נייג,
און אָט מיט טוי זיך אָנגעטרונקען.

און דאָ פאַרוואָרצלט זיך דער בוים
מיט אַ פאַרנעם אַזאַ אַ ברייטן,
און איבער אַש און איבער ביין
נעמט גלייך אַ גרין־גראָז זיך פאַרשפּרייטן.

דעם גאַנג פאַרענדיקט האָבן זיי,
און ווייטער ניט געוואָלט זיך רירן,
פאַרגלעט, פאַרקעמט, פאַרדעקט דעם ווײ
און אויך אַזוי די שוואַרצע טירן.

האָב איך, — צום ערשטן ליכט געטריי,
צו זוכן ווייטער אים אַ גרייטער, —
אַוועקגעוואַנדערט אויף דאָס נײ
אַן מיטשפּאַנער און אָן באַגלייטער.

# ביים שייער

ביים שייער און שטאַל ליגט אין אָפּרו דער אַקער,
עס טוליען צו אים זיך די לעצט־זומער גראָזן,
סעפּטעמבער־זון נידערט, אין רויט פון איר פלאַקער
פאַרקוקן זיך אויגן פון דריי ווייסע האָזן.

איין העזל — אַ קינד, און די צוויי — טאַטע־מאַמע,
די אויערן אָנגעשפּיצט — האָרכיקער וווּנדער:
וואָס לענגער זיי קוקן אין בלענד פון די פלאַמען
אַלץ טיפער די שוואַרצאַפּלען, גרעסער און רונדער.

אַ ווינטל צעווייט זיך אויף שאָרכיקע פליגל
און פלאַטערט די גראָזן און גרעזלעך פונאַנדער,
דאָס העזל נעמט גאַפן, ווען הינטער אַ היגל
די זון זינקט, פאַרזינקט אין אַ וועלט אין אַן אַנדער.

אַ פיבער צעשויבערט זיין קליינינקן רוקן
נאָך פיבערדיקער פון די גראָזן און גרעזלעך;
אַן אויפשפּרונג, אַ היפּער אין זיגזאַג־מסוכן,
נאָך אים — טאַטע־מאַמע מיט שרעק אויף די נעזלעך.

צו סודותדיק־שוצפולע, זיכערע שוועלן
זיי שפּרינגען, זיי יאָגן און — טוז אין אַ נאַרע;
אין בלויען פּאַרלעש פון דער זון בלייבט נאָך העלן
דער אָפּשיין פון שוואַרצאַפּלען טאָגיקע, קלאָרע.

ביז וואַנען איר אייגענעם וונדער־צושטייער
די נאַכט ברענגט — אַן אייגענעם זילבערנעם פלאַקער,
זי הייבט צו די שטערן די שטאַל און דעם שייער,
און בענטשט מיט באַוויליקטער האַרבסט־רו דעם אַקער.

## צוויי גראָזן צווישן זיך

— וואָס מאַכסטו, שכן?
— געזונט, מיין פריינט.
— און מיך צעבראָכן
דער ווינט האָט היינט.

— וואָס הייסט צעבראָכן?
— דאָס הייסט אויף צוויי,
אויף לאַנגע וואָכן
צו זיין אין וויי.

— מען דאַרף ניט וויינען,
נעם נויג זיך צו
צו מיר; אינאיינעם —
געשיצט ביסטו.

— שוין אַלץ פאַרפאַלן.
וואָס טויג איצט שוץ?
— אויף נייע פאַלן
כ'באָט אַן מיין גוטס.

— און היינט? דערוויילע?
— אויף היינט פֿאַרמייד
די פּיין פֿון שאלה,
און רויִק לייד.

— איז דאָס דער תּוכן
פֿון גאָר דיין טרייסט?
— יאָ, דאָס דערגרייכן
מיינט זיין דערלייזט.

— ווי לאַנג געקומען
ביסטו דערצו?
— זינט כ׳האָב פֿאַרנומען
אַז איך בין דו.

— האָסטו אויך בראָכן
געליטן דאָ?
— אַ סך, מיין שכן,
אַ סך; יאָ, יאָ.

# די פֿייגל פֿליִען מחנותווייז אַוועק

די פֿייגל פֿליִען מחנותווייז אַוועק פֿון אונדזער לאַנד,
ווייל אונדזער לאַנד ליגט טיף אין שנייִ פֿאַרשאָטן,
די זון האַלט ביים פֿאַרגיין, דער ווייטער מערבֿ־ראַנד
וואַרפֿט אָפּ פֿון זיך אין גליוּוער־בלוי אַ שאָטן נאָך אַ שאָטן.

די מחנות טראָגן זיך ווי פֿון אַ שׂכל־האַנט געפֿירט
פֿאַרביי מיין שטוב און העכער איבער שטאָל און ציגל,
אַט הער איך ממש ווי די שויבן מיינע ווערן אָנגערירט
מיט פֿעדער־פֿיבערדיקע דורכשאָרכן פֿון פֿליגל.

זיי רירן אָן די שויבן מיינע, און מיין האַרץ — נאָך מער,
ווען איך דערזע אין אָנגעלאָד פֿון שאָטן איבער שאָטן
ווי טיילן פֿליִער לאָזן זיך אַרונטער מיד און שווער,
און פֿאַלן־צו צו אַלע דאַך־געזימסן, שטריק און דראָטן.

איך קוק זיי נאָך די מידע פֿליִער, איך ווער איינס מיט זיי,
איך לאָז זיך אויך אַרונטער, אין געדאַנק, מיט זיי צוזאַמען.
איך הוידע זיך אויף איינער פֿון די שטריק מיט זיי אין ריי,
און כ׳טראַכט ווי זיי: דער וועג איז לאַנג, איז ווייט אַריבער ימען.

גייט דורך אַ רגע, גיבן אַלע מידע זיך פון אָרט אַ ריס
און גיסן זיך צונויף צוריק מיט אַלע מחנות פליער,
און איך בלייב הוידען זיך מיט נאָך מער זינקענדיקע פיס,
און זע — איך בין צווישן אינעווייניקסטע ווענט ווי פריער.

ווי פריער? — יאָ. מיין צימער. נאַכט. אַ שפּיגל אויף דער וואַנט.
איך צינד אָן ליכט און כ׳גיב אַ זינק אַריין אין שפּיגל,
און אַלץ אין מיר האָט טענות צו מיין רעכטער, צו מיין לינקער האַנט
פאַרוואָס זיי לאָזן נאָך, פאַרוואָס זיי זיינען ניט קיין פליגל.

# פון ווייטע טעג

פון ווייטע טעג
אַן אַלטן געזאַנג
הילכט אָפּ אין מיר
מיט פריש געקלאַנג.

אַ תּפילה־רוף
אַ נאַכט־געבעט
צו דעם וואָס הערט,
צו דעם וואָס זעט.

צו דעם וואָס שפּרייט
זיין גאָב, זיין גוטס
און ברענגט גענאָד
און טרייסט און שוץ.

צו דעם וואָס וואַכט,
צו דעם וואָס היט
מיין שוואַרצאַפּל
און מיינע טריט.

צו דעם װאָס צײלט
געננוי און קלאָר
דעם מינדסטן צוק
פון מײנס אַ האָר.

צו דעם װאָס טוט
זײַן ליכט אַרײַן
מיר טיף אין לײַב,
און װיגט מיך אײַן.

אַ פרײד אַזאַ
אין שפּעטער שעה —
די אַלטע פרײד
װאָס גאָט איז דאָ.

# אַ דאַמע אין טראַמוויי

אויף אירע אַקסלען שלאָפן קעפּלעך צוויי: אַ פוקס
געטוליעט צו אַ צווייטן פוקס, צונויפגעפלאָכטן.
אַז זי זאָל אויסזען דאַמיש, אויסגעפּוצט דע־לוקס —
האָט װער פאַר איר צוויי פוקסן אין אַ וואַלד געשאָכטן.

די פוקסן־קעפּלעך טוליען זיך אין זילבער־בלוי,
די אייגלעך אָפן — אויסגעשטאַרט ווי גליוזער־גלעזלעך.
די קעפּלעך פאַלן־צו צום האַלדז־רונד פון דער פרוי,
און רירן אָן איר ווייסע הויט מיט שוואַרצע נעזלעך.

עס כאַפּט זיי אָן אַ ציטערניש אינאיינעם מיט אַ פרייד,
די אייגלעך הייבן אָן, ווי לעבעדיק, זיך איבערווינקען,
און אויך די עקלעך, דורך די פאַלדן פונעם זיידן־קלייד,
אין פיבער נעמען צו דער דאַמעס קנעכלעך זינקען.

די עקלעך גרייכן ביזן דיל אין פולער לענג,
און זע — זיי רירן זיך ניט מער: אויפסניי געשטאָרבן.
דער דאַמעס אַקסלען, איינגעקלאַמערט פּלוצלינג אין געדרענג,
אויך זיי באַפאַלט אַ גליווער, און — זיי ווערן האַרבן.

די ענגשאַפט לאָזט ניט נאָך, די לופט — ווי בליי,
די דאַמע ווערט אויס דאַמע אין איר האַלדזבאַנד־פוטער, —
אויך זיי, די קעפּלעך, נעמען אויסגיין אויף דאָס ניי,
זאָל דוכטן — אויף דער ברוסט פון זייער וואָרער מוטער.

# אַ ליד וועגן מאַנטיק

כ׳האָב גאָרנישט ניט אויפגעטאָן היינטיקן מאָנטיק,
אַ חרפּה אין דעם גאָר זיך מודה צו זיין,
פונדעסטוועגן שטרייך איך דעם טאָג אונטער קאַנטיק,
ווען כ׳שרייב אים אין בוך פון מיין לעבן אַריין.

דער מאָנטיק, אין ריי, האָט געהאַט זיין באַגינען —
אַ רואיקע זון מיט אַ לויטערער שיין;
אַ זשום, אַ געפלאַטער פון פייגל און בינען,
דערנאָך אַ בייטאָג — זאָל קיין ערגערס ניט זיין.

און נאָכדעם, אין רו פון פאַרנאַכטיקער בלויקייט,
אַ מע פון אַ שעפּס און אַ מו פון אַ קו,
און איינער אַ מענטש אין געצייטיקטער גרויקייט
קוקט פרידלעך צום אייגענעם טרויער זיך צו.

אַ טרויער — וואָס פלינקער פון אים איז, און קליגער,
די מערעשקע אָט מיט אַ בלעטעלע גרין,
וואָס איילט צו איר היים, צו איר אייביקער־היגער,
און טראָגט איר צושטייער אויף הערנערלעך דין.

ער פּרווט, ווי ער זיצט אויף אַ באַרג־שפּיץ פון יאָרן,
צו לייגן דער מערעשקע שטיינדלעך אין וועג,
נאָר זי, די חכמה, געשיקט און אָן צאָרן,
זי רייסט זיך אַדורך מיט איר בלעטל־פּאַרמעג.

ער ציילט אירע זיגזאַג־געדרייען ביז הונדערט,
און מורמלט קהלתדיק, מורמלט דערשעפּט:
— ניט לערן זיך חכמה, נאָר לערן זיך וווּנדער,
צו זען אויך ווי  ד יי ן  טאָג אין וווּנדער דערלעבט.

דערנאָך — וואָס געשעט? עס קומט אָן מיט אַ זשומען
אַ בין. טראָגט איר האָניק. נעם לערן דערפון
אַז ס'קאָנען אויך ווערטער זיין האָניק צום גומען:
— אויף יענער זייט באַרג איז פאַרגאַנגען די זון.

„אויף יענער זייט באַרג איז די זון שוין פאַרגאַנגען," —
שטעל איבער אָן שאָדן דעם ליבן שאַבלאָן;
מיט אים האָט אַ דיכטער זיין ליד אָנגעפאַנגען,
אַ שאָד וואָס אויך דיין ליד מיט דעם הייבסט ניט אָן.

דאָס נייערע וואָרט דיינס — סע טרייסט אויף קיין האָר נישט,
אַ נס וואָס אַן אַלטס קומט אַמאָל ווי אַ נייס;
כ'האָב הײנטיקן מאָנטיק ניט אויפגעטאָן גאָרנישט, —
כ'פאַרשרייב עס אין שעה פון דער נאַכט שוואַרץ אויף ווייס.

ה. לייוויק

# קום אַהיים

(פּאָלקיש)

אויפן פעלד
שטייט אַ בוים,
שטייט ער איינגעבויגן.
בוים, בוים,
קום אַהיים,
קום זיך שלאָפן לייגן.

אויפן וועג
ליגט אַ שטיין,
ליגט ער אויסגעצויגן.
שטיין, שטיין,
קום אַהיים
מיטן בוים זיך לייגן.

באַרג אַראָפּ
קוקט די זון,
קוקט מיט מידע אויגן.
זון, זון,
קום אַהיים
מיטן שטיין זיך לייגן.

טיף אין טאָל
פירט די נאַכט,
פירט מיט ווייס פאַרצויגן.
נאַכט, נאַכט,
קום אַהיים
מיט דער זון זיך לייגן.

# פ ל י ג ל

דער ווינט האָט געווירבלט
די נאַכטיקע פינצטערקייט.
און ער איז געגאַנגען זיין וועג.
דער וועג איז אים פאַרלאָפן מיט בלינדקייט;
די פיס — אין שטרויכלונג,
די אויגן — אין אימה.

און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַלדז
אין אַן אויסגעשריי
אַזוי ניט ענלעך צו זיין שטענדיקן קול,
אַז אַלע זיינע אברים אין אים
האָבן אויך גענומען דרייען זיך איןווירבל.

דערהערט ער מיטאַמאָל
אַ געפלאַטער פון פליגל,
און נאָכדעם אַ קלאַפּ אָן דער ערד,
און נאָכדעם — אַ קול:
זאָל ווערן,
זאָל ווערן
ליכט.

און ס'איז געוואָרן
ליכט.

און ער האָט גענומען זוכן
פון וואַנען קומט דאָס קול,
און וווּ ליגן די פליגל,
און — קיין שפּור ניט געפונען.

און ער האָט אויפגעהויבן זיינע הענט
און געשטאַנען אַ פאַרשטאַמיקטער,
ווי אַ בוים מיט צוויי אויסגעשטרעקטע צווייגן,
ווען הינטער זיין פלייצע
איז געלעגן אויף דער ערד
זיין אויסגעצויגענער שאָטן
און געפּיבערט־געפלאַטערט
מיט צוויי לעבעדיקע פליגל.

# פון דעם לאַנד דעם פאַרבאָטענעם

.1

פון דעם לאַנד דעם פאַרבאָטענעם
ביז דעם לאַנד דעם באַטראָטענעם
איז אַ שפּאַן און ניט מער, —
אָט פון דאָרט ביז אַהער.

פון אַ שטראַל אַ פאַרשפּונענעם
אויף אַ טוי אַ צערונענעם
האָט דער פריער באַגין
מיר אַנטפּלעקט פולן זין.

.2

כ׳האָב געזען איינעם טרויערן
אויף אַ טויט, און — גלייך לויערן
מיט פייער און בליי
אויף אַ שכן דערביי.

כ׳האָב געהערט איינעם קללהווען,
אין געלעסטער בהלהווען, —
אין אַ רגע אַרום
לויבט ער גאָט שטיל און פרום.

כ׳האָב געזען אַ געבונדענעם
אויף אַ שייטער צעצונדענעם —
אַ פאַרבליבענעם גאַנץ
אינעם פלאַקערשן טאַנץ.

.3

פון דעם לאַנד דעם פאַרבאָטענעם
ביז דעם לאַנד דעם באַטראָטענעם
איז אַפילו קיין שפּאַן
גאָר צומאָל ניט פאַראַן.

צווישן וואַלד־וואָיען חיהשע
און נבואות ישעיהשע
אויף אַ האָר, טויאיק־דין,
הענגט דער מענטשלעכער מין.

# דאָס אמתדיקע לעבן קומט

(אברהם רייזענען — ווען ער איז אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר)

דו רירסט זיך צו צו בלעטער פון אַן אַלטן בוך,
צו בלעטער ווי זיי דרעמלען, דאַכט זיך, צווישן טאַוולען,
און ס׳גיט אַ ווײ אויף דיר מיט וואַרעמקייט און ליבשאַפט.
דו שפּירסט אַן אָטעם און דו הערסט אַ קול אַזוי צו זאָגן:
דאָס לעבן, וואָס דו האָסט געלעבט ביז היינט,
האָט זיך געפורעמט אין באַגינען־בלוי פון ערב־לעבן,
דעריבער בינד צונויף די יאָרן אין אַ פּאַק,
פאַרוואַרף זיי אויפן קאַרק און לאָז זיך גיין
צום פולן ליכט, וווּ ס׳הייבט זיך אָן דאָס אמתדיקע לעבן. —
דאָס אמתדיקע לעבן קומט. דאָס פולע לעבן קומט, קומט, קומט.

דו פאָלגסט דעם קול. דו פרעגסט נישט און דו פאָרשסט נישט
אַוווּ דאָס אמתדיקע לעבן הייבט זיך אָן.
דו פרעגסט נישט, ווייל דיין מוח און דיין האַרץ
דערפרייטע נעמען צאַפּלען זיך פון דער אַנטפּלעקונג,
אַז ס׳לעבן דיינס ביז היינט איז נאָר געווען אַן ע ר ב,
און גרעסער נאָך פון דער אַנטפּלעקונג נעמט אין דיר
צעוואַקסן זיך די פרייד פון שפּאַנונג, פון דערוואַרטונג.
אַ שטראָם פון נישט־געאַנטער קראַפט פאַרכאַפּט דיך
און יאָגט פונאַנדער מיט אַ פלאַמיקייט דאָס בלוט אין דיר.
דאָס אמתדיקע לעבן קומט, דאָס פולע לעבן קומט. קומט. קומט.

דו גיסט אַ נעם מיטביידע אויפגעוועקטע הענט
דעם גרויס־געקנופּטן גורל־פּאַק פון דיינע יאָרן,
און גיסט אים שנעל אַ לאָד אַרויף אויף ביידע אַקסלען,
דו מאַכסט אַ טראָט, אַ האָפערדיקן מזל־טראָט,
און לאָזסט זיך שפּאַנען מיט געזאַנג פון וואַנט צו וואַנט,
און זאָגסט אַן יעדן שאָטן, יעדן ווינקל פון דיין שטוב
זיי זאָלן זיין געגרייט צום בלענד פון העלן אויפגאַנג.
די בשורה טראָגט זיך אַ צעפליגלטע פונאַנדער
דורך אַלע אויפגעפּראַלטע וווּנדער־פענצטער:
דאָס אמתדיקע לעבן קומט. דאָס פולע לעבן קומט, קומט, קומט.

# טויזנט געזאַנגען פון זעכציק גיבורים

דאָ שלאָפן — דאָ רוען
טויזנט געזאַנגען
פון זעכציק גיבורים.

זיי זיינען געגאַנגען
די זעכציק גיבורים
און האָבן געזונגען:

„מיר פירן קיין קריגן,
מיר זוכן קיין זיגן, —
מיר אָטעמען איין נאָר
גאָטס וואָרט אין די לונגען.

„מיר עפענען ריגלען,
מיר פליען אויף דעכער
אַלץ העכער און העכער,
אַזוי ווי אויף פליגלען.
מיר היפּערן שליאַכן,
מיר שלינגען איין מיילן,
מיר הייבן־אויף שטיבלעך
אויף ליכטיקע זיילן.

אויף טאָג־ליכט אויף העלן
מיר לייגן זיך שלאָפן,
און אָטעמען אָטעמס
צו אַלע אין־סופן.
ביז וואַנען מיר קומען
פון הויכן אַרונטער
און זאָגן אַליין אָן:
מיר גיבן זיך אונטער.

„מיר גיבן זיך אונטער
און זינגען אויך ווייטער
ווי שטענדיק געזונגען;
מיר פירן קיין קריגן,
מיר זוכן קיין זיגן,
מיר אָטעמען אויס נאָר
גאָטס וואָרט פון די לונגען“.

דאָ שלאָפן — דאָ רוען
טויזנט געזאַנגען
פון זעכציק גיבורים.

# אונטער די פענצטער שטייט ניט קיינער

אונטער די פענצטער שטייט ניט קיינער,
אַלע טירן זיינען אָפן.
קלעטערט די לבנה אויף אַלע שויבן,
שלאָגט ניט איבער קיינעמס שלאָפן.
קלעטערט אַדורך, שלייכט זיך אַריין
אינעווייניק מיט פּאַסן שיין.

פּאַסן שיין ברעכן זיך איבער,
פּאַלן אַראָפּ אויף שטיגן פון שטיינער —
שווינדל־טרעפּ פון גאָרן צו גאָרן,
טרעפּ איבער וועלכע עס טרעט ניט קיינער.
ליגט די לבנה צעריסן אויף שטיק,
קען ניט געפינען קיין וועג אויף צוריק.

ביז עס דערהערן זיך טריט — פון וועמען?
טריט אויף וועלכע עס וואַרט ניט קיינער.
גיט זיך אַ וואָרף יעדער ליכט־פּאַס באַזונדער,
בייסט זיך אַריין אין די טריט, ווי מיט ציינער,
לאָזט זיך שלעפּן מיט פרייד־געשלעפּ
איבער אַלע פאַרדרייטע טרעפּ.

ביז די טריט ווערן ווו פאַרלוירן
הינטער אַ וואַנט ווו ס'ווינט ניט קיינער.
איבער די טרעפּ צעטאַנצט זיך אַ קלימפּער
פון אויפגעשטאַנענע טרוקענע ביינער.
און די לבנה, צעבראָכן אויף שטיק,
זוכט צו געפינען אַ וועג אויף צוריק.

# געוויין פון אַ קאַץ

אין טיפעניש פון נאַכט האָט זיך אַ קאַץ צעשריען,
און ווי אַ קינד פאַרגאַנגען זיך אין קלאָג.
די רגעס האָבן זיך אָן ענד גענומען ציען
אָן אויסקוק און אָן האָפענונג אויף טאָג.

ביז ענדלעך האָט אין שויב אַ שימער זיך באַוויזן
ווען איינגעשטילט האָט זיך דאָס קלאָג־געשריי,
און אויף דער וואַנט אַנטקעגן דורך אַ דאַכס קאַרניזן,
האָט ליכט גענומען זיפּן זיך ווי דינער שניי.

די לעצטע שעה, וואָס כ׳האָב, אָן שלאָף, צעשלאָגן
אין חשד אַז כ׳הער נאָך אַלץ אַ קינדס געוויין,
האָט מיט דער ווייסקייט, ווען ס׳האָט קלאָר גענומען טאָגן,
צעפיבערט זיך ווי פראָסט אויף מיינע ציין.

דערנאָך האָט דער פאַרטאָג צעשטראַלט זיך טויזנטמאָליק
און לייכט אַוועקגעטאַנצט מיט שמחה צו דער מיטאָג־שעה,
ווען איבער מיר איז נאָכגעהאנגען בלייאיק עוליק
דער חשד אַז דאָס געוויין איז אַלץ נאָך דאָ.

אין חשד האָב איך דעם גאַנצן טאָג זיך אומגעטראָגן
פון גאַס צו גאַס, געניטשטערט און געזוכט,
ביז צווייטע נאַכט האָט מיך אויף איינעם פון די ראָגן
צום וועלט־ענד פון אַ וואָלקן־מויער צוגעשפּאַרט.

די נייע נאַכט האָט אירע פאַרהאנגען פאַרצויגן
אויף אַלץ אַרום אַז איך זאָל נאָכקוקן אומזיסט,
ביז פּלוצלינג האָבן אויפגעפלאַמט צוויי פייער־אויגן —
צוויי וווּנדער־אַפּלען ביי אַ בערגל מיסט.

די אויגן האָבן, איינגעשפּאַרט, געקוקט אויף מיר פאַרביסן
און נאָכדעם האָט דורך זיי אַ בליץ געטאָן אַ קול,
וואָס האָט מיט איין צעבליץ אויף שטיק צעריסן
די פינצטערניש און אויך די הימל־ווענט פון שטאָל.

# כ׳האָב היינט געזען

כ׳האָב היינט געזען דורך לאַנגער נאַכט
די ליכטיקייט פון אַלע שטערן,
דורך ווענט, אויף קייט־שלעסער פאַרמאַכט,
האָב איך געהאַמערט מיט מיין שטערן.

איך האָב גערופן: קום, געגנען,
שוין צייט מיך צונעמען פון דאַנען.
און ס׳איז געשען, ווי ס׳איז געשען,
כ׳האָב דורך די ווענט גענומען שפאַנען.

קיין שטרויכל־טראָט. פון זיך אַליין
צעעפנט האָבן זיך די קייטן,
די לעצטע נאַכט־שעה ביים פאַרגיין
האָט אויפגעדעקט אַ וועג אַ גרייטן.

אַ וווּנדער־אויסגעלייגטן וועג,
וואָס רופט זיך: גאַנג צו די אין־סופן,
וואָס גאָר ביים סאַמע סוף פון טעג
קאָן זען אַ מענטש אים אַזוי אָפן.

באַדאַרפסט זיך געבן נאָר אַ צי,
זיין ערשטן שטויבל צו דערגרייכן —
אַז גלייך דערפילן זאָל דיין קני
אין זיך זיין נצחדיקן צייכן.

# ווי לבנה־שניי
## (וואַריאַנט)

מיין לעבן ליגט אויסגעשפּרייט ווי לבנה־שניי
איבער אַלע וועגן,
און הענגט אויף אַלע צווייגן,
און פייגל קומען מיט געשריי
פון וואַלד אַרומיקן סוף־טאָג אַנטקעגן,
און שרייען אָפּ און בלייבן שווייגן,
און בלייבן זיצן אויף אַלע צאַמען,
אויף אַלע דעכער,
אויף אַלע דראָטן,
און לייגן זיך אויס מיט מיר צוזאַמען.

אַ נייע בלענדיקייט לויכט־אויף
איבער אָפּגעקילטע לעבנס,
ווען דער אָוונט אַליין, ווי אַ גוף,
ציט זיך אויס מיר דערנעבן
און נעמט פאַרפלעכטן און פאַרקניפּן
אַרום מיר זיינע אָרעמס,
און נעמט רייסן פון מיינע ליפּן
געזאַנגען נאָך גליק, נאָך פאַרלאָרנס:

זינג, זאָגט ער, זינג
מיט געשריי און מיט מאָנונג,
שנייד אַריין אין דיין מאָרגן
די טעג פון דיין נעכטן
מיט דער שאַרף פון דערמאָנונג. — —

אָבער איך בין שטיל, ווי אַלע איינגעדרעמלטע פייגל,
און ווי דער בוים און ווי דער שטיין
שריי איך ניט מער נאָך גליק נאָך פאַרלאָרענעם.

# ווי דער בוים

אַזוי, קום אַריין און רו אָפּ,
נעם־איין דײַנע פֿליגל פֿון טרויער.
שפּאַר אונטער מיט שלווה דײַן קאָפּ,
דײַן נעכטיקן צער ניט באַדויער.

דו זעסט דאָך דעם בוים ביי דעם צאַם
מיט די איבערגעקרייציקטע ברעטער, —
ער שטרעקט אויס צום מערבֿשן פֿלאַם
זײַן שיינקייט פֿון וואַרטן אויף בלעטער.

זײַן שיינקייט נאָך מער — ווי דין־דין
ער הוידעט אין ווינט זײַנע צווייגן
אין זעט־פֿרייד פֿון נעכטיקן גרין,
ווען ווינטער־טאָג האַלט אין איין שטייגן.

די צווייגיקע הוילקייט לויכט אָפּ
מיט וווּנדער פֿון נעכטיקע בלעטער,
דער הויך־שפּיץ וואָס בייגט זיך אַראָפּ
טראָגט סודות פֿון קנאָספּישן שפּעטער.

ס׳איז גוט וואָס אין צייט און אין רוים
ווערט קלאָר אויך אין אונדז און ווערט קלערער:
מיר זײַנען ניט מער פֿון דעם בוים,
און גוט וואָס מיר זײַנען ניט מערער.

# IV

# די ביימער בליען בלוי

(ישראל — 1950)

# צווישן ים און שטערן

אַט אַזוי פון זיך אַליין,
צווישן ים און שטערן,
ס׳וווּנדער־ליד פון זונס פאַרגיין
טו אויפסניי דערהערן.

אַ פאַרזינקענדיקער פלאַם
מיט צעשמעלצטע פונקען, —
ווער האָט זיי אין מיטן ים
גיט געזען זיך טונקען?

אַלע האָבן ס׳בילד געזען
אין פאַרשטילטן גאַפן,
און דערביי געבענקט: אַ ווען
קומען מיר צום האַפן?

איבער אַלץ וואָס אויף דער שיף
מיטן ים צוזאַמען —
שטייגט די בענקשאַפט פון דער טיף
אויפצוגיין אין פלאַמען.

מיטללענדישער ים, 1950.

# דער אַלטער עיקר

מאַך אַ שטריך — אַ טראַט, אַ שפּאַן,
און צייכן אָפּ מיט דעם אַ דאַטע,
פון איבערן צעווילדעוועטן אָקעאַן
דערגייט צו מיר די שטימע פון מיין טאַטע:

„— כ׳האָב גילגול־מחילות דורכגעמאַכט
צום לאַנד ישראל פונעם לאַנד פון צפון,
און איצטער רו איך נאָך דער לאַנגער נאַכט
ביים סוף פון הייל, וואָס איז נאָך אָפן.

און אויך די מאַמע איז מיט מיר שוין דאָ,
זי כאַפּט דעם אָטעם אָפּ נאָך קברס ענגשאַפט,
זי שפּרייט די הענט אירע אין מאָרגן־שעה,
זי האַלט אין רופן דיך אין נייער בענקשאַפט".

די שיף אין שטורעם וואַרפט זיך אויף און אָפּ,
דער טאָג צעשליידערט זיך אין רויטע שטיקער,
און זע — צוויי הענט, צען פליגל, אויף מיין קאָפּ:
דער טאַטע בענטשט מיך מיט זיין אַלטן עיקר.

דער שטורעם לייגט זיך איין. פון תהום דער שר
זינקט איין אין זיינע קעסלדיקע ערטער,
און אין מיין האַרץ, דעם וואַכן פאַר געפאַר,
גייט־אויף דער חסד פון פאַרשטילטע ווערטער.

איך לען זיך אָן אָן דראָטן פון דער שיף,
איך קוק אַריין אין אָפּגלאַנץ פון די תהומען,
איך זע ווי ס׳קומט אַרויף פון סאַמע טיף
אַ פּנים. מיטן פּנים — אויך אַ נאָמען.

אַ שנייאיקע לבנה־שיין גייט אויף,
צעשפּרייט זיך איבער איינגעוויגטע קאַמען,
און איבער זיי — אַ בעטנדיקער רוף:
— קום זיי, מיין זון, מיט אונדז, מיט אונדז צוזאַמען.

מיטלענדישער ים, 1950

ה. ל ײ װ י ק

# בענטש, לעבן מײַן

בענטש, לעבן מײַן, די אײַנגעשטילטע שעה
נאָך אַלע שטורעמדיקע יאָרן —
כל זמן די העלע טיפֿע נאַכט איז דאָ
מיט אַלע אויפֿשײַנען פֿון מײַן זכרון.

דערמאָן זיך אָן דער דאַכטונג פֿון אַ פֿײַער־פֿלאַם
אין צפֿונדיקן שנײ פֿון זאַװערוכע, —
װען אונטער דיר דער כװאַליעדיקער ים
רײַסט אויף זײַן האַרץ אין בענקשאַפֿט נאָך מנוחה.

— אַזױ פֿיל שלײדערניש אין מיר, — ביז װאַנען, גאָט?
אַזױ דערגײט צו מיר אַ קול פֿון שטורעם:
באַריר מיך פֿון דאָס נײַ, — מײַן אימפּעט און מײַן זאָט,
שאַף איבער, שעפֿער, אין אַ רואיקערן פֿורעם.

איז װאָס קען איך שױן זאָגן אויף מײַן שפּענדל־שיף,
נאָך אַלע מײַנע תּפֿילות און געבעט־געזאַנגען,
װען איבער אַלע ימים, פֿון ניו יאָרק ביז תּל־אָביב,
בין איך נאָך צום מנוחה־האַפֿן ניט דערגאַנגען.

צו װעמען רעד איך אַט די מאָדנע רײד
בײַם זעגל־פּלאַטער צװישן ים און שטערן? —
קײן חילוק ניט צו װעמען. אויסגערעדטערהײט
װעט ערגעץ דאָך מײַן װאָרט מקוים װערן.

מיטללענדישער ים, 1950

# צו ישראל

אויך דו זאָגסט — איך בין קיין מחותן,
כ׳דאַרף שטיין ביי דיין טויער פאַרשעמט, —
און איך זאָג: זאָל זיין דיר צום גוטן,
צו גליק וויפל ס׳האַרץ נאָר פאַרנעמט.

און מער נאָך — כטל־השמים
זאָל רועז די פרייד אויף דיין קאָפּ,
און איך וועל — מיין צער צו באַפרייען —
צעברעכן מיין האַרץ ווי אַ טאָפּ.

צעברעכן אויף שטיקער, אויף שטיקלעך,
נאָר ניט דאָס געזאַנג פון מיין ליד.
דאַרפסט ברכות כדי צו זיין גליקלעך,
און איך בין פאַר גליק שוין צו מיד.

מיין וואָרט — ניט צום תקיף, צום שפּאָטער,
מיין וואָרט נאָר צום ביין פון מיין ביין,
צו וועמען כ׳בין זון און אויך פאָטער
אפילו אין פיין פון פאַרגיין.

די פיין איז פאַר מיר נאָר. מיין שטומען
פאַרשמידט מיין באַשערטע מינוט,
פאַר דיר אָבער צינדט־אָן מיין גומען
דאָס וואָרט פון בראשית: ס׳ איז גוט.

איך ווייס ניט ווער ס׳האָט אין פאַרקערטקייט
אַוועקגעשטעלט ס׳וואָרט מיינס בחוץ, —
איך ווייס נאָר: אין ליכט פון באַשערטקייט
איך טראָג צו דיין שוועל לויטער גוטס.

איך ברענג עס אַ מתּן־בסתר
און שלייך ביי דער וואַנט זיך אַוועק
אַהין, ווו אַ ווינטשטראָם אַ הייסער
פאַרטראָגט מיך — צו מדברשן העק.

דאָרט פאַל איך צום זאַמד מיט מיין פּנים
און לעק אויס זיין היץ מיט דער צונג,
און דאָרט הייב איך אָן ערשט דערקאָנען
דעם סוד ווי די אַלטקייט ווערט יונג.

און דאָרט צינד איך אָן די מינוטן
פון אונדזער געמיינזאַמער שעה,
און דאָרט ווער איך פולער מחותּן
און זינג ביז פאַרגיין־זיך: בין דאָ.

תל־אביב, 1950

# זינג פון מסתּרים

זינג פון מסתּרים,
ברודער דו מיין.
טיפער פון קברים
זינק איך אַריין.

נאָכדעם פון גריבער
הייב איך זיך אויף,
העכער אַריבער
שטייג איך אַרויף.

— העכער באַגער איך!
רופט אויס אַ קול.
גאָט, צי דערהער איך
דיך מיטאַמאָל?

ווי נאָר איך פרעג עס
ווערט אַ געדריי.
בליציקע רגעס —
אויגן אין זיי.

פּנים אל פּנים —
ברען מיך אַריין;
זען דיך, דערקאָנען —
בורא דו מיין.

ווי וואַג איך וועלן
פייער צו זיין —
אייביק צו העלן,
אייביק אין שיין?

אויפרייס פון גומען —
וואָרט רייסט אים אויף:
זע, כ׳האָב פאַרנומען
יאָמער פון גוף.

בלענדנדיק־בלינדיק
בליץ טוט זיך אָפּ,
אדמדיק־זינדיק
פאַל איך אַראָפּ.

שפרייט אויס דיין אָרעם,
ברודער דו מיין,
אין די מסתרים
וויקל מיך איין.

# די ביימער בליִען בלוי

די ביימער בליִען בלוי
ביים זוים פון פעלד מיט זאַנגען,
דער טאָג געטונקט אין טוי
איז אָקערשט אויפגעגאַנגען.

פון ביידע זייטן כּביש
ישׂראל־יידן בויען
אַ וועג פאַר וואַסער פריש, —
דעם מדבר זיך צו טרויען.

מיט מדבר־שטיין און זאַמד
נאָך דאָרשטנדיקע ליידן —
זאָל זייענדיקע האַנט
אויפסניי אַ בונד פאַרשניידן.

פון פעלזנשטיין דאָס גרוי,
דאָס געל פון ליים און דערנער, —
זאָל אויפבליִען אין בלוי
פון בוים, אין גאָלד פון קערנער.

די ביימער בליִען בלוי —
אַ וווּנדער פון אַ בליִען —
געטובלטע אין טוי
וואָס פאַלט פון הרי־ציון.

# אויפן הר־הכרמלס רוקן

אויפן הר־הכרמלס רוקן
וואַקסן נייע, ווייסע שטיבער —
אויסגעשטרעקטע, און זיי קוקן
גלייך צום ים, און ווייט אַריבער.

דאַכט זיך — וואָס? ווי אַלע שטיבער:
פענצטער, טירן און באַלקאָנען;
אָבער אַז דו זאָגסט עס איבער
נעמסטו וווּנדערלעכס אָנען.

פון די טירן נעמט עס פלאַמען
מיט אַזוינע זיג־זאַג פליגל,
ביז אין זיי, מיט זיי צוזאַמען,
פראַלן־אויף אי שלאָס, אי ריגל.

יעדע וואַנט, ווי קוים דערוואַרט זיך
אויף דעם וווּנדער דעם צעבלענדטן,
גיט אַ הייב־זיך און צעטאַנצט זיך
אויף די זיילן־פונדאַמענטן.

**און באַלקאָנען — נאָך מער וווּנדער —**
**טראָגן זיך אַוועק ווי שיפֿן**
**אי אינאיינעם, אי באַזונדער**
**צו די ימימדיקע טיפֿן.**

**איבער זיי די הימלען בלויע**
**ווי אַט ערשט־צעשפּרייטע, נייע,**
**און אויף זיי דאָס וואָרט** ו ה י ה
**פֿון דעם אחרית פֿון ישעיה.**

ה. לייוויק

# אין דער שימחהדיקייט

(צום כותל מערבי קאָן מען איצט ניט קומען)

כ׳זע מיך צוגעשליידערט צו דער עלנד־וואַנט
דער פאַרהייליקטער,
אין דער שמחהדיקייט פון ישראל־לאַנד
אַ באַטייליקטער.

אַלטער טרויער שלאָפט מיט שטויב און זאַמד
אַ פאַרשאָטענער
אין די שטיינער־שפּאַלטן פון דער עלנד־וואַנט
דער פאַרבאָטענער.

ווי אָבער איך ריר זיך צו נאָר צו אַ שפּאַלט
אין זיין שטויביקייט —
גלייך וואַכט אויף אַן איינגעוויגטער וויי־געוואַלד
פון זיין אייביקייט.

און צוזאַמען מיט דעם ווי טויכט אויף אַ האַנט
אַ דערמוטיקטע
ווי צום בענטשן, און — בלייבט הענגען אויף דער וואַנט
אַ צעבלוטיקטע.

וועד האָט אויפגעוועקט דיך אין אַזאַ מינוט,
אַלטע גלייביקייט?
זע, עס טריפט און טריפט און טריפט דיין בלוט
אין דער אייביקייט.

אַלטער טרויער רופט פון שטויב און זאַמד
אַ פאַרשאָטענער —
דורך די שטיינער־שפּאַלטן פון דער וואַנט
דער פאַרבאָטענער.

# אליהו, אונדזער נביא

פון דעם כּרמל — ווייט און ווייטער
ביז דעם כּותל־מערבֿי —
רייט אַן אויסטערלישער רייטער:
אליהו, אונדזער נביא.

מיט זיין רייטן וואָס באַטייט ער?
פאַרוואָס רוט ער שוין ניט ענדלעך? —
צי ער דאַרף נאָך רייטן ווייטער
איבער לענדער, איבער לענדלעך?

פאַרוואָס הוידעט זיך זיין שאָטן
אַזוי אומרואיק? צי האָט ער
אַלץ נאָך, אַלץ נאָך ניט באַטראָטן
ס׳וואָרע לאַנד פון גאָט דעם פאָטער?

דאַכט זיך לאַנג שוין ס׳לאַנד באַנומען
מיט דעם כּרמלס אַלטע היילן. —
צי ער טראָגט איצט אויף זיין גומען
מעשׂות ניי דער וועלט דערציילן?

אָדער אפשר טוט ער יאָגן
צו די לעצטע מדבר־ווייטן
דאָרט דעם גואל אָנצוזאָגן
אַז שוין לאַנג משיחס־צייטן.

בלייבט נאָך אַלץ דעם נביאס רייטן
אין זיין אומרו ניט פאַרשטענדלעך;
נאָך אַזויפיל וואָגל־צייטן
פאַרוואָס רוט ער שוין ניט ענדלעך!

# צו אַ תימנער אין אַ לאַגער פאַר עולים

פון כנפי־נשרים צו לאַגערשע זאַמדן,
בייטאָג אונטער זון און בייני‍אַכט אונטער קעלטן. —
דו שטייסט און דו זאָגסט ווי אָט נאָר וואָס ביים לאַנדן:
ישראל, ווי שיין זיינען דיינע געצעלטן.

אַ זיסקייט צעגייט אויף דיין צונג אויף דער פרומער,
ווען טיף אין דיין האַרץ גיט אַ יאָמער די שיינקייט.
ס'איז פרילינג. אַלץ בליט אויף די שוועלן פון זומער,
אויך דו — אויף דער שוועל, אין דיין תמימשער קליינקייט.

פון אַלע אין לאַגערס ביסטו דער געליבטער.
דיין מאָגערער גוף, אין צעלעכערטער טראַנטע,
פאַלט־צו צו דער ערד צו דער ליימיק־צעשטויבטער
און קנעט זי מיט פיס און מיט פינגער צעשפּאַנטע.

דיין בערדל און פאות ווי תפילין־רצועות, —
זיי פלאַטערן שרויפיק. און ווינטן־כאַמסינען,
ווי שרפימשע פליגל מיט פלאַם־הללויהס,
צעשמייסן דעם שווייס אויף דיין באַק וואָס טוט רינען.

בלייבסט שטיין מיטאַמאָל ביי דיין גרוביקןביידל,
באַשאָטן מיט קינדער, מיט וואָלקנס פון פליגן,
און ס'ווייב דיינס, פאַרדרייט אין אַ שמאַטעדיק קליידל,
אויף נאַקעטער ערד אַ ניי קינד דיינס טוט וויגן.

דיין אויג אַ צעצינדנס אין שפּור פון טראַכאָמע
גייט־אויף מיט אַ ברען פון אַ נייערן פלאַקער:
„— אָ, גאָט, אין דיין האַנט טרוי איך אָן מיין נשמה,
אַזוי ווי דער ערד גיט זיך איבער אַן אַקער.

מיין תפילה צו דיר: צינד ניט אָן מיינע אויגן
מיט נאָך אַ טראַכאָמע — מיט גליאיקער קנאה
צו יענע, וואָס טוען מיט גאווה זיך נויגן
צו זיך נאָר, — אויך דאָ אין ישראל־מדינה.

צו יענע, וואָס גייען פאַרביי דעם אַ ב י ־ וו ע ר —
דעם שטילן, דעם אמתן גואלס שליח:
צי איז ווער אַ חיפהער, צי אַ תל־אביבער —
אויך ער דאַרף ערשט ווערט זיין דעם נס פון משיח.

מיין תפילה צו דיר: שטאַרק אויך דאָ מיין בטחון
ביים אומשפּאַנען באַרוועס, ביים שלאָפן אויף האַרטן. —
צו ווערט זיין דעם יומטוב, וואָס דו האָסט פאַרשפּראָכן,
אויך דאָ גיב מיר כח צו וואַרטן, צו וואַרטן".

פאַרצויגענע פלאַטערס אויף שפּיציקע שטאַנגען,
די זון שליסט זיי איין אין איר קרייז איבער וועלטן,
באַגלייט פון סוף־טאָגיקע תפילה־געזאַנגען:
— ישראל, ווי שיין זיינען דיינע געצעלטן!

# צום שטעכיקן דראָט אַרום שער־עליה

וואָס מאַכסטו, אַלט־לאַגערשער דראָט?
אויך דאָ אין ישראל וואָס שטעכסטו?
אויך דאָ אַ צעפּייניקטן טראָט
פאַרוואָס אַזוי שפּיציק פאַרפלעכסטו?

מיין האַנט וויל דיך געבן אַ גלעט,
מיין האַנט וויל ווי סאַמעט דיך שפּירן;
איך מורמל שטיל־שטיל אַ געבעט:
— אַ שוועל זיי צו שטוביקע טירן.

ביסטו אָבער ד ר אָ ט און ניט מער,
פאַרדרייט אין פאַר׳גדר׳טע רעדער,
מיין יעטווידע ווענדונג און קער
בלייבט הענגען אויף שטעכערס פון גדר.

אוודאי, איך טראָג מיך אַוועק
אין טרוים פון אַ סאַמע באַגינען,
כ׳וויש אָפּ יעדן צאַם, איך פאַרמעק, —
דעם גבול פון גאָטס שטאָט צו געפינען.

כ׳קום־צו צו דער הייליקער שטאָט
איין שעה נאָכן שפּראָץ פון באַגינען;
קיין סימן פון שטעכיקן דראָט,
אפילו ניט פאַר קאַראַנטינען.

איך זע ווי דאָרט פלאַטערט די פאָן
אין ווייס־בלויע צייכנס פון שלום,
איך זעטיק מיט ווייס־בלוי זיך אָן,
און נאָך מער — מיט פלאַטער פון חלום.

מיין חלום צעשטער ניט, איך בעט, —
פאַר ווייטיק בין איך ניט צו־מוטיק:
דיין שטעכיקייט, דראָט, ווי איך גלעט —
מיין פינגער ניט צופיל צעבלוטיק.

ה. לייוויק

# צוויי זילבערנע בעכער

(פאַר רבקה גובר אין כפר וואַרבורג)

א.

צוויי זילבערנע בעכער. אויף זיי אויסגעקריצט
די נעמען פון צוויי אומגעקומענע ברידער.
געווען אַ ישראל־מלחמה. און איצט? —
די שטילקייט פון נאָך ניט געזונגענע לידער.

די ברידער — זיי ליגן אין וואַרבורג דעם כפר, —
חלילה דיין קול פון צו אויפהייבן העכער, —
די מאַמע אַליין טראָגט פאַרשלאָסן איר צער
פאַרביי און אַרום די צוויי זילבערנע בעכער.

ב.

די בעכער אין זכר פון אירע צוויי זין, —
אַלט זיבעצן איינער, אַלט צוואַנציק דער צווייטער, —
געווען איז אַיעדער, אין פרילינגשן גרין,
אין שלאַכט פאַר ישראל צו שטאַרבן אַ גרייטער.

די גרייטקייט האָט אָפּגעהילכט פייערדיק, בראַוו
פון אונטער די בונקערס אויף בערגלעך און דעכער,
און איצט — זייער נאָמען אויף דין דינעם כתב
פאַרקריצט און פאַרשניצט אויף צוויי זילבערנע בעכער.

ג.

די מאַמע וואָלט קאָנען די בעכער די צוויי
ביז איבער די ברעגן פאַרטרינקען מיט טרערן,
זי וויל אָבער בעסער, להיפך איר ווײ,
זיי זאָלן דעם יום־טוב פון פסח געהערן.

ביים סדר, ווען ס׳קומט אליהו אַריין,
צו הייליקן יידן נאָך אַלע פאַרשוועכער, —
אַז טועם זיין זאָל ער ניט טרערן, נאָר וויין
פון אירע צוויי קינדערס געהייליקטע בעכער.

ד.

פאַרהאַלט זי די טרערן. זיי שטראָמען אַרויס
ווען ס׳זעט ניט קיין אויג, און אויך דעמאָלט אפילו
ביים גראָז און ביים בוים, וואָס באַשאָטנט איר הויז,
זי בעט פאַר איר צער, פאַר איר טרויער מחילה.

דאָס גראָז און דער בוים זיינען שותפים צום צער
און אויך צום נסיון צו אויפקלאָגן העכער,
נאָר אַלע פאַרנעמען דעם מאַמעשן גזר:
ניט טרערן, נאָר וויין פאַר צוויי זילבערנע בעכער.

## דער גואל אין נגב

דעם צוזאָג צו דערפילן
דערהייב דאָס וואָרט צו לויב —
צום גואל צו דעם שטילן,
צום שטילערן פון שטויב.

פון שטויב, וואָס אויף די שטיינער
אויף נגבדיקן פעלד; —
אַ ניט־באַקאַנטער איינער,
אַן עולה ביים געצעלט.

געצעלט וואָס רופט זיך אוהל —
אַריינגעטיפט אין זאַמד, —
עס שטיינערט אויס דער גואל
דאָס צוגעזאָגטע לאַנד.

ער קלייבט מיט דינע פינגער
די שטיינער שעה נאָך שעה;
ער הערט ווי ס׳פרעגן צינגער:
משיח איז שוין דאָ?

ער בייגט זיך איין אין דרייען
אין שווייס פון זיין געזיכט,
און טוט זיך זיינס: באַפרייען
דאָס פעלד פון שטיינער־שיכט.

ער הערט ווי ס׳רעדן ווײַטער
די מענטשן פֿון אַרום:
„משיח, אַ באַפֿרײַטער,
מוז זײַן אוודאי שטום.

„דערצו נאָך טויב, זײַן שטומען
שליסט־צו אַיעדנס צונג,
ווען ניט — וואָלט ער זײַן קומען
צעשאַלט פֿאַר אַלט און יונג.

„ווי זעט ער אויס? וואָס טוט ער?...“
דער גואל הערט און הערט —
אַ שטילער, אַ באַרוטער
אויף זעמדער פֿון דער ערד.

ווי אָנזאָג פֿון אַ מעשה —
זײַן בשורה קומט אַליין:
מיט פֿינגער דינע, ווײַסע
ער לייזט אויס שטויב און שטיין.

# אין צפת

זאָל ווערן ליכט! — האָט גאָט געזאָגט —
און ס׳איז געוואָרן.
די האַלבע נאַכט, זע, ווי זי טאָגט
מיט נצח־יאָרן.

איין רגע, זע, ווי זי פלאַמט־אויף
אויף באַרג און היגל,
און, זע — אויך דיך זי טראָגט אַרויף
אויף פייער־פליגל.

אַ פלי־געשריי. — צי ווייסטו ווער
עס האָט געשריען?
זיין פולן אומרו־קול דערהער
אין מיטן פליען.

באַהעפט געשריי מיט חדוה־גליק
פון גאָט־דערקענונג
ביים אויפלויכט פון אַ לעצטן בליק
אין פלאַם־פאַרברענונג.

זאָל ווערן ליכט! דעם בוראס זאָג
געזאָגט ווערט ווידער
ביים סאַמע־סאַמע אָנהייב טאָג,
ביים זינקען נידער.

אָט גיט אַ נויג זיך דיין געזיכט
אין לעצטן זינקען:
ביים סאַמע שטאַרבן — טראָפּנס ליכט
גיט נאַכט דיר טרינקען.

ה. לייוויק

# ברוך השם

א.

ביז היינט נאָך שטייט פאַר מיר דער ייד פון תימן,
אַ דאַרער אין אַן אויסטעראַלישן הלוך,
צווישן לייוונטענע ביידלעך — לאַגער־היימען.
ער קוקט אויף מיר, און אין זיין קוק, דערפיל איך,
באַהאַלטן ליגט אַ שטאָלץ און אַ פאַרקלעמטקייט,
קוים־קוים אַ ווונק דערפון צו מערקן אויף זיין ברעם,
ווען כ׳פרעג אים וואָס ער מאַכט. ער ענטפערט מיט פאַרשעמטקייט,
די אויגן צו דער ערד געווענדט: ברוך השם, ברוך השם.

ב.

כ׳פרעג נאָכאַמאָל. כ׳וויל וויסן וואָס באַטייט זיין ווענדן
די אויגן צו דער ערד, — צו זאַמד און שטיינער?
צעלאַכט ער זיך און ס׳נעמען ליכטן־בלענדן
אַריבער טונקלקייט פון באָרד אים זיינע ווייסע ציינער.
ער שטרעקט אויס זיינע הענט מיט אויסגעקאַרבטע פינגער,
ער גיט די פינגער, ווי צען טייטלען, אַ צענעם,
און מיט אַ קול פאַרכאַפּט צווישן צונג און שלינגער,
פאַרנויגנדיק זיך, זאָגט ער נאָכאַמאָל: ברוך השם.

ג.

באַשטיי איך אויף מיין איינגעעקשנטקייט, איך פרעג אים ווידער
ער זאָל מיר זאָגן וואָס ער מיינט מיט זיינע ווונקען,
און ער, אַן אויפגעהייטערטער דורך אַלע גלידער,
די אויגן אָנגעגליט און דורכגעבליצט מיט פונקען,

נעמט האַסטיק זיך אין ברוסט מיט פויסטן קלאַפּן,
ווען איבער אים די זון צעפּלאַמט זיך אין איר פולן ברען.
און ווידער אויף זיין צונג אַ שטאַמל, קוים צו כאַפּן:
— אוהלים — בסדר — טוב, טוב — כן.

ד.

מיט דעם באַנוגנט ער זיך ניט, ווייל וואָרט, אַ פּנים,
באַפרידיקט אים ניט — ניט אין פרייד און ניט אין טרויער.
ער טוט אַ פאַל אויףביידע קני, און נאָכדעם מיטן פּנים
צום הייסן בערגל, אַ פאַרשלונגענער אין דויער,
ווען רגעס זיינען אייביקייטן. מיט פאַרליבטע ליפּן
ער קושט די ערד, דעם שטויב. שטייט האַסטיק אויף
אַ גליק־געזעליי־טער. די זון דורך פייער־זיפּן
פאַרשטראַליקט און פאַרשפּינט זיין דאַרן גוף.

ה.

ער שטייט דערנאָך צעוואַקלט ווי אין עפּעס שולדיק,
און איך גאָר טראַכט אַז שולדיקייט דאַרף איך צו פילן:
אין גאָר זיין פּיין איז ער אמונהדיק, געדולדיק,
און איך מיין אומגעדולד קאָן זעלטן ווען פאַרשטילן,
איך קאָן דעם זאַמד, ווי ער, ניט קושן אַזוי אָפּן. — — —
דער ייד דערשפּירט בחוש אַז איצט בין א י ך אין קלעם
און זאָגט, ווי ער וואָלט מיינע בענקשאַפטן געטראָפן:
— לא צער — משיח הנה בא — כן — ברוך השם.

# קבוץ־גלויות

זאַמד און שטערן קומען נאָענט זיך צוזאַמען,
עס ברענט ווידער גאָטס סנה אומפאַרמיידלעך,
און אַרום זיינע גליאיקע פלאַמען
קומען יידן און שטעלן־אויףביידלעך.

פון מאַראָקאָ, פון תימן, פון פרס,
פון איראַק, פון בערלין און פון פוילן
קומען יידן מיט וווּנדן פון כרת
אויף דיין זוניקן זאַמד זיי צו היילן.

וואָס דערקאָנען זיי איינער אין צווייטן?
ווי באַגעגנט זיך אָטעם מיט אָטעם?
אויף דיין העלקייט צי נעמט זיך ניט שפּרייטן
אַזאַ רוגז פון ווייטלעכע שבטים?

אַז זיי קומען פון אַלערליי לענדער
און פון אַלערליי הויטן־קאָלירן —
ווער אין וועמען וועט ברענגען אַן ענדער
צו אַ ברודערשער גאַנצקייט זיי פירן?

אויף דיין פרייהייט, ישראל, גרויס־טאָג איז,
ווייל דער סנה אויף דיין ערד ווידער פלאַקערט,
און אַ יידעלע, זע נאָר, אַ מאָגערס
ביי זיין ביידל אַ גערטנדל אַקערט.

ער איז גליקלעך אין שווייס פון זיין פּנים;
מיטאַמאָל גיט זיין פּנים אַ פיבער:
ער וואָלט וועלן זיין שכן דערקאָנען,
און דער שכן קוקט פרעמד אים אַריבער.

ס'איז דאָס יידעלע־לעב אַן איראַקער,
און דער שכן — אַ סערב־ייד, אַ פּויער;
ביז דער סנה רירט זיי אַן מיט זיין פלאַקער —
שפּרייט אַן עלנד אויף ביידן זיין טרויער.

סוף־כל־סוף ווערן ביידע פאַרבונדן
דורך דעם גערטנדלס גראָזן און רויזן. —
אָבער ווען שויך, אין סנה־פלאַם געצונדן,
וועט דער טרויער אַליין זיך דערלייזן?

# מקובלים אין צפת

מקובלים
אויפגעשטאַנענע אין חלום
שפּאַנען איבער צפת.

האַלבע נאַכט
אין ווייסן נעפּל.
דאָ אַ געסל,
דאָ — אַ גאַס,
דאָ אַ קעלער,
דאָ — אַ טרעפּל.
זינק אַראָפּ
און הייב זיך אויף,
און פאַל־צו
צו אַ ניי־געווייסטער שוועל
און — רו.

מקובלים
נעמען זיך אַרום אין חלום,
און זיי לאָזן זיך אַוועק
מיט אַ לכה דודי־טראָט
לקראת כלה.
— ווער עס איז די כלה —
ווייסן אַלע.
— אָבער ווו איז זי?
— — ?ווו
זאָגן אַלע:

גייט, געפינט זי,
גייט, געפינט די כלה,
גייט און זאָגט איר,
אַז דער חתן איז שוין דאָ —
אַ נתעלה.
פון אַ תהומיק טיפן סקלעפּ
איז ער אויפגעקומען —
אַ נתגלה.
און ער וואַרט
אָט־אָ דאָ,
אויף אַ טרעפּ
געפאַרבט אין ווייסן בלאָ —
אָט־אָ דאָ.

מקובלים
אויפגעשטאַנענע אין חלום
טאַנצן אַ התעוררי־טאַנץ
לקראת כלה
דער באַגערטער.
און מיט זיי צוזאַמען
טאַנצט דער חתן
איר באַשערטער.
אָט־אָ קומט זי
דורך אין ווייסן אַ פאַרדעקטע,
אירע הענט —
צוויי פליגל אויסגעשטרעקטע.
אַלע, אַלע,
אין אַ כתר־רינג געשלאָסן,
טראָגן צו די אָרעמס פון דער כלה
איר באַשערטן, שבתדיקן חתן.

עורי, עורי, —
זינגען אַלע,
טאַנצן אַלע
לקראת כלה:
פון דער הויך — צו לעצטער נידער,
צו דער טיף פון לעכער,
ביז אַרויף־צו, ווידער,
העכער.

מקובלים
אויפגעשטאַנענע אין חלום
שפּאַנען איבער טורעמס און אוהלים,
איבער דעכער —
העכער, העכער, העכער.

# נבוכדנצר

דער מלך נבוכדנצר איז געוואָרן אַ בער,
ער ליגט אין אַ וואַלד, אין אַ פינצטערער נאָרע,
פאַרזונקען ווי בליי, ניט צו טאָן זיך קיין קער,
אין זומפּ פון צעפּאַלענע בלעטער און קאָרע.

ער׳ט חרוב געמאַכט ירושלים די שטאָט,
די זין פון יהודה פאַרטריבן אין גלות,
איז קומט איר אַ שכר — אַ באַצאָלונג פון גאָט,
און זאָל עס אויך היינט נאָך דערמאָנט ווערן, זאָל עס!

געווען איז דער מלך אַ יאָר, אפשר מער,
אַן אייזל און נאָכדעם אַן אָקס פון די אָקסן,
אַ גראָז־עסער, פּלוצלינג אַ פעל פון אַ בער
איז איבער אַ נאַכט אויף זיין גוף אָנגעוואָקסן.

אַ נייער, אַ נאָך ניט דערפאַרענער בער —
ער ווייס ניט אפילו ווי זיין לאַפּע צו זויגן,
ער ליגט אינעם זומפּ אַ פאַראָטעמטער שווער,
עס דרייען אים בלינד זיינע קלייניקע אויגן.

זיין פעל איז צעקנאָדערט אין קאַלטענעס האַרט,
ער האָט ניט פאַרזוכט נאָך קיין וואַסער קיין טראָפּן,
דער דאָרשט ברענט אין גאָרגל, אין ברוסטקאַסטן שפאַרט,
ער ווייס ניט זיין טרעמביך מיט וואָס אָנצושטאָפּן.

אַ גליװערניש קריכט אויף זײַן רוקן אַרום,
אַ קראַמפּעניש קנױלט זיך אין זײַנע געדערים,
אַ קנױל — אַזאַ קרעכץ אויף דערװערגעניש שטום,
אַ קריכעניש־גליװער פון ערדענע װערים.

ער'ט חרוב געמאַכט ירושלים די שטאָט,
די זין פון יהודה פאַרטריבן אין גלות,
איז קומט אים אַ שכר — אַ באַצאָלונג פון גאָט,
און זאָל עס אויך הײַנט נאָך דערמאָנט װערן, זאָל עס!

אַ שטאָך אינעם אײבערשטן טײל פון זײַן קאָפּ
דערמאָנט אים אָן עפּעס. אָן װאָס? — — פון זײַן גומען
נעמט שוימען. דער שוים דורך זײַן שנוק רינט אַראָפּ,
און דאָ ערשט זײַן גאָרגל ברעכט אויס אין אַ ברומען.

ער שאַרט װי ניט װי פון דער גרוב זיך אַרויס,
נעמט װאַקלען זיך צװישן די בײמער, זיך דרײען;
דער װאַלד — זײַן געדיכטעניש נעמט זיך ניט אויס —
װערט איבערגעפילט מיט געיאָמער־געשרײען.

פון בלעטער ביז צװײַגן, פון דאָרן ביז מאָך —
אַלץ שטורעמט, אַלץ פיבערט, אַלץ בײגט זיך אין דרײען
פאַר שרעק, אַז אָט קומט זײער לעצט־לעצטער בראָך,
אפילו אַ װערימל הילכיק נעמט שרײען.

דער בער גיט אַ רעווע אין ספּאַזמישן צוק,
ער גיט זיך אַליין מיט די נעגל אַ דראַפּע,
אַ פאַל צו דער ערד, אַ פאַרדריי מיטן שנוק —
ער בייסט ביזן ביין זיך אַריין אין זיין לאַפּע.

צעברעכט זי, צעפּרעסט זי, אין טירוף פון גוואַלד,
בלייבט ליגן פאַרחלשט. און ס׳נעמט זיך באַנייען
די שטילקייט, ווען ס׳רופט אויס אַ בת־קול אין וואַלד:
אָט דאָס איז דיר שכר פאַר מיין שטאָט ירושלים.

ער׳ט חרוב געמאַכט ירושלים די שטאָט,
די זין פון יהודה פאַרטריבן אין גלות,
איז קומט אים אַ שכר — אַ באַצאָלונג פון גאָט,
און זאָל עס אויך היינט נאָך דערמאָנט ווערן, זאָל עס!

ה. לייווין

# סאַלוטן אין חיפה

(אין אנדענק פונעם ערשטן נשיא פון מדינת ישראל)

דער חיפה׳ער האַפן הילכט אין יובל,
קאַנאָן־סאַלוטן, מאַרש־טראָמפּייטן,
דאָס פאָלק ישראל קומט באַגלייטן:
ס׳פאָרט אַפ דער נשיא פון ישראל.

אויף פלויטן, דעכער און באַלקאָנען —
דאָס פאָלק געטורעמט. און אין רייען
אין בלוי און ווייס די פאָנען ווייען.
ס׳פאָרט אַפ דער נשיא פון ישראל.

דער נשיא זעגנט זיך, ווען פרידן
ווערט טונקל אויף דער ערד דער גאָרער:
— אַ גאָט, באַשיצער און באַוואָרער,
היט אַפ דעם שלום פאַר ישראל.

דער נשיא איז שוין זאַט מיט יאָרן,
און זאַט מיט שיין — אויך זיינע אויגן:
אַ וואונדער־ליכט פון רעגנבויגן,
לויכט־אויף מיט שלום אויף ישראל.

ישראל איז פון נשיא ייִנגער, —
נאָר ניט אין גורל, אין באַשווערטקייט,
צום חסד־טויער פון באַשערטקייט
עס פאָרט דער נשיא פון ישראל.

סאַלוטן ווערן שטיל און שטילער.
מיט הילף פון טרוילעכסטע באַגלייטער
צום שיף אַרויף, אויף טרעפּ פון לייטער,
שטייגט קוים דער נשיא פון ישראל.

עס קומט אַרויף פון תהום דער אַנקער,
דאָס האַפן־וואַסער נעמט זיך שוימען,
עס גיט אַ ציטער־אויף דער קוימען, —
ס׳פּאַרט אָפּ דער נשיא פון ישראל.

די שיף פאַרשווינדט פון חיפה׳ער האַפן
אין ים־התיכון ווייטער, ווייטער;
אַליין מיט זיך, אין צער־געלייטער,
פאַרבלייבט דער נשיא פון ישראל.

די זון פאַלט־צו מיט גאָר איר פייער
צום מערבדיקן וואַסער־שפּיגל,
און צו אַ שטול, ווי צו אַ וויגל,
פאַלט־צו דער נשיא פון ישראל.

דער אָוונט אין זיין נייער בלויקייט
וועקט־אויף אַ שטערן אַ פאַרבלאַסטן
צו זיין דער שומר פון די מאַסטן
און פון דעם נשיא פון ישראל.

# די ווערטער פון אָפּשייד

די ווערטער פון אָפּשייד —
זיי האָט ווער געקליבן
אין פייער,
און איינמאָל פאַרשריבן
אויף תמיד.
ניטאָ מער קיין נייע,
ניטאָ מער.

עס האָט זיי שוין אָדם
מיט חוהן צוזאַמען
אין פּחד געזאָגט
צו די כּרובֿימשע פלאַמען,
ווען גאָט האָט זיי ביידן
געהייסן זיך שיידן
מיט זייערע טעג
אין גן־עדן.

זינט דעמאָלט —
זיי טוען זיך טראָגן
דורך אַלערליי ערטער,
דורך דורות און תקופות —
די זעלביקע ווערטער.
נאָר איבערצוזאָגן
די זעלביקע ווערטער.

זינט דעמאָלט,
דורך דורות און ערטער,
עס זאָגט זיי —
ווער ניט?
עס טראָגט זיי —
ווער ניט?
אַיעדער
איז עמיצן טייער;
אַיעדן
איז עפּעס וואָס טייער; —
אין שטיבער,
אויף וועגן,
אַיעדער קוקט עמיצן נאָך
אין פאַרקלעם פון געזעגן.

איז גוט וואָס די ווערטער
פון אָפּשייד
האָט ווער אויפגעקליבן
אין פייער,
האָט ווער, וואָס געווען איז
אַליין ווען פאַרטריבן,
זיי איינמאָל פאַרשריבן
מיט פייער.
עס קען זיי ניט ענדערן קיינער
און אויך ניט פאַרבייטן,
קיינער.
אַזוי ווי עס האָט זיי ווען איינער,
צום אָפּשייד אַ גרייטער,
אַרויסגעזאָגט איינמאָל
דורך אייביקע צייטן,
אַזוי קאָן אַ צווייטער
זיי מער ניט פאַרבייטן
קיינמאָל.

# אין נגב ביי באר־שבע

ניט אויפגעאַקערט טרוקן איז דאָס פעלד געלעגן,
און קיינעם האָט זיין ניט־פאַרזייטקייט ניט געאַרט.
דער דאַרער דאָרן האָט אין בענקעניש געוואַרט
אַז עמיצער דורך די פאַרווילדעוועטע וועגן
זאָל קומען, צי מיט רידלען, צי אפילו גאָר מיט זעגן,
אים טאָן זיין רעכט. ביז וואַנען ער האָט זיך דערוואַרט:
אַ יונג מיט פינגער ווייס און דין און צאַרט
האָט גאָר זיין ליבשאַפט אים געבראַכט אַנטקעגן.

דאָס איז געווען אַ ייִד אַזאַ אויף מדבר־ערד,
אין נגב ביי באר־שבע — אַזאַ יונג פון יונגען.
ער האָט געהאַלטן אין די הענט צוויי האַלבן פון אַ שווערד
און ווי אַ קינד אַרומגעטאַנצט גרינגפיסיק און געזונגען:

פון שווערד וועט זיין אַן אַקעראייזן. פריי זיך, דאָרן,
און זינג מיט מיר דאָס ליד פון גראָז, דאָס ליד פון קאָרן.

# כ ת ר

די זיסקייט פון דיין נאָמען אויף מיין גומען
געדענק איך נאָך פון יינגל־חדר אָן.
דער רבי האָט מיר אויסגעמאָלט אַ כתר־פּאָן
כ׳זאָל גיין מיט דעם קיין ציון פון איהומען.
דעם רבינס וואָרט האָב איך אַן שפּאַס פאַרנומען,
איך האָב אים טיף אין האַרץ אַריינגעטאָן.
איצט גייט עס אויף, לויכט־אויף צום אויבנאָן
פאַר דעם באַשערטן טאָג וואָס האַלט אין קומען.

פאַרלאָזט איהומען, — גאָט, ווי לאַנג דער וועג!
מיין יינגל־פאָן, דורך צוואַנציק טויזנט טעג,
טראָגט בלוטצייכנס פון צוואַנציק טויזנט מעסער.
באַשער מיר, גאָט, דעם שיינעם צדיק־קאָפּ
פון ציון צו צעוויגן אויף און אָפּ
און אויסמאָלן פון אים אַ נייעם כתר.

# די קייט פון מיין יחוס

מיין וויג איז געשטאַנען אין תחום פון פּאָגראָמען,
ס׳האָט בלוטיק געברענט אויף מיין טאַטן זיין באָרד,
ווען ער האָט אין אויפגרויל פון מעסערס און לאָמען
געזוכט מיך צו שיצן פון קינשן מאָרד.

ער האָט ניט געקאָנט אָבער זיך אַליין שיצן, —
ניט זיך, ניט מיין מאַמען. אין וועלטישן קריג
די האַנט פון באָגדאַנען, דערנאָך פון פּאָן פּריצן,
פאַרברענט האָט אין גאַזיקן פייער מיין וויג.

דער וועג פון אַ קישינעוו ביז אַ מאַידאַנעק
איז ניט אַזוי לאַנג — קוים אַ פיר צענדליק יאָר;
אַ פּלעווע, אַן אַדאָלף, אַ האַנס, צי אַ יאַנעק —
די זעלביקע האַנט אינעם זעלביקן דור.

און היינט, אַז דו קוקסט אינעם ליכט פון גאולה,
און ס׳וואַרעמט דאָס האַרץ דיר די עמקשע זון,
פאַרגעס ניט דיין נאַכט אינעם וואָטאַנס הילולה
ביי פלאַם־קרעמאַטאָריעס, און לערן דערפון —

אַז פלאַמיקער נאָך האָט געפלאַקערט דער שטורעם
פון יידישן אויפשטאַנד אין וואַרשע — די שטאָט,
ווייל דאָרט האָט דער אין־סוף געברענט אין יסורים,
ווייל דאָרט האָט געפלאַקערט דיין אייביקער גאָט.

ווייל דאָרט האָט ער ווידער, אין געטאָשעס פּלעמער
געהייליקט זיין נאָמען דורך קידוש־השם,
אַ תּיקון געגעבן די יידישע לעמער
פון קישינעווער־פּרילינגשן פּסח־פּאָגראָם.

ווער בין איך צו טוליען מיין הייִנטיקן פיבער
צום שטויב פון געפאַלענע, כלומרשט ווי פּי, —
איך בויג איין מיין קאָפּ פאַרן יידישן גיבור,
פאַר יידישע קדושים איך פאַל אויף די קני.

געשמידט איז פון דורות די קייט פון מיין יחוס,
און זע ווי עס שליסט זיך אַ רינג אין אַ רינג;
באַווייליק מיין לעבן צום זכות פון אַ שליחות,
באַווייליק דאָס ליד צו מיין וויג וואָס איך זינג.

# צו דער זון

זון, ווי אין גבעון, וואַרט,
אפילו ווען דער טאָג פאַרגייט,
דיין ליכט האַלט איין, פאַרהאַלט,
ווייל כ׳בין נאָך אויף נאַכט ניט גרייט.

איך פיר היינט מיט קיינעם קיין שלאַכט,
און אויך ניט מיט זיך אַליין,
איך קוק נאָר אין דיין פּנים אַריין,
דעריבער — וואַרט מיט פאַרגיין.

לאַנד האָב איך פול געאַרבט,
איך אַקער און איך זיי,
איך זעטיק גענוג זיך ניט אָן
מיט דיין ליכטיקייט. ניט פאַרגיי.

אַריבערן גרענעץ פון צייט —
אַ שעה און אפשר צוויי,
ווי אין גבעון אַמאָל, וואַרט,
פאַרהאַלט זיך, ניט פאַרגיי.

תל־אביב, יולי, 1950.

# V

# סאָנעטן

# אַ גאַנצע לאַנגע נאַכט

אַ גאַנצע לאַנגע נאַכט האָט שטורעמדיק גערעגנט,
דער אַלטער עפּלבוים האָט זיך געדרייט אין קעלט,
געקלאַפּט תּחנונימדיק אין לייוונטן געצעלט,
ווי ער וואָלט מיט זיין טיפער עלטער זיך געזעגנט.
נאָר אין באַגינען, ווען דער מזרח איז עק־וועלט
אַרויס דער זון דער אויפגעשטאַנענער אַנטקעגן —
אַזוי האָט גלייך דער בוים מיט שמחה זיי באַגעגנט,
ווי ס׳וואָלט אויף אים קיין מינדעסט בלעטל נישט געפעלט.

און אין געצעלט איז, ווי אַן איינגעכישופטער, אַ מענטש געשלאָפן,
און נישט דעם בוימס און נישט דעם רעגנס קלעפּ געהערט,
און אין דער פרי מיט אויגן נאָך אין שלאָף פאַרלאָפן,
באַטראַכט האָט ער די פרישע שטראָמען פון דער ערד,
און אויף זיין קאָפּ, דורך אויפגעשטראַלטן נעפּל,
געפאַלן זיינען מיט אַ הילך פרימאָרגן־עפּל.

# די שפּראַך פֿון בוים און גראָז

די שפּראַך פֿון בוים און גראָז פֿאַרשטײ איך אָפּטמאָל מער
װי גאָר די דינקײט פֿונעם מענטשנס קלאָרסטע װערטער.
אַפֿילו האַרטער ליים פֿון טויטסטע מדבר־ערטער
נעמט רעדן צו מיר נאָענט אָן אָפּהאַלט און אָן שטער.
ער זאָגט דאָס פּשוטסטע: כ׳בין דײנער, איך געהער
צו דיר נאָך פֿון אַמאָל. װען דו, אַ בלינד־באַגערטער,
ביסט נישט געװען נאָך אויף דער װעלט אויף דײַן באַשערטער,
האָב איך געװוּסט שוין װוּ דו׳סט שפּעטער זײַן און װער.

דעריבער שטײ איך אויפֿן מיטן פֿעלד און הער
דורך אַלע נאַכטיק־אויפֿגעעפֿנטע פֿיר זײַטן,
װי ס׳נעמען זיך דערטראָגן פֿון די װײַטסטע װײַטן
פֿאַרבעטונג־רופֿן: קום אַהער, אַהער, אַהער...
איך שטרעק אויס בײדע הענט אין פֿולן קרײַז אַרום
און כ׳ענטפֿער אָפּ מיט דאַנקבאַרקײט: איך קום, איך קום.

# האַרבסט באַגינען

צענדליק יאָר אַז בלעטער אין דיין צימער גרינען —
בלעטער פון אַ שטוב־וואַזאָנע אין אַ בלויען טאָפּ.
שטעלסטו־אונטער אונטער זיי דיין ווייסן קאָפּ,
נעמט דאָס גרין אין אַלע דיינע בלוטן רינען,
ווען אין מאָרגן־דרויסן טוט דער האַרבסט שוין שפּינען
ווינטער־שלייערס, און פאַרזינגט מיט דינעם טראָפּ
עמעצנס אַ דופק־שלאָג וואָס שטעלט זיך אָפּ,
גראָד אָט איצט ביים סאַמע אויפגאַנג פון באַגינען.

וויפל מאָל צום ברוינעם שטאָם דו רירסט זיך צו,
וויפל מאָל דו שפּירסט דעם שטאָך פון זיינע בלעטער, —
קלוג און זיכער זיצט ער און ער וואַקסט אין רו,
אין דער רו וואָס דו וועסט ערשט געפינען שפּעטער.
שפּעטער — ווען אַ מינדסטער בלאַט וועט אַלץ נאָך גרינען
ווייט פון ערגעץ־לאַנד, ווו דו וועסט זיך געפינען.

# צום ערשטן פרילינג־שטראָם

ס׳איז וואָר אַז חורבן שטימט נישט מיט סאָנעטן,
און פרילינג איז קיין פּאָר נישט צו פּאָגראָם,
און ווי עס גראַמט זיך נישט אַ פידל מיט אַ לאָם,
אַזוי אויך גראַמט זיך נישט: תּלינים מיט פּאָעטן.
נאָר אויב דאָס וואָרט אַליין פון זיך נעמט שפּעטן
און הייבט אָן אָנשווועלן מיט אומגליק ווי אַ שוואָם —
פּאַל דעמאָלט צו צום ערשטן פרילינג־שטראָם
אַ פרישן טראָפּן פאַר דיין צונג צו בעטן.

דערמאָן זיך אָן דעם גולם־מענטש — דעם פּראגער —
אפילו ער איז אויפגעגאַנגען אין אַ פרייד,
ווי נאָר ער האָט דעם טעם פון וואָרט דערשפּירט;
מעג זיין די גאַנצע וועלט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער —
הייב־אויף צום הימל דיינע אויסגעבענקטע רייד,
ווי גאָט אַליין וואָלט מיט זיין פלאַם דיין ליפּ באַרירט.

# אויפֿן קבר פֿון נתן ניומאַן

די טעג און יאָרן גייען, גייען, נתן ניומאַן,
און כ׳שטיי אַט ווידער ביי דיין קבֿרדיקער בייט.
די בלויע ראַקי־בערג אין זייער נצח־קייט
זיי זיינען היינט נישט רעדעוודיק — זיי אַלע שטומען.
צי זיינען זיי נישט גערן וואָס איך בין געקומען? —
איך נעם אַ הויפֿן זעמדלעך דיינע און איך שפּרייט
פֿונאַנדער זיי — ווערט גלייך די שטומקייט העל דערפֿרייט
ווי זי וואָלט אַ דערוואַכונג־קול אין זיך פֿאַרנומען.

דיין טויט האָב איך באַקאַנט געמאַכט דורך אַ באַלאַדע,
און מענטשן האָבן דיך דורכדעם באַקומען ליב,
און דאָך פֿאַרמייד איך נישט צו בעטן איצט: פֿאַרגיב
פֿאַר איבערלאָזן דיך עק וועלט אין קאָלאָראַדע.
פֿאַרגיב אויך וואָס איך וועק־אויף אומגעריכט דיין רו,
און מיינע שורות פֿערצן מיט באַווייליקייט נעם־צו.

דענווער, מאַי 5, 1948

ה. לייוויק

# פראַנץ ראָזענצווייג*)

„דער שטערן פון גאולה“ צייכנט אָן זיין פינגער —
איין פינגער פון זיין גוף, וואָס ליגט פּאַראַליזירט.
דער בלאסער נאָגל ווירעט, קריצט און פירט,
פאַרבייט זיין צונג די שטומסטע צווישן צינגער.
יסורים־איבערווינדערער, געוויין־באַצווינגער —
גאָטס וואָרט האָט אים דורך שטומעניש באַרירט,
און אים דורך אויפלייזונג צו אויסלייזונג געפירט —
זיין טויט זאָל קומען אַ דערהויבענער, אַ גרינגער.

דער מגן־דוד — ווינקלען זעקס פון גלייכע מאָסן —
ליגט אָנגעצייכנט אויפן זויבערן פּאַפּיר.
דעם מייסטערס פינגער גיט זיך נאָך אַ לעצטן ריר,
און שווין. — די ווינקלען אַלע זיינען פעסט געשלאָסן.
דעם מייסטערס אויגן לויכטן־אויף, מיט טרערן פולע,
וואָס זעען זיי? — דעם וואונדער־שטערן פון גאולה.

---

*) יידישער פילאָסאָף, געלעבט און געשטאָרבן אין דייטשלאַנד (1886—1929). זיין הויפּט־ווערק: „דער שטערן פון גאולה“. די לעצטע אַכט יאָר פון זיין לעבן איז ער געווען געליימט, שטום. זיין איין פינגער נאָר האָט על פּי נס זיך באַוועגט, און מיט דער הילף פונעם פינגער האָט ער געשריבן זיינע ווערק.

# האַרט־צוקאָפּנס

האַרט־צוקאָפּנס שטייט דער קנוטער
און ער פּאַסעווועט און שמייסט.
צי אַ גאָט, צי אַ נישט־גוטער,
צי אַ מענטשנס בייזער גייסט.
נישט צו זען קיין מראה־פּנים,
נישט צו הערן פייף פון קנוט,
נאָר צו זען און צו דערקאָנען
בלוי פון נאַכט אויף רויט פון בלוט.

דוכט זיך — דו, און דוכט זיך — ער,
נישט קיין חילוק ווו און ווער,
נישט קיין חילוק ווער ס'איז קנוטער.
סוף כל סוף בין איך געוויט
אויף דער סאַמע שוועל פון טויט
שטיל צו זאָגן: טאַטע גוטער.

# אַ מידער גייער שפּאַנט

אַ מידער גייער שפּאַנט אין הין־הער־פּלעט,
די האַלבע נאַכט צעוואַקלט אַלע וועגן.
די קאַלטע שטערן האַלטן אין איין פרעגן:
ווער ביסטו? ווהין גייסטו אַזוי שפּעט?
אנשטאָט אַן ענטפער צערטלט ער און גלעט
דעם זאַמד פון שליאַך און נייגט זיך אים אַנטקעגן,
אַן אויפגעחלומטער, ווי ער וואָלט גאָר געלעגן
אַן איינגעוויגטער אין אַ ווייכן בעט.

איין רגע — און זיין הין־הער־פּלעט פאַרשווינדט,
זיין קני שפּרינגט־אויף, זיין טראָט ווערט פעסטער:
צו זיינע נאָזלעכער טראָגט אַן דער ווינט
דעם ריח פון אַ ברודערס לייב און פון אַ שוועסטער.
ער נעמט זיך טראָגן קעגן ווינט מיט הענט צעשפּרייטע
צו ברידער־שוועסטער — לעבעדיקע, אָדער טויטע.

# אַלע טיפסטע סודות

אַלע טיפסטע סודות זוך
אינעם שאָטן דיך אַהינטער
אויפן לעצטן שניי פון ווינטער,
וואָס צעגייט אונטער דיין שוך.
שפּיר פון וועלט־לייב דעם גערוך
אינעם שטעכל פון אַ שפּלינטער;
אין אַ שפּריצל טינט פון טינטער
זע די טיפן פון גאָטס בוך.

פון אַ ליכטלס פלעמל קליין
ציען זון און שטערן חיות,
כביכול קומט אַליין
שעפן קראַפט פון מידע וויעס.
הייב, דערהייב צו ספירות און מזלות
אַלע ריסן פון אַ בעטלערס פּאַלעס.

# צמצום־ליד

צמצום־ליד באַטייט:
ערשטקייט פאַר׳אין־סופן
נאָך ווען שטערן שלאָפן
טיף אין מזרח־זייט;
קול פון ווייטסטער ווייט,
וואָס איז קוים־קוים אָפן,
איינזאַמלען אין סטראָפן
רייף צו זיין אין צייט.

וואָרט צעוואַקסט זיך פלאַמיק
אינעם מאָרגן־רויט,
יעדער אות ווערט טעמ׳יק —
שמעקעדיק ווי ברויט.
דאַנק דעם, וועמען דאַנקען קומען,
פאַר דער זיסקייט אויפן גומען.

# איך האָב געזען

איך האָב געזען אַ מאָרגן־ליכט אויף זיינע באַקן,
און אויף זיין ברעם אַן אויפגעבליצטע שמייכל־טרער.
ער האָט געשפּאַנט נאָך נאַכט פון וואָגל מיד און שווער,
ווי ס׳וואָלט די נאַכט נאָך אַלץ געהויערט אויף זיין נאַקן.
וואָס מער זיין קאָפּ איז שווער געזונקען, האָט אַלץ מער
די וועלט אַרום פון טויט און חורבן־שלאַקן
צו אים געבעטן: זיי מיט שמייכל מיך מתקן,
און ער האָט שעמעוודיק געזאָגט: ווער בין איך? ווער?

און איך האָב צוגעזען זיין לויטערדיקייט פון דער זייט
און זיך געפרעגט, צי ווייסט ער אַז איך זע, צי ווייסט ער?
און מיטאַמאָל אַ קול אין מיר: וואָס שטייסטו אין דער ווייט? —
דיין אויסלייזער איז דאָך אַנטקעגן דיר, דיין טרייסטער.
איך האָב מיט דאַנק און פּאָרכטיקייט געגענט צום אָרט
וו ס׳האָט גערוט דעם טרייסטערס שעמעוודיקע וואָרט.

ה. לייוויק

# די וועלט איז רחבותדיק און גרויס

די וועלט איז רחבותדיק און גרויס, איך זע עס קלאָר
דורך אַלע שויבן פון דער לויפנדיקער באַן.
און ווען איך זע עס ווערט מיין ענג־געצאמטער שפּאַן
אַ טייל פון גאָר דער רחבותדיקייט, און כ׳פאַרשפּאָר
כאָטש אויף אַ רגע הענגען צווישן טרוים און וואָר,
און כ׳זאָג מיט שמחה: זע, ס׳איז אַלץ דאָך נאָך פאַראַן
אַ וואַלד־שוץ פאַרן בוים און פאַר אַ גראָז — אַ לאָן,
און אַקער־ברידערלעכקייט פאַר אַן אָקסן־פּאָר.

די ערד — אין פולער זון. די באַן — אין זון אַריין,
אַ גוטע בשורה־ברענגערין. פעלד־אויס, פעלד־איין
דערפרייטע פריירי־פערד, אין ווילדן נאָכגעיאָג,
צעפלאַקערן די גריוועס, ביז די באַן אַליין
דערגרייכט דעם פורפור־ראַנד, וווּ זון נעמט אונטערגיין
אין אומעטיקער פייערלעכקייט פון סוף־טאָג.

# דאָס קליינע טרייסטונג־וואָרט

דאָס קליינע טרייסטונג־וואָרט, דאָס קוים פֿאַרהיטע,
צענעם איך זאָרגעוודיק, און כ׳טו אין דעם אַריין
מיין גאלע שווייגעניש, און וואָס זאָל ווייטער זיין? —
אָ פֿרעג נישט מער דערביי די שאלות די געניטע.
די שפּעטע נאַכט־אשמורה קומט, די לעצטע — דריטע,
אַן אויסגעלייטערטע דורך נישט־דערציילטער פּיין,
צו קאָנען אונטערטעניקן זיך צום ערשטן שפּראָץ פֿון שיין
און איבערגעבן זיך אויף שטענדיק אין זיין שליטה.

די נאַכט איז טאַקע לאַנג היינט, דויערט. אָן מליצה.
נאָר איך וואָלט שוין באַדאַרפֿט געדולדיק זיין ביז גאָר.
איך וואָלט באַדאַרפֿט? — איך בין! צו אַלדי גוטע יאָר!
נישטאָ מער צווישן מיר און דולדונג קיין מחיצה.
די טרייע וועגט מיינע — זיי זיינען מער נישט אויף דער וואַך,
ווייל אָט — און כ׳בין אויף יענער זייט פֿון מענטש און זאַך.

# עס טרעפט

עס טרעפט — דער טאָג איז, ווי אַ מילגרוים, פול
מיט פאַרקומענישן טיפע, הייליקע, און דו —
גראָד דעמאָלט ביסטו פוסט און וואָכעדיק, פאַלסט־צו
צו עפּעס גאָלע גאָרנישט — אומגעלומפּערט, דול.
און פלוצלינג גיסטו זיך אַ ריס פון וויסטן גבול,
ווערסט דורכגענומען מיט אַ שבתדיקער קדושה־רו —
דערזעסטו ערשט: דער טאָג איז שוין פאַרפאַלן ווו,
ער ליגט אין אַש און טרויער ווי אַן אָפּגעברענטע שול.

וואָס זאָלסטו דעמאָלט טאָן? — אויב ער, דער טאָג,
האָט דיך געהאַט פאַרלאָזט אויף גאָטס באַראָט,
באַצאָל אים נישט מיט קיין נקמה, נאָר מיט גנאָד,
נעם־אויף זיין צער, און אויב ער קלאָגט — זיין קלאָג.
אין זיין פאַרגרוילטן אָוונט־אַש דיין קאָפּ טונק איין,
און טרייסט אים מיט דיין וואַרעמען צוזאַמען־זיין.

# מ ד ב ר

מדבר — גאָטס נאָך נישט אַנטפּלעקטע וועלט —
ליגסט נאָך אַלץ און וואַרטסט אויף צייכנס פון אַנטפּלעקונג;
אַלץ נאָך שמאַכטן דיינע פיר צעפראַלטע עקן
דורך די טעג — אין היץ, און דורך די נעכט — אין קעלט.
דיינע קאַקטוסלעך, פאַרפּלאָנטערט און פאַרגעלט,
קאָנען אַלץ נאָך נישט דיין האַרטן גוף פאַרדעקן,
און דו ווייסט נאָך אַלץ נישט ווער ס'וועט וועקן דערוועקן
דיינע זעמדער מיט אַ ליד פון אַ געצעלט.

מדבר, הייב אין תפילה אויף צו גאָט דיין קול —
ער זאָל אויף דיין זאַמד אַרויפברענגען אַ משה'ן
און אַ פאָלק, וואָס גייט קיין כנען־לאַנד פון גושן,
ווי ס'איז איינמאָל שוין געווען אַמאָל־אַמאָל.
דעמאָלט וועסטו אויפגיין אין אַ שאַל פון האָרן,
און גאָטס פּנים וועט זיך ווייזן אין דיין דאָרן.

# ס׳איז גוט וואָס עמעצער פֿאַר מיר

(וואַריאַנט)

ס׳איז גוט וואָס עמעצער פֿאַר מיר האָט שוין געוווּסט
דעם טעם פֿון קלאַפּן אין אַ צוגעמאַכטן טויער,
ווען קיין שום ענטפֿער כאַפּט נישט אויף דאָס אויער,
און ס׳דאַכט זיך אַז אויף יענער זייט איז לער און פּוסט,
פֿונדעסטוועגן דערהייבט ער און שטאָלט אָן זיין ברוסט
אַ גרייטער צו אַ קאַמף אויף לאַנגן דויער,
צו זעטיקן זיך מיט יסורים און מיט טרויער
און זיין אַ שם־דבר פֿון אייביקן פֿאַרלוסט.

ס׳איז גוט וואָס עמעצער פֿאַר מיר — מיין יונגער טאַטע —
האָט שוין אַמאָל, זיך רייסנדיק פֿון ענגער כאַטע,
פֿאַרזוכט דעם ביטער־זיסן טעם דערפֿון,
און ער האָט איינמאָל, אין זיין כּהנ׳ישן טרויער,
מיך צוגעפֿירט צום טויער פֿון אַ הויכן מויער
און שאַרף געזאָגט: נו קלאַפּ, נו קלאַפּ, מיין זון.

# ווען אַלע דיינע ווערטער קומען־צו צום סוף

ווען אַלע דיינע ווערטער קומען־צו צום סוף —
קלאַפּ אָן אין ריגל־טיר ביים שר פון שטאַרבן,
קלאַפּ שטאַרק ביז אָנקריצן די טיר מיט קאַרבן,
ביז אויפשטיין וועט דער שר אַליין פון טיפן שלאָף
און נעמען וואַרפן זיך מיט שטיקער רויען שטאָף:
מיט קוים געחלומטע און קוים געאַנטע פאַרבן
פון דיין מיט־לעצטע־רגעס־אויפגעפלאַמטן שאַרבן,
און ס'זאָל זיך דאַכטן אַז ער טיילט דיר צו אַ שטראָף.

נאָר דו נעם־אויף זיין וואַרפן זיך ווי אַ געשאַנק
און זאָג מיט אויפגעהייטערטן געמיט: אַ דאַנק —
אַ דאַנק וואָס ער איז פון דיין לעצטקייט נישט אַנטלאָפן.
איצט טיפט ער איין די צייכנס אַלע פון דיין בלוט
און אַלע פאַרבן פון דיין שטאַרביקער מינוט
אין וועלטן־אוצר פון בראשיתדיקע שטאָפן.

# גאָטס זאַנג

דערפאַר וואָס כ׳האָב דעם נאָמען גאָט דערמאָנט
ביים אָנרירן אַ יונגן זאַנג פון קאָרן,
האָט מיך אַ שכן דורכגעברענט מיט צאָרן:
ווי קומט צו זאַנגען גאָט? — האָט ער געמאָנט.
אַ ייד אַ היינטיקער, האָט ער באַטאָנט,
דאַרף אויסמיידן ביים סוף פון זיינע יאָרן
צו טראַכטן אַז אין טאָג פון זיין געבאָרן
האָט ער שוין דעם באַשעפערס קול דערקאָנט.

און נאָך האָט ער גערעדט, גערעדט — דערוויזן
אַז אַלץ שטאַרבט אָפּ, און ווייטיקדיק געביסן
די נעגל פון די פינגער ביס נאָך ביס.
דער שכן האָט געפלייצט מיט ווערטער־שלאַקסן,
און דאָ דערווייל די זאַנג איז זיך געוואַקסן
און פרום געבויגן זיך צו זיינע פיס.

# זי שטייט אין שויפֿענצטער

זי שטייט אין שויפֿענצטער אין סאַמע צענטער, אָנגעזען,
אָן אויסגעפּוצטע פּונעם מייסטער פֿון דער שניידעריי,
און יעדעס מאָל, ווען כ׳גיי פֿאַרנאַכט די שויב פֿאַרביי,
וואָלט איך געשוואָרן, אַז איך הער אַ רוף אַזאַ: גענען
צו מיר, און זיי מיין פֿריינט. כ׳בין טאַקע נאָר אַ מאַנעקען,
פֿונדעסטוועגן באַגער איך עמעצער זאָל זיין מיר טריי,
און פֿרייען זיך מיט יעדן זיידן־קלייד וואָס איך טראָג ניי,
זיי דו דער עמעצער, וואָס וויל מיין בענקשאַפֿט נישט פֿאַרזען.

איך נעם אַוועקאיילן און לאַך אין זיך אַליין: אַזאַ
מיין איינפֿאַל פֿון אַ וואַקסענער פֿיגור. און אָט איינמאָל
האָט עפּעס מיך אַ שטויס געטאָן צום אויסגעדאַכטן קול
צום שויב, און כ׳האָב געזאָגט: אָ, טרויער נישט; נו, שאַ, נו, שאַ.
געווען שוין נאַכט. פֿון אָוונט־גאָלד דער סאַמע לעצטער שפּור
האָט שטיל געשמייכלט אויף די מויל־ווינקלען פֿון דער פֿיגור.

# ביינאַכט האָב איך געהערט

ביינאַכט האָט איך געהערט — צי גאָר זיך פאָרגעשטעלט —
אַ מחנה קלעזמער שפּילן אַלע פאַר איין מאָל.
אין רויש פון פויק, אין אויפגעשריי פון פייפעאַל
איז מיך אַ שרעק באַפאַלן: זע, דער פידלער פעלט!
כ׳בין אויפגעשפּרונגען און מיט פיבער אין מיין קול
גענומען פרעגן, פאָרשן — ווען אַ האַנט פאַרשטעלט
האָט ביידע ליפּן מיר, און, מעסערדיק צעהעלט,
האָט פאַר מיין אויג אַ בליץ געטאָן אַ בלאַנקער שטאָל.

די קלעזמער האָבן אָפּגעשפּילט, און רואיק קאַלט
צונויפגעלייגט די אינסטרומענטן, שייד צו שייד,
און קאַלט אַזוי, אָן מינדסטן ווונק פון רייד,
פאַרלאָזט מיין הויז, צונויפגעשמעלצט ווי איין געשטאַלט.
ערשט דאַן האָב איך דערזען אַ מאַן ליגט ביי דער וואַנט,
און ס׳פידל, פריש נאָך וואַרעם, בלוטיקט אין זיין האַנט.

# אַ צייכן פון איין וואָרט

גערייטלט, און באַוואונדערט, און צעריסן, און דערנאָך —
די שטיקעלעך פּאַפּיר געצערטלט מיט די פינגער,
אין אָנדענק פון אַ מענטש, וואָס איז געוועזן יינגער
און אויפגעגבונטעוועטער קעגן יעדן שפּור פון יאָך;
אין אָנדענק פון אַ טאָג, וואָס האָט די שווערע וואָך
פאַרוואַנדלט אין אַ יום־טובדיקייט אין אַ גרינגער,
אַז גאָר דאָס שלעכטס אפילו פון די בייזטע צינגער
האָט אויפגעצוונגען: גיב אויך אונדז דיין פרייד, גיב נאָך!

די שטיקעלעך פּאַפּיר צעבלאָז איך אויפן ווינט,
דער ווינט פאַרטראָגט זיי ערגעץ איבער טאָל און היגל
און קערט זיך אום צוריק מיט אָפּגעקלאַפּטע פליגל,
און כ׳זע ווי ס׳ברענט אויף זיי אַ נישט פאַרמעקטער טינט, —
דאָס ברענגט ער מיר אַ צייכן פון איין וואָרט צוריק,
אַ זכר נאָך אַן אָפּגעזונגען לויטער גליק.

# צום מאַן מיטן קרייץ

דעם גרויסן קרייץ האָסטו אויף זיך, קען זיין, געטראָגן,
געגאַנגען מיט פאַרשווערטע פיס צו דער גאָלגאָטע,
אויף פרייד פון דיינע צונאָגלער — די רוימער־שפּאָטער, —
דאָך קאָנען מיר צו דיר אויך היינט נאָך אַלץ נישט זאָגן
אַז ברידער זיינען מיר און קינדער פון איין פאָטער.
מיט דיינע נעגל האַלטן אונדז נאָך אין איין שלאָגן
אין מוח אונדז, געשלעפּטע אויפן טויטן־וואָגן,
די יורשים דיינע מיטן קראַנקן ליבשאַפט־בלאָטער.

ביסט אָנגעפילט מיט טרויער אין דיין גאָט־מענטש האַלבקייט,
מיר ווערן אָבער נישט דערפון געשיצטער און געטרייסטער,
און דו פון דעם ווערסט נישט גערעכטער און געגרייסטער,
עס שפּרייט אויף אונדז אויך היינט אַ פּחד דיין געזאַלבטקייט.
און ווילסטו יאָ אַ שטיקל תיקון זיך געפינען —
אַ נ ט ג ע ט ע ר זיך, ווער איינס מיט אונדזערע רואינען.

# נישטאָ די מינדסטע זאַך

נישטאָ די מינדסטע זאַך, דאָס קלענסטע שטיקל דרויב,
וואָס זאָל נישט ראוי זיין פאַר שורות פון סאָנעטן.
אין האַרטסטע פינגער שלומערן ווייך־צאַרטע גלעטן
פאַר יעדן קנייטש, פאַר יעדער וווּנד; און אויב
די פינגער דיינע זינקען איין אין דיקן שטויב,
וואָס דעקט צו דאָס געביין פון ליכטיקסטע פּאָעטן,
דעם זעלבן שטויב אויף פרישן ליים פאַרמיש צום קנעטן,
און צו אַ נייער אויסגעשטאַלטונג אים דערהייב.

אַזוי האָב איך, אין שפּעטער שעה היינט פון דער נאַכט,
געזוכט אַ צייכן פון אַ תיקון פאַר מיין טרויער,
דערווייל האָט די שטילקייט איבער זיך אַליין געוואַכט
און רגעס אָפּגעטאָנענע צוריקגעקערט צו דויער,
און מיט די רגעס — אַלע אָפּגעמעקטע רייד און טרערן,
און מער נאָך — אַלע ווייטסטע אויסגעברענטע שטערן.

# סאָנעט וועגן סאָנעטן

פאַרוואָס זינגען יידישע דיכטער היינט מערער ווי נעכטן
סאָנעטן? — צי איז שוין די שעה היינט פון יום־טוב און רו,
וואָס גיבן די פשוטסטע ווערטער דערהויבנקייט צו?
צי איז שוין געקומען דער שלום נאָך אַלע געפעכטן

צו זאַלבן דעם לויטערן קאָפּ פונעם כלו־גערעכטן,
צי אפשר פאַרקערט גאָר: מיר אַלע, סיי איך און סיי דו,
מיר וויגן זיך איבער אַ פינצטערסטן תהום מיט לו־לו,
לו־לו צו פאַרוויגן די פיין פון אַ דור אַ פאַרשוועכטן?

געזאָגט האָט מיר איינער: „מיין חלום אויך היינט איז — זיין שטום",
געזאָגט האָט אַ צווייטער: „מיין ליד זאָל די אַל־וועלט צעשטערן".
אוןביידע געזוכט האָבן זיי אין פאַרלאָזטן אַרום

אַז עמעץ זאָל דאָך אי דאָס וואָרט, אי די שטומקייט דערהערן.
פאַרשניידן זיי ביידע אַ בונד פון צוויי ברידער פּאָעטן,
און טרייסטן זיך איינער דעם צווייטן מיט לויטער סאָנעטן.

# צוזאַמען מיטן ים־פֿויגל

צוזאַמען מיטן ים־פֿויגל דעם ליכטיק־ווייסן
אין זון־געפֿלאַקער קרייזט אַרום אַ שוואַרצע קראָ,
עס איז די אויפֿגעשטורעמטע נאָכמיטאָג־שעה,
ווען כוואַליעס שוימיקע דעם זאַמד־ברעג שמייסן.
די קראָ האַלט אין איין אויפֿרייסן, אין איין צערייסן
די העלקייט פֿון דער זון, ביז דורכגעקרייצט מיט גראָ
די שטראַלן לעשן זיך. און זע — די זון איז שוין ניטאָ:
דאָס שוואַרצע וואָרענען געוועז ניט אויפֿצופּלייסן.

אַריבער די צעשוימטע שנייאיק־ווייסע קאַמען
דער פֿויגל שניידט אין גראָ אַריין אַ נייעם שניט,
עס רייסן זיך אַדורך פֿון וואָלקן שאַרפֿע פֿלאַמען, —
די זון איז ווידער אויף איר הימל אין דער סאַמע מיט.
דעם פֿויגלס שנאָבל לאָזט אַרויס אַ פֿרייד־געשריי,
און זייַנע פֿליגל זינגען אינעם שוימיק־ווייסן שניי.

# אין גאָלדליכט

אַ וואָרט ווערט אַמאָל נאָר דורך צופאַל פאַרשריבן,
דו ווייסט אָבער קלאָר וואָס עס לאָזט דיך צו הערן. —
קלאַפּסט אָפּ אָן דער וואַנט דורך אַ צופאַל דיין שטערן
און זע — ס׳איז קיין אויפלויף אויף אים ניט פאַרבליבן,
דעם צייכן פון בלוי האָסטו איינס־צוויי פאַרטריבן.
פון דעם נעם אַ משל אַראָפּ דיר און לערן
אַז שניטן, אפילו חלפימשע, ווערן
פאַרצויגן מיט הויטן אַמאָל גאַנצע זיבן.

אין גאָלד־ליכט פון פענצטער, פאַרק־סענטראַל אַנטקעגן,
דורך נאָר־וואָס צעעפנטע קנאָספּעלעך דינע
מאָלט אויס אַ צעלויכטענע זון, נאָך אַ רעגן,
אוזאָרישע ביימער געשניצט־פיליגרינע.
פון דעם נעם אַ משל אַראָפּ דיר און לערן
אַז מענטש־לייב טוט אויך צו דער קנאָספּ־וועלט געהערן.

# סאָנעט צו ש. ניגער

(צו זיין ווערן אַ בן־שבעים)

ס׳איז גוט וואָס דוקאַר ליגט נישט ווייט פון איהומען,
וואָס אורוועלדער היטן דעם בונד צווישן זיי;
מיר טראָגן מיט ליבשאַפט די נעמען די צוויי,
און זיס זייער קלאַנג איז אונדז ביידן צום גומען.
באַשיידן־דוקאַריש האָסט קאָרענע בלומען
באַזילבערט מיט קלוגשאַפט פון לויטערן שניי,
דיין וואָרט צו דער וועלט, דורך באַזיגטן געשריי,
אין שטילקייט פון טרייסט האָט אויך מיין וואָרט פאַרנומען.

צי לעבט נאָך איהומען? צי לעבט נאָך דוקאַר?
צי האָט זיי דער צייט־האַר פון אומקום באַוואָרנט?
די גרויס פון דער וועלט, דורך דער לענג פון אַ דור,
האָט ביידע אונדז עוליק ניו־יאָרקיש פאַריאָרנט.
אַז וויל וואָס אין ליד מעג מען ריידן אויף דו,
ווערסט זיבעציק אַלט, — מיין סאָנעט־גרוס נעם צו.

# דער מאָרגן איז אומענדלעך

דער מאָרגן איז אומענדלעך, זאָגט צו מיר אַ גוטער פריינד,
און רעד ניט וועגן לעצטקייט אַזוי קלאָר און אָפן,
דאָס לעבן ווייסט ניט פון קיין נעכטנס, אָנהייבן און סופן;
אַ צווייטער אין דעלירים־פיבער, עקזאַלטירט־צעשיינט,
נעמט אָנווייזן אַז וווּנדערלעך איז גאָר דער היינט,
די מאָרגנס אַלע ליגן גולמדיק און שלאָפן,
די נעכטנס ליגן דורכגעפוילט, מיט בלוט פאַרלאָפן,
ניט ריר זיי אָן, זיי זיינען סמיק, האָב זיי פיינט!

בינתיים קוק איך אויף מיין שטוביקע וואַזאָנע,
איך לערן חכמה פון איר גרויס־וווּקס אויפן ברעקל ערד,
זי וואַקסט און שווייגט אַ שווייגעניש מיט געטלעכער כוונה,
און ס׳ווערט איר בלעטער־צאָל פון טאָג צו טאָג געמערט.
איך אָטעם אָפּ מיט אַ דערטרייסטנדיקער מילדקייט,
און כ׳טו זיך ווי דער פלאַנץ אַריין אין אַ פאַרשטילקייט.

# אַן עקשן בין איך

און אַז איך האָב ביז הײַנט אויף דיר זיך ניט דערוואָרט,
אויף דײַן גענאָד, אויף דײַנע טרײַסטנדיקע ווערטער, —
צי זאָל איך זאָגן אַז איך בלײַב אַ ניט דערהערטער,
ווי אײנער וואָס האָט זיך אַלײן דורכאויס גענאַרט?
צי זאָל איך אַזוי זאָגן? — נײן, כ'בין אײַנגעשפּאַרט
צו גלויבן אַז איך בין נאָך אַלץ דײַן טיף־באַגערטער,
אַז מיר צוליב באַשײַנסטו אַלע מדבר־ערטער
ווו דאָרנבוש אפילו ווערט ווי יונג־גראָז צאַרט.

אַן עקשן בין איך ניט צו זען אין גלײַכגילט צאָרן,
און ניט צו שרעקן זיך ווען כ'זע דײַן שטומען נאַקן;
איך צווינג דײַן הויך זאָל ניט אַראָפּ פון מײַנע באַקן,
און אַז מײַן וואָרט זאָל ייִנגער זײַן פון מײַנע יאָרן.
איך צי אויס מײַנע פינגער, אַלע פינגער, אַלע,
און זע, כ'פיר אויס: — דײַן פּנים ווערט פאַר מיר נתגלה.

# ווי אַן איבערפֿולטער קרוג

כ׳בין מיד, און גלויב מיר אַז איך זאָג דעם אמת,
און מידקייט, גלויב, איז ניט קיין שטראָף און ניט קיין שאַנד,
ס׳איז אפשר גאָר אַן אָנווונק אַז דאָס שיינע לאַנד,
וואָס איז דיר צוגעזאָגט געווען נאָר דורך אַ רמז,
צעעפֿנט ברייט די גבולן, און אַ קול זאָגט: נעם עס,
ס׳איז דיינס, עס וואַרט אויף דיר, ריר אָן זיין שטויב, זיין זאַמד —
זאָל זיין אפֿילו מיט אַ פֿיבערדיקער האַנט.
אפֿילו מיט אַ גליווער־ליפּ באַריר עס, ניט פֿאַרשעם עס.

פֿאַרשעם ניט מיט דערשראָקנקייט די וווּנדער־שעה,
וואָס שיילט זיך ווי אַ קנאָספּ אַרויס פֿון טיף פֿון יאָרן
מיט גאָר דער צאַפּלעניש פֿון ווערן ערשט געבאָרן,
די וווּנדער־שעה — ווען זיי, די יאָרן, זיינען שוין ניטאָ.
זיי בראַוו, מיין האַרץ, צו זאָגן: כ׳האָב געהאַט גענוג,
און פֿלייץ אַריבער ווי אַן איבערפֿולטער קרוג.

VI

# די אייביקע צווי

# די אייביקע צוויי

ניט מער ווי צוויי זײַן
האָבן אָדם און חוה פֿאַרמאָגט,
ניט מער ווי צוויי זײַן.

האָט דער ערשטער געזאָגט
צו דעם צווייטן: כ׳האָב, ברודער, דיך ליב —
האָט דער ערשטער געזאָגט.

איך האָב ליב און איך גיב
אַ מתנה אַ שעפּס דיר אַוועק, —
אָט קום איך און גיב.

פֿול האַס און פֿול שרעק
האָט דער צווייטער פֿאַרקריצט מיט די ציין —
פֿול האַס און פֿול שרעק.

איבער וואָס און פֿאַר ווען?
ס׳קאָן דער ערשטער דעם האַס ניט פֿאַרשטיין —
איבער וואָס, איבער ווען.

ביז ער קוקט זיך אַרום
כאַפּט דער צווייטער אַ שפּיציקן שטיין —
ביז ער קוקט זיך אַרום.

מיט געשפּאַט פון אַ לץ
גיט דער צווייטער אַ טאַנץ און אַ שפּרונג —
מיט געהעץ פון אַ לץ.

אַ פאַרמעסט אין געשווונג —
מיטן שטיין אינעם ברודער אַ זעץ
מיט פאַרמעסט אין געשווונג.

איז איין זעץ ניט גענוג —
האַקט ער ווייטער אין ברודערשן קאָפּ
ביז גענוג און גענוג.

מיטן פּנים אַראָפּ
ליגט דער ברודער אויף נאַקעטער ערד —
מיטן פּנים אַראָפּ.

און ס׳איז שטיל אויף דער ערד,
ביז פון הימל גאָטס קול ווערט דערהערט
איז שטיל אויף דער ערד.

האָט דער מענטשלעכער מין
וויפל מאָל שוין די מעשה געהערט —
אונדזער מענטשלעכער מין.

די מעשה — הוי, ווײ —
וועגן אָדם און חוהס צוויי זין,
די מעשה — הוי, ווײ.

די אײביקע צוויי:
די שטילקייט, דערנאָך — דאָס געשריי,
די אײביקע צוויי.

# קין האָט טענות

— צי בין איך מײַן ברודערס אַ שומר? —
איך פרעג דיך, צעשראָקענער גאָט.
איך יאָמער געַנוג שוין, — אַז ווײ מיר,
וואָס יאָגסטו מיך נאָך טראָט בײַ טראָט?

און וואָס — אויב איך נאָר מיט מײַן יאָמער? —
זאָל זײַן דיר געפעלן ווען כ׳זאָג:
פאַרשניידן אַ בונד ביידע לאָמיר
אין זכר פון בלוטיקן טאָג.

און אָט זאָג איך אויס דיר דעם אמת:
כ׳האָב גאָרנישט פאַרגאָסן קיין טרער.
איך ווייס נאָך ביז איצטער ניט וועמעס
געקריוודע איז ווייטאָקדיק מער.

צי הבלס, צי אפשר גאָר מײַנע, —
ער, הבל, ער ליגט זיך און רוט
אַן מאָנונג, אָן קרעכץ און אָן טענה
אין רויטס וואָס דו רופסט עס אָן: ב ל ו ט .

און איך דאַרף אין אַנגסט, אין גערודער
פאַרנעמען דורך נעכט און דורך טעג
דײַן קראַמף: ווו איז, קין, דײַן ברודער —
און איבלען זאָל מיך ווען איך פרעג:

— צי בין איך מיין ברודערס אַ היטער? —
ווען כ׳ווייס, אַז איך פרעג עס אומזיסט,
אַזוי ווי אומזיסט ס׳איז דער ציטער
בשעת איינעמס בלוט דו פאַרגיסט.

האָט ווער דיך געבויט צו באַשאַפן
אַ פליסיקייט קלעפּיק און רויט,
אַז ווען איך צעמוח אַ שלאַפן
זאָלסטו זיך צעגוואַלדעווען: ט ו י ט!

דאָס ווינטל — פון דיר איז שוין בראַווער,
עס קומט אַ צעווייטס, אַ צעשפּרייטס
און טרייסלט פונאַנדער דעם אַוויר
פון קליינעם קאַלוזשעלע רויטס.

און בראַווער נאָך זיינען די שטויבן,
די שטיינדלעך, די גרעזלעך אין רו,
זיי לייגן זיך אויס ווי אַן אויבן
און דעקן־פאַרדעקן אַלץ צו.

ביי זיי, ביי די גרעזלעך די שטילע,
גיי אויפזוכן הבלס געביין,
און מיך לאָז צורו, ווען אַפילו
מיין האַנט האָט געשליידערט דעם שטיין

אין הבלען. צעשמעטערט זיין שאַרבן
ווייל טאָן האָט דער שטיין אַלץ געטאָן.
ביי זיינע צעגלוסטיקטע קאַרבן
דעם אמתן חשבון גיי מאָן.

צי איך פון אַ שטיין דאַרף זיין בעסער?
נו גוט, כ׳זע אין חלום אַ צייט
ווען בליציקער איידעלער מעסער
דעם שטיין דעם געמיינעם פאַרבייט.

ווען ד אָ ס זיין אַ יום־טוב פון צייטן!
ווען ד אָ ס זיין אַ הוליע פון רויטס!
פון אַלע, פון אַלע פיר זייטן
וועט שטראָמען דאָס רויטס אין פאַרפלייץ.

דעריבער שטיל איין דיין געפילדער,
שטעל אָפּ דיין געשריי, דיין געיעג,
און ווער צו מיר ווייכער און מילדער
און מער אויף קיין ברודער ניט פרעג.

ניטאָ אַזאַ מין ווי אַ ברודער,
די הענט מיינע וואַש מיר אָפּ ריין, —
דעם גאַנצן געטומל־גערודער
פאַרקאָכט האָט דער נאַרישער שטיין.

# קינס שטיין

אין מזרח זייט ברענט די צווייִשאַרפיקע שווערד
ביים שטומען פאַרשלאָסענעם טויער פון עדן,
און איבער אַ בערגל פאַרבלוטיקטער ערד
קלאָגט אָדם, קלאָגט חוה; און צווישן זייביידן
דער קין־שטיין ליגט, און ער טוט אַזוי רעדן:

— וואָס קלאָגט איר אויף הבלען וואָס איז שוין ניטאָ?
וואָס קלאָגט איר אויך קינס געמיינעם אַנטלויפן?
קלאָגט בעסער וואָס איך, אין דער רוצחישער שעה,
ווייס איצט נאָך אַפילו ניט ווי צו באַגרייפן
מיין זעץ אין די וואַרעמע הבלס צוויי שלייפן.

אַ שטילער געלעגן בין איך אויף דעם זאַמד,
אַ רואיקער, קיינעמס אַ האָר ניט צו רירן —
ווי פּלוצלינג קומט קין מיט האַריקער האַנט
און גיט מיך אַ כאַפּ, אָן אַ וואָרט צו פאַרלירן,
און וואַרפט מיך אַריין אין אַ תהום פון געהירן.

וואָס גייט מיר דער קריג אָן וואָס הערשט צווישן אייך?
אין אייערע שנאות און קליינלעכער גאווה
וואָס שלעפּט איר אַריין מיך אין שותפות צוגלייך?
אַז אייער געצאַפּל דערפירט איר צו תאווה,
און מיין אומבאַוועגונג פאַרשטייט איר ניט סיי־ווי.

וואָס זיצט איר און יאָמערט? כאָטש איינס נעמט און טוט —
איר וועט שוין דעם טויטן ניט לעבעדיק מאַכן —
וואַשט אָפּ כאָטש פון מיר דאָס פאַרגאָסענע בלוט,
און לאָמיר מיט מיינע אַלפרידלעכע פלאַכן
צוריק זיין אַ זאַך צווישן רואיקע זאַכן.

הערט אָדם, הערט חוה און ווערן געפּלעפּט,
זיי פאַלן צום שטיין מיט די שטערנס אַנידער
אין גורלשן פּסק — עס זאָל ווערן באַהעפט
די שטילקייט פון שטיין מיט דער אומרו פון גלידער,
כדי אייביק דערמאָנען די ערשטע צוויי ברידער.

# אַ ליד אויף צוריק

נאָך אַלע געזאַנגען — אַ ליד אויף צוריק,
צו רגעס וואָס זיינען פאַרלאָפן:
אַ האַלדז, זע, איז פריי פונעם תּליונס שטריק,
אַ טיר פון אַ תּפיסה שטייט אָפן.

אַ יום־טוב פרייד צווישן קאַלטע ווענט,
אַ טאַנץ צווישן שטיין און ריגל,
אויף ד יי ן האַלדז ריר אָן מיט פרייע הענט,
און נאָכדעם צעשפּרייט זיי ווי פליגל.

גיי זוך דעם מאַן דעם באַפרייטן פון קייט,
געפין אים אויף וועגן ברייטע,
באַלייכט אים די ערשטע שעה פון פרייד,
ווייל אַט קומט שוין אָן די צווייטע.

און בענטש אַלע זעמדלעך פון אונטער זיין טראָט —
אין חלום פון דיינע חלומות:
צו זען ווי עס פיבערט דאָס האַרץ פון גאָט
אין אַלץ וואָס שטיין און ליים איז.

נאָך אַלע געזאַנגען — אַ ליד אויף צוריק,
צו טרייסט־ליכט וואָס נעמען זיך צינדן,
פאַרכאַפּ די האַנט וואָס גרייט שוין די שטריק
דעם קרבן אויפסניי צו בינדן.

אין רגעס פון וווּנדער צו זען ניט פאַרפעל
אויך צער אין ליימענע שטיקער,
נאָך מער ניט פאַרפעל ביי אַ לעצט־לעצטער שוועל
אײן חלום כאָטש זען אין צוריקקער.

## אַהין ווו די שטערן פֿאַרגייען

פֿון סאַמע אָנהויב נאַכט
טרעט ניט אָפּ אַ געשטאַלט
פֿון צו שטיין איבער מיר.
אין אויסגעשטרעקטע הענט —
צעקנייטשטע פּאַפּירן:
בלעטלעך פֿאַרגעלטע.
אויף זיי צייכנס פֿאַרשטעלטע,
וואָס קיינער קען ניט פֿונאַנדערשיפֿרירן.
קיינעם, נאָר מיר אַליין,
איז אָפֿן זייער פֿאַרבאָרגענער מיין.

דאָס געשטאַלט זאָגט: לייען,
פֿיר אויס מיין ווילן.
איך פֿאָלג און איך לייען:

„אַ מענטש זוכט אַ צווייטן
זיין בענקשאַפֿט צו שטילן
ווייט, ווייט אין דער נאַכט
ווען שטערן פֿאַרגייען.
ווען בלעטער אויפֿן בוים
זאַפֿן איין אונדזער שווייגן,
ווען נאַכט איז אויך אַ היים
פֿאַר חיות אין שטייגן.

פאַרנעם גאָר די ווייכקייט פון גראָז,
ווען איינער צום צווייטן
זאָגט: דאַרפסט מיך פאַרלאָזן,
דאַרפסט נעמען שפּאַנען
אַליין, ניט אין צווייען,
אַהין ווו די שטערן פאַרגייען״.

דאָס געשטאַלט הערט אויס די ווערטער
און גיט זיך אַ לאָז צו דער טיר.
און איך — כאַפּ זיך אויף פונעם חלום,
און זע — כ׳האַלט אין האַנט אַ פּאַפּיר
מיט אותיות, צעוואָרפן דאָ־דאָרט,
באַהויכטע מיט ערשטקייט פון וואָרט.
איך שטעל זיי צונויף אין אַ שורה און כ׳לייען:

אַהין, ווו די שטערן פאַרגייען — — —

# און אַז דו וועסט פרעגן

און אַז דו וועסט פרעגן, צי ווער האָט מיך פאַרטראָגן,
צי ווער האָט מיך פאַרוואָרפן אין סאַמע עק וועלט? —
אויף דעם וועל איך קיין איינציק וואָרט ניט קאָנען זאָגן,
און אַז איך וועל עס זאָגן — וועט עס זיין פאַרשטעלט.

וויפיל אָפענע ווערטער שוין אַרויסגעשפּראָכן —
און קיין איין תפיסה־טיר ניט געעפנט מיט זיי;
קיין איין פאָר קייטן מיט ווערטער ניט צעבראָכן,
קיין איין שפּריץ בלוט ניט ווייס געמאַכט אין שניי.

קיין איין פאָגראָם מיט ווערטער ניט צעטריבן,
מיט ווערטער ניט אָפּגעשטעלט קיין איין געטאָ־טויט;
איצט שרייען זיי אַלע: מיר ווילן זיין פאַרשריבן
אויף ווייס, און אויף שוואַרץ, און אויף בלוי, און אויף רויט.

דורך ליפּן פאַרמאַכטע, מיט שטומקייט פאַרשטאָפּטע,
פאַרנעם איך אמתער דעם לעצטן תוך.
אַנטרין, מיין האַרץ, פון דער ווערטער־כאָפּטע,
פאַרזינק אין שווייגעניש ווי אַ שטיין אין מאָך.

# דער מאַן פֿון ליד

(משה קולבאַק)

דער מאַן פֿון ליד ליגט אויף דער נאַרע,
דער מאַן פֿון ליד גייט אויס אין פּיין,
זיין פּנים האָט קוים־קוים אַ מראה —
דער וואַנזין איז אין אים אַריין.

געווען אַמאָל געזאַלבטער דיכטער,
און היינט — ניט מער ווי אַרעסטאַנט.
ער וואַרט אויף גנאָד פֿון האַרטע ריכטער
און קלאַפּט זיך קאָפּ אָן האַרטער וואַנט.

ער שלאָגט אין וואַנט מיט היץ פֿון לידער,
די לידער שלאָגן אויף צוריק.
ער פֿאַלט צום תּפֿיסה־דיל אַנידער
אין ווערטער־ברוך אויף טויזנט שטיק.

ער ליגט צעשליידערט און צעגלידערט
אין מיטן צעל פֿון טויטן אָרט,
און אויף זיין ליפּ אין שוים, צעלידערט,
דאָס סאַמע, סאַמע לעצטע וואָרט.

וואָס איז זיין וואָרט ביים סוף פון סופן?
אַ שמייכל־אַנוווּנק פון אַ קרעכץ
אויף יענער זייט פון אַלע שטראָפן,
אויף יענער זייט פון גאָר דער שלעכטס.

זיין קאָפּ לויכט־אויף מיט זיבן ליכטער
אַריבער זיבן מאָל פּאַרראַט.
ער ווערט צוריק געזאַלבטער דיכטער
אויף טויטן דיל פון קאַזעמאַט.

# מדרגות

דער ערשטער זעט ווי ס׳פּלאַקערט־אויף
אַ פייער אין אַ דאָרן;
אַ צווייטער הערט אַ שופר־קול
אין שאַלונג פון אַ האָרן.

אַ דריטער קלאַפּט אַ מנורה אויס —
איין שטאַם פאַר זיבן רערן;
אַ פערטער אין אַ רייטוואָגן
דערהייבט זיך ביז די שטערן.

און איינער ליגט — די הענט פאַודרייט,
די פיס אין קייט געקלאַמערט.
און איבער אים אַ צפון־נאַכט,
מיט אייז־האַמערס זי האַמערט.

און עפנט ער אַ ברעם ווען אויף
אויף זיך אַליין צו קוקן, —
צענאָדלט זיך אַ מאָרגן־רויט
און שטעכט אים דורך זיין רוקן.

דערנאָך דערהערט ער אויך אַ קול,
נאָר ניט קיין שאַל פון שופר, —
אַ שליסל־קריץ; אַ תפילה־שאָרך —
אַן אָפּהילך: עפר־אפר.

ערשט נאָכדעם ווען דער לעצטער הילך
פאַרגייט, פון ווינט פאַרבלאָזן,
גייט־אויף ס׳געוויין: פאַרוואָס, פאַרוואָס
האָסטו מיך, גאָט, פאַרלאָזן?

# בלוט אויף לידער

בלוט — אויף לידער,
אַנגסט — אויף צינגער,
איבער ברידער
טרעטן זינגער.

קייטן קלינגען
אין די תפיסות,
זינגער זינגען
צו די שליסערס.

פלוצלינג ברייען
נעמען לידער:
הבל־קין
ווידער ברידער.

ברידער גריסן
ניי־בונד לידער,
און — ס׳נעמט פליסן
בלוט רויט ווידער.

קין ווידער
לעסטערט לאמר:
— צי פון ברידער
כ׳בין דער שומר?

לאַכן שטיינער
אין דער נידער:
הבל איינער
שטאַרבט שוין ווידער.

# אין די פענצטער פון דער אַלטער תפיסה

אין די פענצטער פון דער אַלטער תפיסה
גלאַנצן אין דער שקיעה נייע גראַטעס.
יונגע קינדער, ווי די אויסגעפּרוווטע שליסער,
היטן אונטער שלעסער זייערע טאַטעס.

אַז די טאַטעס זאָלן נישט אַנטלויפן —
טוען אָן די קינדער אויף זיי קייטן,
אויף די נאַרעס, אויף די שטיינערדיקע הייפן
זאָלן זיי זיך האַלטן איינער אָן דעם צווייטן.

לאַנגע בערד אין קאָלטענעס זיך פלעכטן
ביז די קייטן־גאַרטלען, ביז די לענדן.
און די יונגע וועכטער מיט געלעכטער
רייסן בערד ביי טאַטעס זיי צו שענדן.

ווי אין אַלטע שורות שטייט פאַרצייכנט
וועגן ווייטע טעג פון קץ־הימין:
ווער ס׳וועט מער אין לעסטערונג דערגרייכן,
דער וועט מער פאַרגואלן זיין נאָמען.

טאַטעס קוקן דורך פּאַרוויינטע ברעמען
מיט אַ קוק אַ גרויל־געשפּאַנטן,
רופן אָן די וועכטער ביי די נעמען,
נאָר די וועכטער שרייען: „אַרעסטאַנטן"!

„אַרעסטאַנטן ריידן איז פאַרבאָטן,
אַרעסטאַנטן זיינען נישט קיין טאַטעס,
זייט צופרידן וואָס דער אָוונט־שאָטן
פּאַלט אויף אייך דורך נייע גראַטעס". —

אַרעסטאַנטן ליגן איינגעשלאָסן
אין די קאַמערן פון שרעק און שימל,
ווען אויף נייע גראַטעס ליגט צעגאָסן
ווי אַ פעך דער אָוונטיקער הימל.

אַרעסטאַנטן ליגן איינגעקלאַמערט —
קעפּ און פּנימער צו קני און פּיאַטעס,
ביז, אין האַלבער נאַכט, ס'לויכט־אויף די קאַמער:
די לבנה שלאָפט אויף נייע גראַטעס.

# אָקסן־קאַמף

זעקס זיינען זיי געווען —
זעקס צעטומלטע גבורהדיקע אָקסן.
זעקס נאַרישע אָקסן,
און אפשר נישט קיין נאַרישע גאָר.
וואָרים אין דער אמתן —
פון וואַנען האָבן זיי געקאָנט וויסן
וואָס עס באַטייט אַן אַרענע
און אַ המון אַ פערציק־טויזנט־קעפּיקער?
וואָס עס באַטייט און וואָס עס מיינען
טאָרעאַדאָרן,
און רייטערס,
און שפּיזן,
און שווערדן,
און אָפּנאַרערישע טיכער?

אפילו אַ מענטש וואָלט דאָך קליגער ניט געווען,
ווען מען האָלט אים מעת־לעתן אין דער פינצטערניש,
און מען יאָגט אים דערנאָך אַרויף אויף דער אַרענע
אַ באַגאָסענע מיט טראָפּישן זון־פלאַקער,
און מען נעמט אים אַטאַקירן מיט פיילן און מיט פּיקעס,
און מען נעמט רייצן מיט רויטס זיינע אויגן,
און דער המון לאַכט, רעוועט, פאַרקייכט זיך —
וואָס וואָלט ער דען געטאָן, דער מענטש?

אין דער אמתן, זאָגט אַליין,
וואָס וואָלט איִם געבליִבן צו טאָן,
אויב נישט אַרומשפּרינגען ווי אויף זודיקע קוילן,
אויב נישט אַרומדרייען זיך אַרום זיך אַליין
און שלאָגן מיטן שטערן אין אַלע צאַמען אַריין,
אין אייגענעם פאַרשווינדלטן שאָטן אַריין,
אין דער אייגענער אַנטלויפנדיקער אויסדוכטעניש.

אָ, אומגליקלעכע אָקסן זעקס,
געניאַרטע, פאַרנאַרטע אָקסן זעקס;
דער חלום אייערער,
דער מזל אייערער,
די פייער־פלאַמיקע בענקשאַפט אייערע —
דער אומקום אייערער.
אָרעמע פאַרמשפּטע אָקסן זעקס,
מיין האַרץ איז אויף אייער צד
און נישט אויפן צד פון המון און טאָרעאַדאָר.
אָבער וואָס קומט אַרויס?
אין דער אמתן —
וואָס קומט אַרויס,
אַז דער חלום איז פול מיט אָפּשפּאָטונג
פון אייך און פון אייערע אומזיסטיקע הערנער.

די שווערד האָט שוין דורכגעשטאָכן אייער רוקן־מאַרך,
די פּיקעס זייַנען שוין טיף אַרייַן אין אייערע געדערים,
און דער המון רעוועט,
און דער טאָרעאַדאָר יובלט,
און איר, אייַבער נאָכן אַנדערן,
איר פאַלט, איר פאַלט, איר פאַלט.

זעקס זייַנען זיי געווען —
זעקס צעטומלטע, גבורהדיקע אָקסן,
אַרומלויפנדיקע, צעשוימטע, צעבלוטיקטע, —
און אָט שלעפּט זיי שוין אַ קייט פעַר די פיס
פון דער אַרענע אַראָפּ,
און זייערע הערנער די אומזיסטיקע שלעפּן זיך נאָך;
און די שאַרפע שווערד באָמבלט זיך
אַן אויסגעלאָשענע אין די הענט פון טאָרעאַדאָר,
און דער עולם זיצט אַן אָפּגערעוועטער,
אַ צעקנייטשטער ווי די פאַררעטערין — די טוך.
און אויך די זון לעשט זיך אַהינטער דער אַרענע,
אויך די זון שלעפּט עמיצער מיט אַ קייט
פון הימל אַראָפּ,
פון הימל אַראָפּ,
אַראָפּ, אַראָפּ.

# דערפֿאַר ווייל איך זע

שליס־אויף פֿאַר מיר דעם שלאָס פֿון דיינע טירן
און נעם מיך אויף אַזוי ווי כ׳שטיי און גיי,
זאָל דוכטן אַז איך קלאַפּ מיט הענט וואָס פֿרירן,
מיט הענט פֿאַרגליווערטע אין צפֿון־שניי.

אַמאָל, אַמאָל האָב איך אַזוי געטראָסקעט
מיט הענט פֿאַרקאָוועטע אין רינג פֿון קייט,
ווען ווינט האָט פֿרעך אין פּנים מיר געפּראַסקעט
אין סאַמע לעצטער רגע, ווען דער טאָג פֿאַרגייט.

און איך האָב איינגעגראָבן מיין צעהאַקטן שטערן
אין דער פֿאַרגייענדיקייט ווי אין אַ צעפּלאַצטן זאַק,
און כ׳האָב געקייכט פֿון דעם געדאַנק אַז טרערן
פֿאַרפֿרירן איידער נאָך זיי רירן אָן די באַק.

אַזוינע זע־מינוטן קומען־אויף אויך איצטער,
ווען ס׳דוכט מיר אַז איך רוף נאָך אַלץ צו דיר,
ווען מיט אַ האַנט אַ מידער און אַן אָפּגעניצטער
איך שטויס מיך אין אַ צוגעהאַקטער טיר.

פֿאַרוואָס טויכט־אויף היינט ווידער דער פֿאַרגוואַלטער,
די טורמע־קאַמער מיט איר שלאָס און גראַט?
דער פֿאַר ווייל כ׳זע ווי ס׳ליגט אַ קאָפּ אַן אַלטער
און שטאַרבט ווי אויף דער נאַרע פֿון אַ קאַזעמאַט.

# קום אַרויף

קום אַרויף אויף דער תּפֿיסה־נאַרע,
קום אַרויף, צי זיך אויס.
דאָרט, אַהינטערן צאַם, שפּילט דיין גיטאַרע,
דאָרט, אויף יענער זייט תּפֿיסה, — דיין הויז.

דאָרט אין הויז — דיינע פֿריינט, דיינע ברידער, —
דיין גיטאַרע אין זייערע הענט.
ס'איז זיי פֿריילעך. דיינע אייגענע לידער
דערטראָגן זיך צו דיר דורך די ווענט.

זיי זינגען דיינע לידער — די ברידער.
מיטאַמאָל גיט איין ליד דיינס אַ פֿאַל,
דו אַליין — ווי אַ שטיין זינקסט אַנידער,
לעשסט זיך אויס ווי אַ לעצט־לעצטער שטראַל.

זיי צערייסן דיינע לידער — די ברידער,
זיי צעוואַרפֿן זיי לעבעדיקערהייט.
איין ליד וויינט אין געזיכט פֿונעם שמידער,
וואָס שמידט־צו דיינע פֿיס צו אַ קייט.

אַרויף, אַראָפּ דער האַמער,
און שוין. יעדער רינג איז פאַרשמידט.
קום צו מיר, צו מיר אין מיין קאַמער
אויף די סליאַדן פון אייביקע טריט.

איך מאַך פאַר דיר, ברודער, אַ וואַרע,
איך קוק אויף דיין שטום־וואָרט אַרויס;
קום אַרויף, אַרויף אויף דער נאַרע,
קום אַרויף, צי זיך אויס.

ה. ל ײ װ י ק

# אַ, גוטע פֿרײַנד

(אין אָנדענק פֿון ד. עדעלשטאַט)

אַ, גוטע פֿרײַנד, װען איך װעל שטאַרבן
לײגט־צו צו מײַן פֿאַרמאַכטער ברעם
אַ הױפֿן בײן־אַש פֿון אַ ײדנס שאַרבן
אַן אומגעקומענעם על קידוש־השם.

כאָטש איך אַלײן בין ניט געװען בכוח
צו זײַן מיט אים און זײַן װו ער, —
ברענט שטענדיק אַ מחשבה אין מײַן מוח
אַז צו זײַן אַש באַלאַנג איך און געהער.

און צו דעם הױפֿן אַש איך בעט אײַך ברענגען
אַ שורה־שײמע פֿון אַ לעצטן ליד
פֿון אַ פֿאַרמשפּטן צו תּפֿיסה, צי צום הענגען,
פֿאַר אײן נאָר חטא: פֿאַר זײַן פּאָעט און ײִד.

און ברענגט אױך צו אַ צװײ, דרײַ גאַרבן,
װאָס זײַנען אױפֿגעגאַנגען אױף ישׂראל־ערד,
זײ זאָלן זײַן אַ צײכן אַז זײ אַרבן
דעם חלום: איבערשמידן אױף אַן אַקער־צאָן די שװערד.

נאָר ברענגט ניט, — װאָלט אױך עדעלשטאַט געבעטן, —
צום קבר הײַנט די פֿרײַהײט־פֿאָן,
כּל זמן מיט איר באַצירט מען טױט־דעקרעטן,
כּל זמן זי הענגט אין פּולע טורמעס אױבנאָן.

מערץ, 1953

# אַ שטילקייט קומט אויף אונדז

אַ שטילקייט קומט אויף אונדז, און נישט ווי פֿאַר אַ שטורעם —
אַ שטילקייט אויף אַ לויטערן געדויער,
קום בענטש מיט מיר דעם אויסגעשמידטן פורעם
פֿאַר אונדזער אומגעדולדיקן צעגליטן טרויער.

ער קילט זיך אָפּ אין אונדז, דער טרויער — און זיין קילקייט
נעמט דורך אויך אַלע אונדזערע צעפלאַמטע ווערטער,
אַיעדער צאַפּל טראָגט אין זיך די קוואַלן פון דער שטילקייט
פון דער געחלומטער, פון דער באַגערטער.

דאָס אוונט־גאָלד פֿאַרגיסט אונדז אַלע שוועלן,
און מער נאָך ווערן שאָטנס מיטן גאָלד פֿאַרגאָסן,
אפילו שאָטנס פון פֿאַרגראַטעוועטע טורמע־צעלן
ווו אַרעסטאַנטן ליגן אויפן שלאָס פֿאַרשלאָסן.

נישטאָ קיין גליקלעכערע רגע ווי צו דאַכטן
אַז שטילקייט קומט נאָר גוטסקייט צו פֿאַרשפּרייטן,
אַז זונגאָלד פון אַדורכגעלייטערטע פֿאַרנאַכטן
מאַכט לייכטער אויך אויף אַרעסטאַנטן־פיס די קייטן.

# מיין איינגעווינטער גאַנג

מיין איינגעווינטער גאַנג אין דיינע סליאַדן
איז אַלץ נאָך פריש ווי אַ געדאַנק אָט־ערשט פאַרטראַכט.
וואָס אמת — ס׳איז שוין טיפע האַלבע נאַכט
און וועגן ווערן שטרויכלונג פאַר דעם נע־ונדן.

און איך אַליין בין אויך נאָך אונטער מזל נע־ונד,
נאָר עפּעס האָט שוין לאַנג פאַרכאַפּט מיין בליק,
אַז יעדע וואָגלונג האָט נישט מורא פאַר אַ טריט צוריק,
און האָט נישט מורא צו פאַרלאָרן גיין אָן סליאַד.

אַוווּ איך זאָל נישט זיין — ביסטו געווען שוין דאָרט,
און גרינג איז מיר דיין צייכן צו דערקענען —
אַרויסצובערענגען אויף די ליפּן נאָר איין וואָרט,
אַז איך זאָל גלייך דערזען: דו טוסט צו מיר גענענען.

איך שטרעק נאָר אויס די הענט, און דאָס איז שוין גענוג
דו זאָלסט זיי אָנפילן מיט גאַנצע הויפנס שטערן,
און וואָס דו זאָגסט דערביי איז געטלעך קלוג,
און אַלץ נאָר וואָס דו זאָגסט נעמט גלייך מקוים ווערן.

עס ווערט מקוים, גראַד ווען אַלץ פאַרגייט —
גראָד דעמאָלט נעמען אַלע מיינע פינגער שפּרייטן
אַ שטערן נאָך אַ שטערן, ווי איך וואָלט געזייט
מיט רייפע קערנער איבער אויסגעבעטע בייטן.

# אַ פּריידיקע בשורה

אַריין אין מיין צימער אַ מאַן — אַ שליח
און זאָגט, אַז ער ברענגט מיר אַ פריידיקע בשורה;
ער מוז אָבער, זאָגט ער, די בשורה פאַרשרייבן,
זאָל דוכטן אַ ליד אַזאַ — שורה נאָך שורה.

אוודאי, געוויס, — זאָג איך מונטער און זיכער,
און שטרעק צו אים אויס אַ פּאַפּיר און אַ פעדער;
דערהער איך — דער מאַן גיט אַ זאָג מיט אַ שמייכל:
ניט יעדער פ אַ ר ש ר י ב מוז געגראַמט זיין, ניט יעדער.

באַפאַלט מיך דאָ פּלוצלינג אַן אַנגסטיקער חידוש:
וואָס מיינט ער, דער מאַן, מיט זיין זאָג וועגן גראַמונג?
דערביי דאָ דערזע איך: ער שטעלט שוין אויס שורות,
און איבער זיי טראָגט זיך אַן אָטעם־צעפּלאַמונג.

און נאָכדעם צעלאַכט ער זיך שטאַרקער און אָפטער,
און קוקט מיר אין פּנים געדולדיק און רואיק,
ער נעמט אָן מיין האַנט, טוט אַ צי מיינע פינגער,
און גיט ווייך אַ זאָג פאַמיליאַריש און דואיק:

— איצט דו נעם און שרייב... — „נו, אוודאי, כ׳וועל שרייבן,
איך וויל אָבער פריער פאַרנעמען די בשורה“. — —
און איידער איך טו זיך אַ ריר, ערשט אַ פייער
פאַרכאַפּט דאָס פּאַפּיר און פאַרברענט יעדע שורה.

# אַ פייערדיקער רייטוואָגן

„אַ פייערדיקער רייטוואָגן איז דורכגעפלויגן
און גאָר די ערד מיט וווּנדער־ליכט פאַרזייט,
זיינען אַלע וווּנדער אַריין אין אַ פּאָר אויגן
צו אָנפילן אַ מענטש־געשטאַלט מיט לויטער פרייד". —

אַזוינע ליד־שורות האָב איך געזען פאַרשריבן,
דערציילט זיך דאָרט: די אויגן זיינען גאָר געוואָרן בלינד.
די וווּנדער אָבער זיינען טיף אין זיי פאַרבליבן,
און אויך די פרייד — אַזוי ווי ביי אַ קינד.

אַזוי ווי ביי אַ קינד אין כלו־ריינקייט,
די צאָל אָבער פון יאָרן איז פאַרצייכנט: אַ ל ט.
דערציילט זיך נאָך, אַז אַלע מאָסן שיינקייט
פאַרקליבן האָבן זיך אין דער געשטאַלט.

און נאָך דערציילט זיך אַז עס האָט געטראָפן —
די בלינדע אויגן האָט אַרומגעכאַפּט אַ פלאַם,
און גראָד אין פלאַקער זיינען זיי געוואָרן אָפן,
ווי אויגן פון אַ טויכער אין דער טיף פון ים.

און וואָס זיי האָבן דאָרט געזען, אין טאַנץ פון פלאַמען,
איז אויך געווען פאַרשריבן אינעם ליד געוויס,
נאָר ד ע ם סטראָף גראָד, מיט אַלע אותיות אין גראַמען,
האָט ווער אַרויסגעריסן, און — פאַרבליבן איז אַ ריס.

# אויף וועגן

אויף וועגן וואָס דו האָסט אַליין אויסגעטראָטן
ווערסט אָפּטמאָל פאַרפּירט נישט אַהין, נישט אַהער,
דיין אייגענער סליאַד און דיין אייגענער שאָטן
דערפרייען דיך נישט. דו דערקענסט זיי נישט מער.

גראַד דעמאָלט דערמאָן זיך אַן טריט פון אַ צווייטן,
אַן טריט ערגעץ ווייט אין דער פרעמד, גאָט ווייסט ווו: —
די פיס ווי זיי שפּאַנען געשמידטע אין קייטן,
די קני ווי זיי ברעכן זיך, ווייִנען נאָך רו.

דערמאָן זיך און זאָל זיך אויך דיר נעמען דאַכטן
אַז שטאָליק אַ קייט קלאַמערט איין דיך ביז בלוט,
אַז איבער דיין קאָפּ מיט אַ פויסט מיט אַ האַרטן
אַ נאָכיאָגער פאָכעט און זעצט מיט אַ קנוט.

און דו האַלטסט אין בייגן די פּלייצעס אַרונטער
און פאַלסט צו דער ערד מיטן אָפענעם קאָפּ.
דער נאָכיאָגער מיינט אַז דו גיסט זיך אים אונטער
און טוט אויף אַ ווײַלע דעם קנוט פון דיר אָפּ.

אין דער־אָ אַנקנוטיקער רגע צעגיסט זיך
אין אַלע דיינע ביינער אַ זיסקייט ווי וויין,
די ברעם פון דיין אויג ווי אין חלום פאַרשליסט זיך
און וויקלסט אין אייגענעם שאָטן זיך איין.

# ווי אַ טייך פאַרפּלייצט מיך דיין טרויער

ווי אַ טייך פאַרפּלייצט מיך דיין טרויער
וואָס דערגרייכט צו מיר פון נישט־הי.
כ׳וואָלט שיקן געוואָלט דיר אַ טרייסט־וואָרט,
נאָר כ׳ווייס נישט ווהין און ווי.

איך ווייס נאָר — ביסט ערגעץ פאַראַנען,
און פון ערגעץ צו מיר דערגייט
אַן אויסגעשריי: העלף! — ווי פון איינעם
וואָס ווערט אָפּגעגעבן צום טויט.

און גלייך נאָכן אויסגעשריי טראָגט זיך
אַ רוף מיט באַפעלונג געפּאָרט:
נישט וואַגן — צי קרוב, צי גואל —
צו קומען צו הילף מיט אַ וואָרט.

מינוטן ווי שעהן — אין שטילקייט,
קיין גואל־פריינט רופט זיך נישט אָפּ;
אַ שאָטן פאַרקנופּט ווי אַ פּעטליע
רירט אָן גאָר מיין אייגענעם קאָפּ.

און אונטער דעם קנופּיקן שאָטן,
ווען ס׳גיט זיך די פּעטליע אַ צי,
כ׳וואָלט אַלץ נאָך געשיקט דיר אַ טרייסט־וואָרט,
נאָר כ׳ווייס נישט דורך ווועמען און ווי.

# אַ דיאַלאָג

קאָפּ אַראָפּ אין גראָזן
ביסטו שטום געלעגן,
האָט דיך ווער פאַרלאָזן?
— דאָס איז ניט צום פרעגן.

כ'זע ביסט אויפגעשטאַנען,
זוכסט דעם שפּור פון וועגן,
שטאַמסטו ניט פון דאַנען?
— דאָס איז ניט צום פרעגן.

נעמסטו פלוצלינג יאָגן
דורך זאַווייַ און רעגן,
האָט דיך ווער געשלאָגן?
— דאָס איז ניט צום פרעגן.

ווונד אויף דיר פון לאָמען
און פון העק און זעגן,
לויפסטו פון פּאָגראָמען?
— דאָס איז ניט צום פרעגן.

פלאַקערדיק אין פייער
קומט דיר ווער אַנטקעגן, —
איז דאָס דיין באַפרייער?
— דאָס איז ניט צום פרעגן.

# התלהבותדיק, מיט העכסטן ברען

אַ חבר־דיכטער האָט גערעדט צו מיר אַזוי צו זאָגן:
מיר זאָלן אַלע אָנשרייבן דאָס לעצטע ליד.
דאָס ליד אַרייננטאָן אין אַן אָרון און עס טראָגן
דורך גאַסן וווּ עס וווינט דער אַמעריקאַנער ייִד.

מיר וועלן איינהילן דאָס ליד אין בלויע טיכער,
און אפשר גאָר עס איינוויקלען אין פּראָסטן ווייס,
אין בלעטער־ווייס פון אַלע דיכטערס ביכער,
וואָס ליגן אין די קעלערן — אַ שפּייז פאַר מייז.

און אויך אין בלעטער־רויט פון אָפּגעראַמטע דיכטער,
וואָס וואַלגערן זיך אין תּפיסות, צי ביים צפון־ים,
צי אפשר שוין געטויטע צו דער גלאָריע פון פאַרניכטער,
צו נוץ פון יעדן קין וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ תּם.

און ווער עס האָט נאָר ווען אַ שורה־ליד געשריבן
וועט אונטערהייבן דעם פאַרדעקטן אָרון מיט זיין האַנט,
דערנאָך, דורך גאַסן פאַר פּראָצעסיעס צוגעקליבן,
מיט שטאָלצקייט לאָזן זיך צום ענדע־ברעג פון לאַנד.

פּאָרויס וועט גיין דער ייִנגסטער, אין זיין האַנט זיין פּעדער,
מיט פייערלעכקייט וועט ער זי צעשמעטערן אויף שטיק,
אַ שליידער צום אַספאַלט, און גלייך נאָך אים אַיעדער, —
אַזאַ־אָ מאַרש פון איסט־בראָדוויי צו ברוקלין בריק.

פון בריק — צו בראָנזוויל, און צו פלעטבוש, און צו בראַיטן,
צו קוני־איילענד, און צו סי־גייט — צום אַטלאַנטיק־ים,
און אין די ווייסע כוואַליעס, העט צו אַלע ווייטן,
אַריינוואַרפן אין שטורעם־ווירבל אונדזער לעצטן גראַם.

מיר וועלן אַלע שטיין דערנאָך ביים ברעג אַטלאַנטיק,
און קוקן ווי די כוואַליעס טורעמען אין שוים,
אין צאָרן, צי אין ליוב, וואָס דיכטער האָבן אייגנהאַנטיק
אַוועקגעשענקט דעם תהום דאָס פלאַטערניש פון זייער טרוים.

און נאָכדעם? — נאָכדעם וועלן מיר, צום טרוים געטרייע,
צעשיידן זיך און אויסזוכן אַ ברוך־שפּיץ פון אַ פען,
און אָנשרייבן אַ נייַ געזאַנג — אַ קינה־ליד אויף דער לויה
און אָנשרייבן דאָס ליד התלהבותדיק, מיט העכסטן ברען!

# ביסט טאַקע איינגעשלאָפן, מאני לייב

דיין טויט באַוויין איך אויף דער דינער פּליט פון דיינע לידער,
און מיט דער שיינקייט זייערער פאַרשטיל איך דאָס געוויין,
אין אונדזער לעצטקייט זיינען מיר געווען ווי נאָנטע ברידער,
וואָס האָבן אונדזער ליד פאַרשוואָרן ניט צו אונטערגיין.

פאַרשוואָרן — אין די אומקום־טעג פון גאַזיקן פאַרניכטער;
פאַרשוואָרן, ווען די לעסטערער פון פרייהייט און פון סאָציאַליסט
פאַרוואַנדלען אין אַ פּחדן, אין אַ הויף־חונף דעם דיכטער,
און וואַרפן אונדזער לשון אויף באַגרעבעניש אין טורמע־מיסט.

פאַרשוואָרן — ווען דער חונף ווערט אַ שאינו־יודע־לשאול
און גייט זיך פּרום אַ טענצל אַרום קולבאַקס שטייג,
און אָט־אָ שלעפּט ער שוין מיט פּאָמפּ דעם פירערס דישל,
און קייט אַ לעקעכל, און מאַכט אויף אַלץ אַ שווייג.

כ׳דערמאָן עס איצט, ווען כ׳זע דיך ליגן אינעם אָרון,
ווייל דו ביסט עס געווען דער אויפגעפיבערטער פּאָעט,
וואָס האָט, אין רגעס פון אַנטפּלעקטן שיינקייט־צאָרן,
בלחש, וועגן אָנשרייבן דאָס לעצטע ליד, צו מיר גערעדט.

מיר זאָלן אָנטאָן אונדזער יידיש ליד אין הייליקער באַקליידונג,
צו אַכפּערן עס און צו הייבן עס אַריבער אַלע קעפּ,
אַז אונדזער האַרץ, אין גורלדיקער שעה פון אַל־צעשיידונג,
זאָל אויסקלאַפּן אין ערלעכן געוויסן זיינע לעצטע קלעפּ.

איצט קוק איך ווי דו ליגסט אַן אויסגעצויגענער אין אָרון,
און ס׳ווייט אַ רואיקייט פון דיר אַזוי ווי פון אַ יום־טוב־שלאָף, —
גייט העלער אויף דאָס ליד, וואָס האָט אונדז אַלעמען פאַרשוואָרן
צו זען אין לעצטקייט אונדזערער אַ זעאונג פון אין־סוף.

און מער נאָך, — ס׳נעמט מיך דורך אַן אויסטערלישער רעיון:
אַז ווייל היינט און אַז ווייל היינט יעדן יידישן פּאָעט
וואָס קומט ניט אום ווי הבל דורך זיין ב ר ו ד ע ר ק י ן ,
נאָר מאַכט צו זיינע אויגן אויף אַ פרייַ און היימיש בעט.

אַ לויב דער פרייהייט, ווו דו האָסט דיין לעצטן ליד געשריבן.
אָט גיט דיין ליד, נאָך אַלע אויסגעליטנקייטן, זיך אַ הייב
צום ערשטלינג דיינעם וועגן ווייסע שלייערס זיבן,
און זע — און זע — ביסט טאַקע איינגעשלאָפן, מאַני לייב.

ה. לייוויק

# עלעגיע

אין טרויער צעשיידן זיך יידישע פּאָעטן,
אפילו צו זעגענען זיך מיידן זיי אויס,
ווי פייגל פאַרכאַפּטע אין סוף־זומער שפּעטן,
וואָס לאָזן פון נאַקעטן נעסט זיך אַרויס.

אויף ימיקע כוואַליעס ווערט איינער פאַרשלונגען,
אַ צווייטער פאַרשטיינערט אין מדבר זיין קול,
אַ דריטער, אין ריס פון צעעפנטע לונגען,
דערזעט זיך אין ווייס אויף אַ בעט אין שפּיטאָל.

אַ פערטער צום טויט־שטייג פון טורמע לוביאַנקע,
דערשלעפּט קוים די קולבאקיש־נסתרשע פיס,
אַ פינפטער דערביי אין אַ ליד־באַלאַגאַנקע
מעקאבעריש טאַנצט, און אַן עולם שרייט: ביס!

אַ זעקסטער, בסוד פון זיין חבר און שכן,
גורט אָן זיינע לענדן צו ברענגען דעם קץ,
און פלוצלינג דערזעט ער ווי ער איז פאַרקראָכן
אין וואַלד צווישן קניער צום שטיין פון אַ געץ.

אַ זיבעטער לאָזט זיך, מיט זעקל און שטעקן,
צו דורכגיין די אַל־וועלט מיט וואַנדער־געזאַנג,
ער קומט צו אַ דורכקרייץ צו אַלע פיר עקן
און רוט אויפן שיידוועג אין מיט פון זיין גאַנג.

ער פּראַוועט אין עלנד זיין אָרעמע סעודה,
ווען אָוונט פּאַלט צו מיט פּאַרטאַיעטער רו,
און נאָכדעם זיין מויל נויגט ער צו צו זיין דודע
און ניגונט, ביז וואַנען זיין ברעם מאַכט זיך צו.

זיין דודע פון מויל פּאַלט אַרויס. ער בלייבט ליגן
מיט אויגן אַרויף, און ער זעט דורכן שלאָף
ווי ס׳וואָגלט אַרום זיין צעפּייניקטער ניגון
און זוכט פאַר זיך ווערטער צווישן אלף און תּאָוו.

פון אַלע פיר זייטן צעפלאַמט זיך דער הימל
און אותיות פאַלן ווי שטערן אַראָפּ,
און פייגל און פליגל און גרעזל און בלימל
צעשטעלן אויף זיי זייער נאַכטיקן טראָפּ.

ער עפנט די אויגן צוריק אַ פאַרגאַפטער,
ער האָט פאַר זיין ניגון אַנטפּלעקט שוין דאָס וואָרט.
זיין זעקל, פאַרקנופּט, אויף דער פּלייצע פאַרוואָרפט ער
און — בלייבט ווידער שטיין אינעם רינג פון זיין אָרט.

ער הייבט אויף זיין קול צו דער הויך פון דער נידער:
— קומט, ברידער, צענויף זיך פון וועלטס נע־ונד!
אומזיסט איז זיין רוף צו ניט־דאַיקע ברידער,
קיין אָפּהילך פון זיי און קיין שפּור פון אַ סליאַד.

צעשפרייט האָבן זיך אַלע יידישע דיכטער
אויף זיבעצן ערדן, אויף הונדערט מאָל צער,
פון אומעטום גרייכט זיי די האַנט פון פאַרניכטער
און וואַרפט זייער צונג אין די נעגל פון גזר.

צי קאָנען פּאָעטן ניט לעבן אָן צינגער? —
דאָס פרעג זיך אַליין און גיב ענטפער אַליין:
פאַראַן אַזאַ שעה ווען איין בראָך מיט די פינגער
נעמט דורך מיט געזאַנג אַלע טורמעס פון שטיין.

פאַראַן אַזאַ שעה פון אַ העלער באַקליידונג
אויף נאַקעטער ערד ווען די מאָרגנזון שטראַלט;
אַזאַ איז די טרייסטונג אין דור פון צעשיידונג,
אַזאַ איז מיין משל פאַר יונג און פאַר אַלט.

## ווען דו ריִרסט אָן די ערד

ווען דו ריִרסט אָן די ערד מיטן רידל
פֿאַרן ברודער אַ קבֿר צו גראָבן —
הערסטו דאָ דאָס געוויין פֿון אַ פֿידל,
הערסטו דאָרט אַ געקראַקער פֿון ראָבן.

ווען ס׳נעמט אויפֿגיין דער קבֿרשער היגל
אַ צעוואַקסענער איבערן אָרון —
גיבן ראָבן אַ שמיץ מיט די פֿליגל
אין געשריי פֿון צעפֿינצטערטן צאָרן.

אַלע ווייסן פֿון וואַנען זיי קומען
מיט נעגל אויף נאַכט און אויף לויער;
אַלע ווייסן פֿאַרוואָס עס נעמט שטומען
פֿון די פֿידלשע סטרונעס דער טרויער.

אַלע ווייסן און שטייען געבויגן
ביים קבֿר סוף טאָג, און דאָס וויסן
קלאָגט אַרונטער פֿון צערפֿולע אויגן
אין דער פֿאַרכטיקער טיף פֿון געוויסן.

שטאַרבט די זון אין די קרום־שאַרפֿע נעגל,
איז אַ נס וואָס באַצייטנס מיר האָבן
אויף אַ זייטיק בית־עולמשן שטעגל
אונדזער ברודער פֿאַרהיט פֿון די ראָבן.

# צער־ברידער

מאַרקיש און בערגעלסאָן — צער־ברידער מײַנע,
װו איז דער חושך װאָס האָט אײַך פֿאַרשלונגען?
טורמע? סיביר? צי אַ שטײג אין אוקראַינע? —
שכר פֿאַר די אָדעס װאָס איר האָט געזונגען.

נסתרס „משפּחה‟ און „הײם־פֿרײד‟ פֿון פֿעפֿער,
מאַרקישעס „זיג־ליד‟ און בערגעלסאָנס „פּענעק‟,
װאָס איז דער דאַנק פֿאַר אנוסימשע שעפֿער —
סקילה, צי שׂרפֿה, צי הרג, צי חנק?

װער קאָן צו אײַך מיט אַ טרײסט־װאָרט הײַנט קומען?
פֿרײַנד פֿון אַמאָל האָט איר איבערגעקליגלט, —
אײַערע ה ײ נ ט י ק ע װיסט־מױליק שטומען,
זײ האָבן שױן אײַער אומקום פֿאַרזיגלט.

יעדער פֿון זײ — אַ געװועזט־אײַך־געטרײער —
אונטער די נעגל אײַך נאָר־װאָס געקראָכן,
בראָט הײַנט קאַרטאָפֿליעס אין אײַער בראַנד־פֿײַער,
קופּערט זײַן שטערן אױף אײַערע בראָכן.

שטיף־ברידער זײַנען מיר, אָבער דאָך ברידער, —
װײ, װען מיר דאַרפֿן אין צער נאָר באַגײען
נאָנטשאַפֿט, און הערן אין פּײַן פֿון ירידה
װידער און װידער די מעשׂה פֿון קין.

# ייִדיש

מיין וויג שטייט לעבן מינסק, אין איהומען,
מיינע קייטן ליגן אין סיביר, ווו, אין אַרכיוו,
דאָס ליד, וואָס איך האָב אין ניו־יאָרק פאַרנומען,
קרייזט אַרום בוענאָס־איירעס, מאָסקווע, תל־אביב.

דאָס ליד פון ניו־יאָרק, דורך ווילנע, וואַרשע,
אַקערט־אויף ניי־לעבן אויך אין תל־אביב.
איבער אַלע אוצרות, וואָס כ׳האָב געירשנט,
גייען אויף די שורות פון מיין מאַמעס אַ בריוו.

מיין מאַמעס ייִדיש מיט נונען גרעסטע. —
מיט בלוט איז פאַרפלייצט נאָך, מאַמע, דיין כתב.
פאַראַן אויך אַ ברודער, פאַראַן אויך אַ שוועסטער,
וואָס נעמען דיך אויף מיט אַ „ניעט״, מיט אַ לאַוו.

דעריבער לייטער איך מיט מער נאָך אייפער
אין ליבשאַפט דיך, מיין העלער זשאַרגאָן.
איך זע ווי עס עפנט זיך אַ יחוס־ספר
און פלאַטערט איבער דיר ווי אַ ווייסע פאָן.

אין ליכט פון ספר ווערט הייס ווי פייער,
דיין קלענסט געזאַנג, דיין מינדסטער אות. —
הוי־ווי צו די וואָס האַלטן דיך ניט טייער,
צו די וואָס וואַרפן דיך הינטער אַ טורמע־שלאָס.

# מיינע שיפן

ניט אונטערגעגאַנגען זיינען מיינע שיפן,
נאָר ווייגטן האָבן זיי פאַריאָגט צו ווייט
צו ערטער אויפן ים, וווּ דורך געהיימע טיפן
סכנה־שטורעמס כוואַליען זיך פון יעדער זייט.

וואָלט שטורעם ניט געהאַט אין זיך קיין שרעק פון חידוש
פאַר שווימענדיקע שיפן אויף אַ ים,
ווען זייער פאָן וואָלט ניט געהאַט דעם נאָמען ייִדיש,
און די עמבלעמע אויף דער פאָן — אַ ווייסע לאַם.

געקאָנט וואָלט איך אפילו מיט אַ טיגער,
צי מיט אַ לייב באַצייכענען די פאָן,
און אַלע זאָלן מיינען, אַז סע שווימט אַ קריגער,
אַן אַלטער קריגערמאַן פון אייביק אָן.

איז ברענט גראָד ניט אין מיר קיין בלוט פון קריגער,
ווי נאָר פון איינעם וואָס איז דורכגעברענט מיט גזר,
און ס׳לאָקט מיך ניט דער יובל פון אַ זיגער
אפילו דעמאָלט ווען איך שווים אַדורך געפאַר.

אַ לץ קאָן זאָגן, אַז פון גאָלע שפּענדלעך
איז יעדע שיף מײַנע צונויפגעשטעלט,
און מײַנע פאָנען — נאָר פּאַפּירן־פענדלעך
מיט טרוים־געמעלן פון אַ ניטגעדאַכטער וועלט.

דער לץ זאָל זאָגן, וואָס אים גלוסט זיך זאָגן, —
עס ענדערט ניט קיין זאַך ניט חכם און ניט נאַר,
דער שטורעם הערט מיך סײַ־ווי־סײַ ניט אויף צו טראָגן
ווי איינעם, וואָס זײַן האַרץ איז דורכגעברענט מיט גזר.

ה. לייוויק

# דאָן קיכאָט

(געווידמעט דעם יידישן פּאָעט)

## I

איך לייען אויפסניי „דאָן קיכאָט“,
די מעשה פון נעבעכשן ריטער —
דער ריטער אויף חוזק און שפּאָט,
פון יושר־שלימאַזל דער היטער.

ער רייט, אין זיין וואַזשנעם מהות,
דורך וועגן, דורךווילד־אומבאַקאַנטע,
און רופט אָן זיין מאָגערן סוס
ניט אַנדערש ווי נאָר ראָסינאַנטע.

ער הוידעט זיך שטאָלץ אויף זיין סוס
אין טרוים פון אַן אַל־וועלט בעל־דעה,
און הימלט אַ גרוס נאָך אַ גרוס
דער מויד וואָס ער רופט דולציניע.

ער טוט זיך אַ בראָך אין געהויד,
אין קלעם פון זיין לעפּישן קיווער,
לויכט־אויף אין געזאַנג צו דער מויד, —
שוין איין מאָל אַ פרוי — ניט אַבי־ווער!

אַ ליכטיקע פרוי וואָס וואַשט גרעט
און רייניקט אויך שטאַלן מסתמא, —
פאַר אים איז זי — ליד פון פּאָעט,
פאַר אים איז זי — הימלשע דאַמע.

ער גייט פון געפּעכט צו געפּעכט
מיט ווינטמילן, — גייט אַ צעפּלאָמטער,
און קרעכצט אַפֿ דערנאָך גאַנצע נעכט
אַ שטענדיק־צעקלאַפּטער, צעדמטער.

זיין פּאַנטשאָ, וואָס שפּאַסט פון זיין האַר
און שלעפּט זיין כלי־זינ׳שע טאָרבע,
זעט אויס אין זיין טרוים ווי אַ גבר
וואָס טראָגט פאַר אים קראַנצן פון לאָרבער.

ער טענהט אין פּאַנטשאָן אריין
געפּליגלטע רייד פון גערשאַנגל,
ווען יענער, אין ניכטערער פּיין,
זעט דורכפאַל נאָר, הונגער און מאַנגל.

דער ריטער צעפּאָכעוועט שטאָלץ
זיין שפּיז איבער אַלע פיר עקן,
און פּאַנטשאָ זעט נאָר אַ שטיק האָלץ
אין שפּיז — אַ צעלאָמעטן שטעקן.

און זאָגט ער עס ווען צו זיין האַר
צעלאָזט זיך נאָך מער דער בעל־חלום,
אַז דער וואָס גייט בראָוו אין געפאַר
האָט אייגענע וועגן און כללים.

און זאָל ער פֿון טויזנט מאָס רייד
איין וואָרט ד ו ל צ י נ יי ע  נאָר זאָגן,
וועט גלייך אים אָן אָדלערשע פֿרייד
צום ליכטיקסטן שטערן דערטראָגן.

עס רייט דאָן קיכאָט אויף זיין סוס,
און פּאַנטשאָ גייט נאָך אים אַהינטער, —
ער קלאָגט אויף זיין ריטערמאַנס שטות,
און עפּעס דערווייל דאָך פֿאַרדינט ער.

דער ריטער זעט גאָלדענעם טוי,
און רייט גלייך אַריין אין אַ וואָלקן...
ווען ערגעץ די ליכטיקע פֿרוי
אין שטאַל האָט די קו אויסגעמאָלקן.

און דאָ — דאָן קיכאָט רייט דערווייל
אַרויס פֿונעם וואָלקן געדיכטן,
און טראָגט, אויף סוף־טאָגיקער מייל,
אַ האַרץ פֿול מיט וווּנדער־געשיכטן.

עס ברענט אויף זיין פּנים אַ ווונד,
נאָר ער, אין געשטייגער פֿון ווייען,
באַנייט פֿאַר די שטערן זיין בונד
מיט דער וואָס ער רופֿט דולציניי.

אַ שטאָל איז — אַ שלאָס אין פֿאַרטאָג,
אַ הייל איז — אַ טיר צום גן־עדן:
— גיי, פֿאַנטשאָ, מיין מלאך, און טראָג
צו מענטשן מיין בשורה פֿון פריידן.

מיין בשורה אַז ס׳קומט־אויף די שעה
ווען פֿול ווערט די וועלט מיט מיין דעה, —
אַז ווו נאָר דו קערסט זיך איז דאָ
די שיינקייט פֿון מיין דולציניייע.

II

# איך באַרג אַ סאָנעט

איך באָרג אַ סאָנעט הײַנט בײַ מיגעל סערוואַנטעס,
בײַם גרויסן מחבר פון שלים־דאָן קיכאָט —
דעם ווינטמילן־קעמפער אויף חוזקס באַראַט,
וואָס רײַט ווי אַ העלד אויף זײַן פערד ראָסינאַנטע,
און טראַכט־אויס, פאַרשלונגען אין טרוימען געשפּאַנטע,
אַ דאַמע פאַר זיך, צי פון דאָרף צי פון שטאָט,
און מאַכט פון איר, שיעור־ניט, אַ מענטשישן גאָט,
און זינגט צו איר נאָמען מיט ווערטער צעפלאַמטע.

איך באָרג אַ סאָנעט, ווײַל מײַן אײגענער אוצר
פון וואָרט איז הײַנט צו, און מײַן ליד איז הײַנט מיד.
איך שלעפּ מיך קוים־קוים פון גערעדעל־יריד,
אפילו קײן פּאַנטשאָ ניטאָ פאַר אַן עצה.
און ווינטמילן שטײען — פון האָלץ צי פון ציגל —
און דרײען, און דרײען די ווינטיקע פליגל.

## III

# האַלב וואַך און האַלב חלום

האַלב וואַך און האַלב חלום אין נאַכט־שעה׳ן שפּעט
דערזע איך צוקאָפּנס מיר שטיין דאָן קיכאָטן.
אַ הויכער, אַן איבערגעוואַקסענער שאָטן,
אָט נעמט ער און נויגט זיך אַריבער מיין בעט
און זאָגט אָפּ מיט פּאַטאָס אַ פולן סאָנעט,
אַ ליד וועגן גיין אין געפּעכט מיטן שטן
און וועגן דערפּילן ס׳געבאָט פון געבאָטן,
די ליבשאַפט די ריינע — געבאָט פון פּאָעט.

ער זאָגט אָפּ און גיט מיטאַמאָל זיך אַ וואַקל,
אַ שמייכל אַ קרומער צעפּיבערט זיין מויל,
דערנאָך מיט אַן איבערגעוועלטיקטן גרויל
ער רוימט מיר אין אויער אַ סוד איין: ס ד ־ ה כ ל.
און גיט זיך אַ כאַפּ גלייך מיט שטאָלצקייט געניטער,
און שטייט — אַ פאַרמשפּטער אייביקער ריטער.

IV

# די גרעסטע גבורה

די גרעסטע גבורה און דעם גרעסטן צאָרן
באַוועלטיקט דאָן קיכאָטן אין דער טיף פֿון נאַכט,
ווען ס׳נעמט אים דאַכטן אַז אַ שונאס מאַכט,
דורך כּישוף, ברענגט צונויף אין גלייכן פֿאָרן
געשטאַלטן ענלעכע אין אויסזען און אין יאָרן
געראָטענע אין אים — אין שטרענגן ריטער־טראַכט
געפּאַנצערטע; זיי רייטן צו איין ערן־שלאַכט
מיט זעלביקן געקלימפּ פֿון שפּיז און שפּאָרן.

זיין צאָרן שטייגט נאָך מערער ווי זיין גבורה,
ער יאָגט, ער גאַלאָפּירט, ער וואַרפֿט זיין שפּיז
און מיינט געוויס אַז ער באַזיגט אַ ריז,
און מיטאַמאָל דערזעט ער ז י ך אין קעגנערס צורה.
אַ גרויס צעלאַכעניש ברעכט אויס אויף העכסטע נאָטן:
עס פֿירט מלחמה דאָן קיכאָט מיט — דאָן קיכאָטן.

# אַמאָל איז געווען

פֿון ווייטן אַמאָל אַנטפּלעקן זיך אויגן,
איך זע זיי ווי היינט, ווי היינט.
אויב יאָרן דערווייל זײַנען פֿאַרבײַגעפֿלויגן —
ניט טרויער וועגן זיי, מײַן פֿרײַנד.

אַמאָל איז געווען אַן עפּל־גאָרטן,
אַ היגל, אַ ביידל, אַ באַנק, —
ווער ווייס ווער עס דרייט זיך אַרום היינט דאָרטן?
איך פֿרעג עס אין שפּיל פֿון געדאַנק.

אַמאָל איז געווען אַ באַנײַטע לבנה, —
פֿאַראַן אַ לבנה אויך היינט;
איך זאָג עס אָן מינדסטער פֿאַרשטעלטער כּוונה,
נאָר ווײַל זי איז דאָ, און זי שײַנט.

אַ ווײַס אויפֿגעגאַנגענער לויטערער עיגול,
ווי דעמאָלט בײַם וואַלדיקן ראַנד, —
באַרירט האָט ער דעמאָלט דעם טויאיקן היגל,
אַזוי ווי מיט גלעט פֿון אַ האַנט.

באַרירט ער מסתּמא דעם זעלביקן היגל
אויך היינט. — נעם און שרײַב מיט דער פֿען:
אַמאָל איז געווען — — און פֿאַרקוק זיך אין שפּיגל
און זע עפּעס מער וואָס געווען.

# דער קאַפּיטאַן

דער ים — צעשטורעמט איבער אַלע ברעגן,
ער שלעפּט צום גרונט אַ זינקענדיקע שיף.
ביים רודער שטייט, מיט שטאָלץ דעם טויט אַנטקעגן,
דער טרייער קאַפּיטאַן און — שרייבט אַ בריוו.

ער שרייבט אודאי ניט מיט טינט און פּעדער,
נאָר אין מחשבה — מיט געגראַמטן וואָרט:
„— איך טו מיין חוב ווי ס'וואָלט געטאָן אַ יעדער
ווען ער וואָלט דאָ געשטאַנען אויף מיין אָרט.

מיין ווייב, מיין קינד און מיינע פריינד איר אַלע,
אָט נאָך אַ רגע און איך זינק אַראָפּ, —
זייט וויסן אַז ערשט איצט ווערט מיר נתגלה
די שיינקייט ווי צו האַלטן הויך דעם קאָפּ.

די כוואַליעס ווילדעווען דורך אַלע לעכער,
די מאַסטן און די זעגלען ברעכן איין.
וואָס מער דאָס וואַסער קומט צום האַלדז, אַלץ העכער
נעמט הייבן זיך מיין קאָפּ צום מאָרגנשיין.

ווייל ניט בייגאַכט געשעעט עס, נאָר באַגינען,
און דאָס איז זעלטן וווּנדערלעך ביז גאָר
אַז ניט אין פינצטערניש זאָל איך געפינען
מיין טויט, נאָר אינעם אויפשיין פון קאַיאָר.

און דאָס צעפּליגלט מײַנע דמיון־װערטער,
װען ס׳װאַסער מײַנע ליפּן גרייפט שוין אָן,
צו גלויבן אַז איך קום אום אַ דערהערטער,
און כ׳קאָן נאָך איין מאָל זען דעם האָריזאָן.

און אַז דאָס װאַסער גרייכט שוין מײַנע אויגן,
איז אַלץ נאָך אין אַ שװאַרצאַפּל פאַראַן
דער זיבן־פאַרבן־בלענד פון רעגנבויגן —
מײַן בונד־צייכן מיט אײַך. —
דער קאַפּיטאַן".

ה. לייוויק

# שטרעק אויס דיין ריין־ווייסע האַנט

שטרעק אויס דיין ריין־ווייסע האַנט,
גיב נאָכאַמאָל אַ צייכן,
אַז מיר זאָלן דאָס צוגעזאָגטע לאַנד,
נאָך שטרויכלונגען, פאָרט דערגרייכן.

די באַרג־וועגן פאַלן איין,
עס קרישלען זיך די שפּיציקע ראַנדן,
מיר קאָנען אין לאַנד ניט אַריין
דורך תהומיקע ווידעראַנאַנדן.

מיר האָפן, מיר וואַרטן אויפסניי
אויף דעם תמימותדיקן ג אָ ט ־ צ ו ־ ד אַ נ ק ע ר,
ער זאָל אונדז פירן אָן אַ זייט, פאַרביי
דעם פאַרריסענעם באָמבער און טאַנקער.

געגנוג מיט דער בייטש — מיט איר קנאַק
אין דער בלוטיקער נסיעה,
גענוג מיט דער גולמשער האַק,
מיט דער פעטליע פון תליה.

ווו ביסטו, דערלייזער־אָרעמאַן —
מיין חלום פון קינדישע צייטן?
קום ווידער מיט דיין הייליקן שפּאַן
אויף דיין שטילינקן אייזל צו רייטן.

# איביק לעבן

(איז אַנדענק פון פאַניען)

בלאַסער, קוים־געאָטעמער שמייכל אויף די ליפּן,
אין די אויגן צאַפּלט זיך פאַרגעבונג און געבעט,
ווערטער לאָזן־נאָך, זיי מוזן זיך שוין מער ניט קניפּן, —
אייביק לעבן דרעמלט אויפן קראַנקן בעט.

דרעמלט, דרעמלט, שעהן און מעת־לעתן,
מאַרגנליכט ווי אָוונטליכט אין דעמער־ווייכקייט בלויט,
הייליק יעדער טרונק און יעדער ביסן עסן
וואָס צעגייט זיך אין די אייביקייטן אונטער הויט.

אַז עס הייבט זיך אויף אַ האַנט — איז ווי אַ פליגל
וואָלט אַ בלענד געטאָן מיט בשורהדיקן גליק,
ווייסקייט בלייבט צעפלאַטערט ווי אַ זון־שטראַל אויף אַ שפּיגל,
ווען די האַנט ווערט מיד און פאַלט אַוועק צוריק.

וואָס איז דען אַ האַנט, וואָס ווערט אַלץ גרינגער?
נעם די האַנט אַריין אין דיינער, צערטל זי און גלעט;
טו אַריין מנוחה אין די נאָכגעלאָזטע פינגער,
בענטש זיי און באַשיק זיי אויפן ווייסן בעט.

15טער פעברואַר, 1953

# אין דעם טאָג

אין דעם טאָג ווען דו וועסט ווערן באַגערט
וועלן זיך אויפזאַמלען אַלע דיינע ברידער,
זיי וועלן קומען פון גאָר דער ערד
מיט נייע, ערשט־געבוירענע לידער.

זיי וועלן אַרומרינגלען דיין הויז
אין אַ דערוואַרטונג־קייט זיך שליסן —
אַז דו זאָלסט מיט פרייד צו זיי אַרויס
און זיי אויפנעמען און זיי באַגריסן.

און אַז עפּעס אַנדערש וועט געשען
וועלן זיי אַליין דיינע טירן צעפּראַלן,
און אַלץ וואָס זיי וועלן דערזען
וועט זיין לויטער ליכט, לויטער שטראַלן.

איבער די דילן וועט זייער גאַנג
אינאיינעם מיט די ווענט זיך צעוויגן;
אַלץ וואָס זיי וועלן הערן וועט זיין — געזאַנג,
קיינע ווערטער, נאָר ניגון, כולו־ניגון.

דערנאָך וועלן זיי אַלע דערזען
אַ נייעם רמז פון לייב און פון זאַכן,
וועט געשען, עס וועט מוזן געשען:
דו, באַגערטער, אויפסניי וועסט דערוואַכן.

# גאָט איז רו

גאָט איז רו ווען מענטש איז אומרו,
זוכסטו רו — באַגערסטו גאָט;
אויף די וועגן פון דיין אומרו
בענטש דעם אָפּגאַנג פון דיין טראָט.

אַלע גורלדיקע קנופּן
בינד פונאַנדער און צעקניפּ,
אַלע ווערטער ווילן שטילקייט —
איינצושלאָפן אויף דיין ליפּ.

טראָג די שטילקייט זיי אַנטקעגן,
זייער לעצטן צוק פאַרנעם,
ווען דיין ליפּ גיט ווייך אַ שמייכל
צו דער שטרענגקייט פון אַ ברעם.

קוים דער שמייכל ברעכט זיך איבער
צווישן דוכטעניש און וואָר, —
דעמאָלט זעסטו גאָט אין פּנים
דורך דיין ברעמס אַ דינסטער האָר.

דעמאָלט זעסטו: גאָט באַרירט דיך,
זאַלבט דיין קישן־קעניגרייך
מיט צען פינגער — צען ווי דיינע
אויסגעשטרעקטע דין און גלייך.

# אין נוסח פון קלעם איז אַלץ שטערבלעך

איך קום אָן צו דײַנע היכלות,
צעעפן זיי, לאָז מיך אַרײַן.
איך קום אָן מיט נאַכט פולע פּאַלעס
דײַן מאָרגנליכט זוכה צו זײַן.

צעעפן די זײַליקע טירן —
דעם טויער דעם ערשטן דערוויל;
צו היכלשער טיף וועט מיך פירן
דײַן פּרוזדור — אַ זייל נאָך אַ זייל.

די טריט מײַנע מידע באַפליגל,
מײַן האַרץ מײַן צעקלאַפּטן גורט־אָן,
אין שוווּנג, ווי אַ אינד איבער היגל,
באַשער מיר נאָך איין פּלי צו טאָן.

אוודאי פון דײַן כבוד וועגן,
און אפשר פון מײַן כבוד אויך,
אַז ווער ס׳איז אין נידער געלעגן
זאָל געבן אַ פּלי צו דער הויך.

באַגראָז און באַזאַנג אַלע שטיינער,
ווייל יעדער פון זיי וואַרט דערויף,
ווי ס׳וואַרטן צעטריקנטע ביינער
צו ווערן אויפסניי פרישער גוף.

אין נוסח פון קלעם איז אַלץ שטערבלעך,
באַפריי מיך פון שטערבלעכן קלעם,
פון אונטער די ערדענע שערבלעך
כ׳זאָל קוקן צו דיר דורך אַ ברעם.

# די טיפע כוונה

מיט יאָרן און יאָרן און יאָרן צוריק,
ווען דו ביסט געווען נאָך אויף יענער זייט לעבן,
שוין דאַן האָט אויף דיר דעם באַשעפערס אַ בליק
געקוקט, און געשטאַלטן אַ שלל דיר געגעבן.

זיי האָבן זיך אַלע געקרייזט אַרום דיר,
ביז וואַנען, אין לויף, זיך צוזאַמענגעטראָפן,
און ס'האָט זיך דער אימפעט פון זייער באַריר
צעבליצט אין צוויי אויגן צו זיין וואַכיק אָפן.

און דאָס איז געווען אויף דער ערד דיין באַרוף —
די טיפע כוונה ביים ווערן געבאָרן:
אויף שלל פון געשטאַלטן צו אָנטאָן אַ גוף
און דורכברענען זיי מיט דעם פלאַקער פון יאָרן.

צי יאָרן מיינט יונג זיין, צי עלטער פון אַלט —
זיי שליסן צוזאַמען אַ גורלשן עיגול,
ביז וואַנען דו ווערסט אַן אחדיק געשטאַלט
געלייטערט אין פייער פון גופישן טיגל.

# אין דער הייליקער פליכט

דעם יאָך פון פאַרדראָסן פון זיך וואַרף אַראָפּ,
און מער נאָך — טו אָפּ פון זיך צאָרן,
ווען זילבערנע פּאָסן באַקרוינען דיין קאָפּ
מיט צייטיקער זאַלבונג פון יאָרן.

איך הער אַמאָל שאָרכן אַהינטער מיין טיר,
ווען צו איז די טיר אויף אַ ריגל,
מיין צימער, נאָך איידער איך גיב זיך אַ ריר,
ווערט פול מיט צעפלאַטערטע פליגל.

די פליגל — געשוועב פון דיין העל־ווייסן קלייד,
ווען יעטוועדער פאַלד ברענגט אַ בשורה;
פאַרגאַפט פון אַן אומגעריכט־שלאָגיקער פרייד
אין קישן מיין קאָפּ איך פאַרבורע.

אין תהום פון פאַרזונקענקייט שפיר איך נאָך מער
דיין קול אין זיין קלאַנגיקער דינקייט,
מיין טונקעלע שעה, ביים אַראָפּזינקען שווער,
גייט אויף אין צעשטראַליקטער גרינגקייט.

איך גיב זיך אַ ריס צו דער גרינגקייט פון ליכט
דורך שוואַרץ־ווענט וואָס ווערן אַלץ ענגער,
כ׳טו ווידער זיך אָן אין דער הייליקער פליכט
צו ז יי ן. — נאָך אַ טאָג, אפשר לענגער.

# איך הער אַ קול

איך הער אַ קול וואָס זאָגט:
— ניט אַנדערש נאָר, ער שטאַרבט. — — —
און אַז ער זאָגט — באַדאַרף ער זאָגן.
דערביי גייט אָפּ די נאַכט און ס׳טאָגט.
און אַז עס טאָגט — באַדאַרף עס טאָגן.

דערווײַלע זע איך ווי מיין האַנט
ווערט ליכטיק העל צעקארבט,
און ווי אַנטקעגן מיר די וואַנט
ווערט זוניק ראָז באַפאַרבט.

דערמאָן איך זיך, אַז זינט ס׳האָט גאָט
די וועלט פאַרפעסטיקט אין יסוד,
באַגלייט דעם מענטש גאָטס אייביקער געבאָט:
— דיין שליחות ניט פאַרדאַרב,
ערשט שטאַרבנדיק פאַרשנייד מיט מיר דיין בונד
און — אַרב.

# אויפשטורעם פון וועלטן

פאַרוואָס האָט אַזוי ווילד געשוימט דער אָקעאַן?
פאַרוואָס האָט ער געשטורעמט זיינע ברעגן? —
אינגאַנצן אָפּגעשליידערט אויף אַ קליינעם שפּאַן
אַ מויערקעפּל אויפן זאַמדברעג איז געלעגן.

אין מויערקעפּל, אין דער טיפער טיפעניש,
אַהינטער ציינערדיקע ווייסע קאַרבן,
האָט אַ צונויפגעדרייטע סוד־באַשעפעניש
געאָטעמט לעצטן אָטעם פאַרן שטאַרבן.

ס׳איז יאָ געווען אַ גוף און ניט געווען אַ גוף, —
נאָר צאַפּלעניש האָט עס פאַרמאָגט אויף דויער,
עס האָט געוויס צו גאָט געשיקט אַ תפילה־רוף,
און אפשר אויך געוויינט אין לעצטן טרויער.

אַ מענטש דערהערט ניט אַזאַ מין געוויין,
און גאָט דערהערט געוויס, באַדאַרף מען טראַכטן,
ווייל ווידער טוט אַ ציטערל דער ווייסער ביין
פון מויער־פּאַנצערל דעם האַלב־פאַרמאַכטן.

און באַלד דאָס אויג כאַפּט־אויף אַ נייעם צוק,
אַ פלוצימדיקןווירבל אַ פאַרשנעלטן;
שטיי, מענטש, באַוווּנדערער, און גאַף און קוק,
און זע אין פאַנצערל אַן אויפשטורעם פון וועלטן.

און זע נאָך מער: צי גייט ניט אויף אַ פלאַם
אין פאַנצערל מיט אַזאַ כוח אַ צעהעלטן,
ווי אָט די זון וואָס גליט איבערן ים,
און  ש ט י ל ט  דאָרט איין דעם אויפשטורעם פון וועלטן.

# ז י ג

האַרט בײַ דער טיר — און די טיר איז פֿאַרריגלט.
האַרט בײַ דער טיר פֿון אָוונט ביז פֿרי. —
קלאַפּ ניט. אומזיסט. לאָז אַראָפּ דײַנע פֿינגער,
מונטער מיט זײ דײַנע בראָכיקע קני.

ווער האָט פֿאַרריגלט און ווער האָט פֿאַרשלאָסן?
אפֿשר דײַן אײגענע שולדיקע האַנט.
שולדיק אין וואָס? — אין אַן אײגענער אימאַכט,
נעם גיב אַ פֿאַל צו דער שטום־קאַלטער וואַנט.

רוף ניט און מאָן ניט און וועק ניט אויף קײנעם,
שטער ניט, צעשטער ניט אין קײנעם זײַן רו;
שטילקײט האַלבנאַכטיקע האַמערט אין גלעקער,
האַמערט פֿאַר דיר נאָר, פֿאַרנעם זײ נאָר דו.

הײב־אויף דײַן האַנט און צעשמעטער די גלעקער,
רײַס די צעשוווּנגענע צונגען אַרויס;
קאָנסט ניט? — נו וואַרט אַ מינוט, נאָך אַ רגע,
ביז זײער שטורעם אַלײן קלינגט זיך אויס.

שוין. האָסט געזיגט. מער ניטאָ שוין קײן גלעקער,
איצט נעם דײַן אָטעם אַלײן און צעוויג
איבערן ים פֿון פֿאַרטאָגיקער בלויקײט,
טובל אין אים דײַן דערוואָרבענעם זיג.

# דער זייגער קלאַפּט

די פינגער פון אַ בלינדן שאַרן זיך און טאַפּן
די שויבן פון מיין צימער און די ווענט.
דער זייגער קלאַפּט און קלאַפּט. — צי זאָל ער ווייטער קלאַפּן?
צו ענטפערן אויף דעם — צי איז אין מיר געווענדט?

איך וויל דערקענען אין דער האַלבער נאַכט דעם בלינדן,
אים פרעגן ווי אַזוי איז ער אין שטוב אַריין, —
נאָר ווערטער גליווערן און ווילן זיך ניט בינדן,
דער זייגער קלאַפּט און קלאַפּט שעה אויס, שעה איין.

כ'שטרעק אויס די האַנט כדי פייער אָנצוצינדן,
נאָר תיכף ווערט זי אין אַ קלעם אַריינגעכאַפּט,
אַ גאַנצע נאַכט בין איך אין שליטה פונעם בלינדן,
אַ גאַנצע נאַכט. דער זייגער קלאַפּט, דער זייגער קלאַפּט.

דער זייגער קלאַפּט — אַז וויל — כדי איינצוזאַפּן
דאָס לויערן, דאָס שאַרן זיך פון בלינדע הענט.
דער זייגער קלאַפּט און קלאַפּט. — צי זאָל ער ווייטער קלאַפּן?
אַז וויל, אויב נאָר זיין קלאַפּן איז אין מיר געווענדט.

# ביים פאַרשפּראָכענעם לאַנד

ביים צוקומען נאָענט צום פאַרשפּראָכענעם לאַנד,
ביים שטעלן אַ פּוס אויף זיין הייליקן גבול,
טרעפט אָפּטמאָל אַ מכשול. זיי גייען באַנאַנד —
די טרייסט און די שטראָף. ווען אַ בעכער איז פול
אַריבער די ברעגן, לויפט־דורך דורך דיין האַנט
אַ וואַקלונג ביים טראָגן דעם בעכער צום מויל;
וואָס מער ס׳איז צום טרינקען דיין חשק געשפּאַנט,
אַלץ מער נעמט זיך וויקלען און קנוילן אַ קנויל
פון מוראס און שולדן. דיין האַנט טוט אַ פּיבער —
כמעט מיט כוונה — און אַלץ קערט זיך איבער.

אַזוי מיט אַ בעכער. נאָך מער — מיט אַ לאַנד,
וואָס גייט־אויף פאַר דיר אויפן זון־האָריזאָנט;
דו שטייסט ביי דער גרענעץ אין מדברשן זאַמד
אין שרעק טאָמער הערסטו אַ קול וואָס דערמאָנט,
ווי משהן אַמאָל, אַ שווער־זינדיקע טאַט:
אַ סימן — דו ווערסט דיין דערמאָנער אַליין,
און פּסקנסט אַליין דו זאָלסט זיין נע־ונד
אויף שטענדיק אין מדבר, און דאָרטן פאַרגיין.
ביסט טאַקע ניט משה, נאָר ס׳מזל איז איינער
פאַר אַלעמען גלייך, אים פאַרמיידן קאָן קיינער.

# מיין תפילה צו דיר, באַשאַפער

מיין תפילה צו דיר, באַשאַפער: ווי באַלד
איך בין באַשאַפן אין דיין געשטאַלט,
און ווי באַלד איך בין נאָך דאָ —
דערהייב מיך אויף אַן אויסדערוויילטער שעה
צו זיין אויף אַן אמת געראָטן אין דיר: —

מיט נאָר אַן אויסדאַכטונג פון אַ באַריר
צעשטערסטו און מאַכסט לעבעדיק צוריק
אַ מענטשנס אָטעם, אַ מענטשנס בליק;
באַשאַפסט אַ וועלט און שאַפסט זי אָפּ
מיט נאָר איין וואָרט פון דינסטן טראָפּ, —
אַזוי באַשער אויך מיר צו זיין,
זאָל זיין אפילו אין לעצטער פּיין,
אַ „צר צורה בתוך צורה"*)
מיט נאָר איין קליינער שורה.

באַשער — אין אָט דער שעה,
כל זמן איך בין נאָך דאָ.

*) אַ שאַפער פון אַ געשטאַלט אין אַ געשטאַלט.

# אין שטילער רואיקייט

איך וואַרט מיט שטילער רואיקייט אויף דיר,
מיין לעצטער, חסדיקער, ווייסער טאָג;
קומט אָן דיין צייט, איז פריי פאַר דיר מיין טיר,
און וואָס דו דאַרפסט מיר זאָגן — קום און זאָג.

איך רוף דיך ח ס ד י ק ע ר, ווייל איך האָף,
אַז דו וועסט צוקומען צו מיר מיט גנאָד,
און פון דעם אין־סוף, וואָס איז דאָ אין שלאָף,
וועסטו מיר אַנטרויען דעם העלסטן סוד.

זאָל נאָר ניט אונטערשפּרינגען פאַר דער צייט
אַן אומברענגער מיט פּעטליע, צי מיט שווערד,
און אָן שום שולד און סיבה פון מיין זייט
צעשליידערן מיין בלוט איבער דער ערד.

אויב נאָר ניט גוואַלד־טויט — לויכט־אויף מיין געדאַנק
ווען כ׳זע דיך אויפשיינען, מיין ווייסער טאָג;
אויף מיינע ליפּן שפּרייט זיך אויס אַ דאַנק
פאַר נאָך צוויי צענדליק שעה וואָס איך פאַרמאָג.

פון די פּאָר צענדליק שעה — די לעצטע שעה
נעמט אויפגיין אין איר זעכציקסטער מינוט;
אַ גרויסע צאָל פון רגעס איז נאָך דאָ,
צו יעדער רגע זאָג דאָס וואָרט: ס׳איז גוט.

מחילה, קום אויף אַלץ, וואָס כ׳האָב געטאָן;
געוויין, גיי־אויף, און שטיל זיך נאָכדעם איין; —
אַ, זעכציקסטע סעקונדע, הייב זיך אָן
און פלעכט מיך אין דער אייביקייט אַריין.

# דיאַלאָגן אין חלום

## ערשטער דיאַלאָג

— „שטיי אויף פון געלעגער,
געננוג שוין אין זיסע חלומות געלעגן".
— דו רעדסט דאָך צו מיר ווי אַ קלעגער
נאָך איידער איך קום דיר אַנטקעגן.

— „כ'בין אַלץ נאָך ביז היינט אַ פאַרברענטער,
נאָך אַלץ כלו־פּייער,
און אָט בין איך שוין אַ ניט־דערקענטער,
ווי איינער וואָס איז קיינעם ניט טייער".

— פאַרוואָס אַזאַ שאַרפקייט פון לשון?
— „ווייל כ'זע ווי דו ווילסט פון מיין פייער אַנטלויפן,
ווייל כ'זע ווי דו ווילסט איך זאָל ווערן פאַרלאָשן
און בלייבן פון מיר זאָל אַש אַ הויפן".

— פאַרוואָס זאָל איך וועלן דיין פייער פאַרלעשן?
— „דו חלומסט ווי אַלע דעם חלום פון אַקער:
אויף מיין הויפן אַש צו זייען און דרעשן, —
דעריבער זיי וויסן — כ'בין אַלץ נאָך פלאַקער".

— איך וויל ניט אַנטלויפֿן. איך בין ניט אַנטלאָפֿן.
איך קום דיר אַנטקעגן מיט הענט אויסגעשטרעקטע. —
— „איך זע דיינע אויגן — זיי זיינען ניט אָפֿן,
איך זע דיינע הענט — זיי זיינען פֿאַרדעקטע“.

— טאָ קום־צו צו מיר און ריר אָן מיין געלעגער.
— „דיין פּחד פֿאַר פֿייער צי קאָנסטו פֿאַרטרייבן?“ —
— איך קאָן און איך וואַרט דו זאָלסט ווערן מיין טרעגער,
כ׳זאָל אייביק אין דיר, אין דיין פֿייער, פֿאַרבלייבן.

## צווייטער דיאַלאָג

פֿאַרוואָס האָסטו פֿאַר מיר צעעפֿנט אַלע טירן?
— „ווייל כ׳וויל דו זאָלסט דורך זיי אַרייַנקומען צו מיר“.
— אַז כ׳וועל אַרייַנקומען וועל איך נאָך מער פֿאַרלירן,
שוין בעסער נעם צוריק — פֿאַרהאַק זיי טיר נאָך טיר.

— „כ׳האָב טירן שוין אַזויפֿיל מאָל געטאָן פֿאַרהאַקן,
און דעמאָלט גראָד האָסטו אין זיי געקלאַפּט מיטביידע הענט“.
— צי מיינט עס אַז אין קנייטשן־תּהום פֿון מיינע באַקן
האָסטו דאָס מאָל אַן אַנדער אָנקלאַפּער דערקענט?

— „דו רעדסט נאָך אַלץ צו מיר מיט סודותדיקע ווונקען“.
— אָ ניין, איך רייס פֿונאַנדער סוד נאָך סוד דאָס מאָל,
אין מיינע באַקן־קנייטשן ליגט דיין אָפּשטראַלונג פֿאַרזונקען,
און אין מיין שטילקייט פֿיבערט אָפּהילכיק דיין קול.

— „טאָ קום אַרייַן און זעץ זיך גוטמוטיק אַנידער,
זאָל דוכטן אַז דו קומסט אין טאַטע־מאַמעס הויז,
זאָל דוכטן, אַז דו רוסט זיך אָפּ — פֿון לאַנגן וועג אַ מידער,
דו זיפֿצסט, און דיינע ליפּן זאָגן ניט קיין וואָרט אַרויס“.

— אויף מיינע ליפּן פֿיבערן דאָך אָבער הייסע ווערטער,
פֿאַרוואָס פֿאַרשטילסטו זיי און קילסט זיי אָפּ? —
— „זאָלסט ענדלעך אייַנזען ווי פֿון זיבן וואָגל־ערטער
ווערט  א יי ן  אָרט, און אויף אים רוט סוף־כּל־סוף דיין קאָפּ“.

## דריטער דיאַלאָג

— „האָסט אייביק דאָך באַגערט אַן עפּלבוים צו זיין,
צו שטיין פאַרטיפט מיט וואָרצלען צענדליקער אין באָדן,
און אָט געשעט עס: ביסט אַ בוים. די אָוונט־שיין
באַשטראַלט דיך ווי דו שטייסט מיט עפּל פול באַלאָדן".

— אַ, ענדלעך, ענדלעך! אָבער זאָג מיר, וווּנדער־קול,
צי איז עס ניט אַ חלום נאָר? צי איז עס טאַקע אמת? —
— „אוודאי אמת. לאָז ניט דיין פאַרגאַנגענעם אַמאָל
צו זייען אין דיר ספקות דורך אַ מינדסטן רמז.

„דו זעסט דאָך ווי דו שטייסט צעוואָקסן און צעשפּרייט,
די צווייגן הוידען זיך, די וואָרצלען רוען גרונטיק".
— ס'איז ניי פאַר מיר די ענדערונג, און נייער נאָך — די פרייד
וואָס אַלע עפּל אויף די הענגלעך זוניקן זיך רונדיק.

— „פאַרוואָס־זשע פלוצלינג גיט אַ צוק דיין יעדער בלאַט,
און אַלע צווייגן נעמען פלאַטערן ווי אין אַ שטורעם?"
— ווייל אומגעריכט נעמט אויסזען מיר מיין פרייד ניט גלאַט,
ווייל אומגעריכט פאַרגייט זיך מיר אַ וואָרצל אין יסורים.

— „אַ וואָרצל האָט ניט קיין יסורים. עס איז נאָר אַ וואָרט,
אַ וואָרט — אַן איבערבלייבונג פון אַן אַלטן רעיון".
— ס'איז ניט קיין טרייסט פאַר מיר, איך שפּיר דאָך פּאָרט
ווי איינער פון די וואָרצלען טוט מיר ווי ביז שרייען.

— „איך קאָן דערלאַנגען מיט אַ האַק צום וואָרצל איינס און צוויי
און אים אַרויסהאַקן, און דיך פון אים באַפרייען".
— אָ ניין! אָ נאָר ניט מיט קיין האַק מיך אויסלייזן פון וויי,
שוין בעסער לאָז מיך איבער אין מיין אַלטן רעיון.

## פערטער דיאַלאָג

אַ דאַנק דיר וואָס דו ביסט אויפסניי אַרייַנגעקומען.
— „וואָס מיינסטו מיט דיין דאַנק? צי בין איך ווען אַוועק?"
— געוויס. און איצטער זע, ווי ס׳פרירט מיין צונג צום גומען
און ווי דו פילסט מיך אָן מיט ניי־געבראַכטער שרעק.

— „אויב שרעק געבראַכט, פאַרוואָס, זאָג, קומט מיר דאַנקען?"
— צי ווייסטו ניט פון רגעס ווען אַ מענטש פאַלט צו
מיט גאָר זיין דאַרשטיקייט צו ביטערסטע געטראַנקען,
און דאַנקט דעם שטורעם ווען זיין חלום גאָר איז רו?

— „בין איך דען שטורעם, און בין איך דען ביטער?
צי בין איך ניט מיט דיר נאָך פון די טעג פון וויג? —
שטרעק אויס די הענט צו מיר, נעם איין דיין ציטער,
און ווי דו ליגסט אין רו, אַזוי אויך ווייטער ליג".

— כדי דו זאָלסט מיך שטילערהייט צעשטערן?
— „וואָס רעדסטו פריינד דו מיינער, אייביקער? פאַרקערט,
איך וויל דיך אויפהייבן צום הימל מיט די שטערן,
זאָלסט ענדלעך אויפגיין א י ב ע ר אָט דער ערד.

„נאָר פּאָלג און ליג און ריר ניט מיט קיין אבר".
— פֿאַרלאָז מיך, ווייל איך זע: איך האָב אומזיסט געדאַנקט,
אויב פּחד איז מיין האַר, בין איך דעם פּחד גובר,
און אויב דו רעדסט פון רו, האָב איך אַן אַנדער רו פֿאַרלאַנגט.

— אַן אַנדער רו? ניט אַנדערש אַז דו ביסט פון זינען!" — —
און ס׳ברעכש אויס אַ געלעכטער ווי אַ דונערשלאַק. — — —
איך כאַפּ זיך אויף. די שויבן לויכטן אין באַגינען,
און ס׳גליט אַ ברענענדיקער טראָפּן אויף מיין באַק.

## פינפטער דיאַלאָג

— „ניט האָב קיין מורא, קלעטער! כ׳האַלט דיך ביי דער האַנט".
— מיר קלעטערן דאָך אויף דעם באַרג שוין יאָרן. —
— „ס׳איז ניט קיין באַרג און ניט קיין אויסבויג פון אַ לאַנד,
ס׳איז נאָר אַ שטויבל וואָס גאָטס פינגער האָט פאַרלאָרן".

— טרייבסט שפּאָס פון מיר? — „חלילה, האַלט זיך גלייך!
איין שלעכטער דריי און נעמסט אין אָפּגרונט פאַלן.
דאָס שטויבל איז דיין גרויסע קעניגרייך,
דיין וואונדערלאַנד געזאַלבט מיט נצח־שטראַלן. —"

— ניט אַנדערש טאַקע אַז דו חוזקסט אָפּ פון מיר,
צי פירסטו מיך ניט מיט אַ מיין פון אַ פאַררעטער? —
— „וואָס רעדסטו? כ׳האָב דיך ליב, דיין האַנט־באַריר
גיט מוט אויך מיר צום זעלטענעם געקלעטער".

— עס ברעכן זיך מיר אונטער מיינעביידע קני. —
— „אָט דאָס איז טאַקע דער געגאַרטער צייכן
אַז ענדלעך וועסטו געבן אומגעריכט אַ פלי
צו סאַמע העכסטער הויך פון אַלע הייכן".

— וואָס רעדסטו וועגן פליען — אַז איך ליג אין בראָך,
אַז כ׳קאָן איין ברעקל שטויב ניט גובר זיין דורך יאָרן? —
— „ווערסט קאָנען! כ׳וועל פאַרוואַנדלען אין אַ קנויט־געפּאָך
מיין גרויסע ליבשאַפט, און מיין גוטסקייט — אין אַ צאָרן.

„מוזט קלעטערן! מוזט פאָלגן וואָס איך זאָג!״
— ווער ביסטו מיט אַ ליבשאַפט וואָס קאָן ווערן
צעפלאַמטער צאָרן?
— „פרעג ניט. ס׳איז שוין גרויסער טאָג,
מיין ענטפער קאָנסטו נאָר אין נאַכט־חלומות הערן״.

## זעקסטער דיאַלאָג

— „דאַרפסט גליקלעך זיין. כ׳האָב אויסגעווייסט דיין צעל,
כ׳האָב אויסגעשייערט דיינע קייטן״.
— אוודאי בין איך גליקלעך. כ׳נייג זיך צו דער שוועל
און כ׳האַלט מיין אויסגעשטרעקטן האַלדז אַ גרייטן.

— „די אַלטע טבע דיינע — אַלעמאָל זיין גרייט.
שוין טויזנט מאָל געהערט אַזוינע ווערטער״.
— דיין טאַדלונג איז גערעכט. דער טאָג פאַרגייט,
פאַרגייט אין מער פון טויזנט־טויזנט ערטער.

— „איך וואָלט באַפרייען דיך געוואָלט,
אפילו ווען דו פילסט זיך אין מיין תפיסה גליקלעך״.
— דעריבער, הייסט עס, איז מיין שאַרבן אָפּגעגאָלט?
דעריבער איז מיין האַלדז אַרומגעשטיקט מיט שטריקלעך?

— „איז רעדסטו דאָך פאַרביטערט און ניט שיין,
צי פּאַסט עס פאַר אַ ריטערמאַן פון שיינקייט?״
— פאַרגיב מיר. זעסט דאָך ווי עס קלאַפּן מיינע ציין
אין קאַלטן גליק פון מיין אַליינקייט.

## זיבעטער דיאַלאָג

— „ראַם אָפּ פּאַר מיר די נאַרישע מכשולים“.
— ווער ביסטו? — „כ'בין דיין לעצטער גאַסט“.
(שוין שטייט ער לעבן מיר, און איך דערציייל אים
מיין מעשה וועגן זיך — אין שלאָף פאַרפאַסט.)

— „דיין מעשה וועגן זיך וואָס דאַרף מיך אַרן?“
— צי ביסטו ניט געקומען צוליב דעם?
— „מיט חלום־מעשות וועסטו מיך ניט נאַרן
אפילו ווען דו טוסט אַ ציטער מיט אַ ברעם“.

— צי זעסטו ניט, אַז כ'האַלט אין מיטן שלאָפן,
ווי קאָן זשע ציטערן אַ ברעם אין שלאָף?
— „צו נאַרן מיך קאָן זיין אַן אויג אַביסל אָפן,
אפילו ווען סע שלאָפט דעם שלאָף פון סוף“.

— אַ גאַסט, ניט נאַרן וויל איך דיך, חלילה.
איך וויל נאָר דו זאָלסט וואַרטן אויף מיין לעצטן וואָרט.
— „אין רגעס שטילע, אויף אַן א מ ת שטילע,
איז יעדעס וואָרט און יעדער קלאַנג פאַרשפּאַרט“.

— אָ גאַסט, איך וועל די מערסטע ווערטער איבערהיפּן
אַבי מיין לעצטן וואָרט אַרויסצוזאָגן קלאָר. — —
— „אומזיסט, אומזיסט דער צוק פון דיינע ליפּן,
ווייל וואָר בין א י ך, און דו ביסט חלום נאַר".

— אָ גאַסט, מיין גאַסט, איך בעט דיך זיין געדולדיק,
אויב טויט איז וואָר, איז לעבן וואָר געוויס. — —
— „אומזיסט, אומזיסט דיין טענה. וואָרט איז שולדיק
וואָס צווישן טויט און לעבן הערשט אַ ריס".

— דערלויב מיר פאָרט מיין לעצטן וואָרט צו זאָגן.
— „דו האַרטער עקשן וואָס דו ביסט. — נו זאָג!"
— — — — — — — — — — — — — — — —
איך כאַפּ זיך אויף. העל־בלויקייט. ערב טאָגן.
און — אויף מיין ליפּ נאָך צוקט און צוקט דער דיאַלאָג.

## אַכטער דיאַלאָג

— „איך וואַרף אַרויף אויף דיר מיין פליגלדיקע שמלה,
איך נעם דיך צו מיין רייטוואָגן".
— פאַרוואָס אַזאַ געאייל?
— „עס וואַרטן אויף דיר אַלע מיינע זיבן הימלען".
— כ'האָב אָבער ליב די בידנע ערד דערווייל.

— „וואָס האָסטו אויף דער בידנער ערד חוץ קייטן?"
— כ'האָב אויך דעם האַמער וואָס צעשמעטערט זיי אויף שטיק.
— „טרוי אָן דעם האַמער בירושה צו אַ צווייטן, —
צום יינגערן פון דיר, צום זשעדנערן נאָך גליק".

— צי וועט ער וויסן ווי צו אַנגיין מיטן האַמער?
צי וועט ער, איבערברעכנדיק אַ קייט אויף איינעמס פוס
אין פינצטערנישן פון אַ גרוב, צי פון אַ תּפיסה־קאַמער,
ניט איבערברעכן אויך דעם פוס?
— „און דו האָסט יאָ געוווּסט?"

— איז וויל דערפאַר, אין מיין דערפאַרונג מיט געפאַרן,
צו אויסלערנען דעם יינגערן פון מיר ס'געבאָט פון גוטס, —
ער זאָל אין טעג פון שלעכטס ניט לאָזן זיך פאַרנאַרן
אין שילטעניש, ווי איוב אויף זיין חורבן־אַש אין עוץ.

— „הער־אויף מיט גוטסקייטן — פאַר עמיצן צו גרייטן;
דער יונגער יורש זאָל  אַ ל יי ן  דערגיין צו זיי!
זאָל ער אַליין ברצון טראָגן אי דעם האַמער, אי די קייטן,
ביז אָנקומען צו שטילקייטן וואָס נאָכן וויי־געשריי.

„פאַרלאָז זיך גלויבעריש אויף דיין געאַנטן יורש.״
— איך וויל מיין יורש זען אין פּנים קלאָר און באַלד.
— „ווען דו אַליין וועסט זיין שוין אַ צוריקגעקערטער צו דיין שורש,
ערשט דעמאָלט וועט דיין יורש אויפקומען אין דיין געשטאַלט.״

## ניינטער דיאַלאָג

— „אָרום דיין שטוב אַ פלאַם פון קופּעס ברענענדיקע בלעטער."
— נאָך גוט וואָס ניט קיין פלאַם פון קופּעס ברענענדיקע לייבער.
— „אַ חילוק נאָר פאַר דעם וואָס נעגלט מיטה־ברעטער,
און ניט פאַר דעם וואָס איז אַ בלעטער־קלייבער."

— פאַרוואָס אַזאַ מין ביטול?
— „ביטול? — מענטש געטרייער!
צי זעסטו ניט גאָטס כתב אויף יעדן בלאַט, און ווי איך לעז אים,
און ווי אַיעדער אות בליצט־אויף אין פלאַקער־פייער
און דאַנקט וואָס כ׳בין אים ניט פאַרבייגעגאַנגען מיט מיין בעזים."

— צי מיינט עס אַז איך זאָל מקנא זיין די קופּעס בלעטער
אין זייער פלאַטערן אין פייער? —
— „איצט רעדסט ד ו מיט ביטול."
— חלילה, הלוואי וואָלסטו ניט אָפּגעלייגט אויף שפּעטער
מיך אויסצוגלייכן מיט אַ בלעטל, מיט אַ קלענסטן ריטל.

— „דיין ווונטש איז אמת קינדיש, ערלעך אין לשער,
וועט ער מקוים ווערן: — אין אַ וווּנדער־שעה אין אַ באַגערטער
וועט אויך דיין גוף אַרומגעוויקלט ווערן אין אַ פייער,
און אויך אויף אים וועט פלאַקערן גאָטס כתב מיט זיינע ווערטער.

## צענטער דיאַלאָג

— „אַ פרייד וואָס ענדלעך ביסטו דאָ
מיט אונדז אין אייביקן גן־עדן".
— צי בין איך אויף דער ערד שוין מער ניטאָ? — — —
— „אַ חרפּה וועגן דעם אַפילו רעדן".

— פאַרוואָס אַ חרפּה? כ׳וויל כאָטש זען
דעם ד ו ר כ ג אַ נ ג, ווי מען שפּאַנט אַריבער
פון דאָרט אַהער. — „עס איז דאָך שוין געשען,
איז איבעריק דאָס קלענסטע וואָרט דעריבער".

— דער גלאַטסטער ענטפער, איז ניט גלאַט. — —
— „הער־אויף מיט דיינע חריפותן פון ד אָ ר ט ן,
אויב דו ביסט נאָך מיט דאָרטנקייט ניט זאַט,
וועט דיך אויך ד אָ ניט זעטיקן גאָטס גאָרטן".

— כ׳בין זאַט מיט אַלץ, אַ וווּנדערלעכע שעה,
מיט אַלע טרויערס און מיט אַלע פריידן,
דערפאַר — אַהין, ווו כ׳בין שוין מער ניטאָ,
מעג איך צוריקקומען אַפילו פון גן־עדן.

# צו אַמעריקע

שוין איין און פערציק יאָר אַז כ׳לעב אין דיינע גרענעצן, אַמעריקע,
אַז כ׳טראָג אין זיך די ברכה פון דיין פרייהייט, — יענע פרייהייט
וואָס איז געהייליקט און געבענטשט געוואָרן דורכן קרבן־בלוט פון לינקאָלן,
און דורך די הימנעס פון וואָלט וויטמאַן. זע, ווי אויסטערליש: איך זוך
נאָך היינט אַן ענטפער אויף די סתירות, אויף דער אומרו פון מיין לעבן,
און כ׳פרעג: פאַרוואָס האָב איך ביז היינט נאָך ניט באַזונגען דיך
מיט פרייד, מיט ליב, מיט לויטערער באַוואונדערונג,
ווי ס׳פּאַסט פאַר דיינע רחבותן, פאַר דיינע שטעט, פאַר דיינע וועגן,
פאַר דיינע פּרייריס און פאַר דיינע בערג און טאָלן. און נאָך מער:
פאַר מיינע קליינע וועגנט — אַמאָל אין בראַנזוויל, און אַמאָל אין קלינטאָן סטריט,
אַמאָל אין באָראָ־פּאַרק, אַמאָל אין בראָנקס און אין די הייטס,
און מער פון אַלץ: פאַר אַלע מיינע פוס־שפּאַצירן איבער איסט־בראָדוויי, —
די איסט־בראָדוויי וואָס פילט אויך היינט מיך אָן מיט אויפגעהייטערטקייט,
מיט היימישדיקער אייגנקייט, ווי נאָר איך שטעל מיין פוס אויף איר אָרויף.

שוין איין און פערציק יאָר אַז כ׳לעב אונטער די הימלען דיינע,
שוין העכער דרייסיק יאָר אַז כ׳בין אַ בירגער דיינער,
און — כ׳האָב ביז היינט אין זיך נאָך ניט געפונען, ניט דאָס וואָרט
און ניט דעם אופן ווי אַזוי מיין אָנקום און מיין אויפקום אויף דיין ערד
צו מאָלן ברייט־אַנטפלעקעריש ווי דו ביסט עס אַליין, אַמעריקע.
ווי נאָר עס איז געקומען וועגן דיר צו רייד, האָב איך געצאַמט
די ווערטער מיינע, זיי פאַרשטייפט אין שטרענגער איינגעהאַלטנקייט,
געבונדן זיי אין צמצום־קנופּן. גאָר מיין וועלט און גאָר מיין לעבן
געהאַלטן אונטער סודותפולע שלעסער, ווייט פון דיין צו־אָפענער פאַרנעמיקייט.

איך זאָג אַצינד דיר אויס: ווען כ׳בין אַרונטער פון דער שיף
מיט איין און פערציק יאָר צוריק, באַרירט דיין ערד, — האָב איך געוואָלט
מיט מיינע ליפּן צופּאַלן צו איר און קושן זי. יאָ, יאָ, געוואָלט, געזאָלט
און — כ׳האָב עס ניט געטאָן... אויף דיין געבענטשטער ערד דערנאָך
האָב איך, אין זכר פון מיין פאָטערשער געשטאַלט, געשריבן שולד און בענק־
שאַפט־לידער,
און כ׳האָב צו דער געשטאַלט געזאָגט: נעם־צו אין מיין פאַרשפּעטיקונג
די קושן וואָס איך האָב, נאָך זייענדיק אַ קינד, געוואָלט־געזאָלט
און אייביק זיך געשעמט צו געבן דיר... אין גאָר דיין גרויסקייט
וועסטו, אַמעריקע, געוויס ניט פּועלן ביי זיך צו זאָגן
אַז דו ביסט  מ ע ר,  אַז דו ביסט יחוסדיקער, בילכער פון מיין טאַטן.

און אפשר וועסטו זאָגן וועגן זיך: איך בין ניט מער, צי בין איך אָבער ווייניקער?—
פאַרוואָר — כ׳וואָלט זייער וועלן הערן ווי דו זאָגסט עס.
ווייל ווען איך הער עס, וואָלט עס זיין אַ באַלזאַם פאַר מיין האַרץ,
און כ׳וואָלט געקאָנט, כאָטש אין דער שקיעה פון מיין לעבן, עפענען פאַר דיר
די אַלע נאָך איינגעשלאָסענע ווידויים וועגן דיר, אַמעריקע.
כ׳זאָג נאָכאַמאָל — איך האָב פּרובירט עס טאָן דורך הונדערטער רמזים
פון פערז און גראַם, דורך אויפברויזן פון טראַגיק־דיאַלאָגן,
דורך אויפגעהויבענע און פאַלנדיקע פאַרהאַנגען. איך האָב געזוכט
ניט איין מאָל ווי אַזוי אַראָפּצורייסן פון מיין אייגן האַרץ דעם פאַרהאַנג
צו ווערן אָפן און אינטים מיט דיר, אַמעריקע, כאָטש העלפט פון דעם
ווי כ׳בין אינטים מיט דעם בית־עולמל פון קליין איהומען,
ווו ס׳ליגן מיינע טאַטע־מאַמע די פאַרגאַנגענע אין יענע ווייטע טעג,
אין יענע ווייטע טעג פאַרמבולדיקע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה:
ווי כ׳בין אינטים מיט די צעגליטע שנייען פונעם דערפעלע וויטים
אויף די אירקוטסק־יאַקוטישע פאַרלוירנקייטן פון סיביר;
ווי כ׳בין אינטים מיט יצחקס גאַנג צום באַרג מוריה און מיט מוטער רחלס קבר,
מיט דודס תפילות און מיט ישעיהס ליכטיקער נבואה,
מיט לעקערטס אויפגאַנג אויפן תליה־קנופּ און מיט די אויפגאַנג־טענץ פון
עין־חרוד. —

איך האָב פּרובירט, — און קלאָר איז, אַז ס׳איז מ יי ן שולד און ניט דיין
וואָס, נאָך מיט דרייסיק יאָר צוריק, האָב איך אונטער די הימלען דיינע
געטרויערט טיף אין זיך, געקלאָגט זיך אַז איך טראָג מיין יידיש ליד
אין אַנגסט, דורך דיינע גאַסן און דורך דיינע סקווערן,
פאַרקלאַמערט צווישן מיינע ציין, ווי ס׳טראָגט אַ קאַץ אַן עלנדע
די קעצלעך אירע, זוכנדיק פאַר זיי אַ רו־אָרט אין אַ קעלער ווו; —
אַז ווען איך טראַכט נאָר וועגן מיינע ברידער — יידישע פּאָעטן —
נעמט זייער גורל ווי אַ קלאַמער מיך אַרום, און ס׳ווילט זיך תפילה טאָן פאַר זיי,
פאַר זייער מזל, — און גראָד דעמאָלט ווערן אַלע ווערטער שטום.
אוודאי איז עס מ יי ן שולד, און ניט דיין, אויך היינט, ווען נאָכן אָפּגאַנג
פון יענע דרייסיק יאָר טוט טרויערן מיין האַרץ אויפסניי עלעגיש
וואָס היינט, נאָך מער ווי ווען עס איז, האָט ס׳בייזע מזל
צעשליידערט אַלע יידישע פּאָעטן איבער ניי־סיבירן,
און אונדזער פלאַטערדיקע דיכטער־שיף פאַריאָגט אין תהום פון שטורעמס,
אין תהום פון שטורעמס אויך אויף דיינע וואַסערן, אַמעריקע,
אויף טויט־סכנה; און אין דער טויט־סכנה זוך איך ס׳בראָווע ליד
פון בראַוון קאַפּיטאַן אויך היינט. דער בראַוועך קאַפּיטאַן זאָל ניט פאַרראַטן
זיין גורל־ליד אויך היינט. — — —
דו זעסט — איך בין אַכזריותדיק צו זיך ווען כ׳זאָג: א ו ו ד א י איז עס
מ יי ן שולד,
ווען כ׳וואָלט געקאָנט אַנשטאָט „אוודאי״ זאָגן: אפשר און מסתמא.
איך היט מיך פון צו וואַרפן כאָטש אַ טייל פון שולד אויף דיר, אַמעריקע.
און גאָט אַליין אין הימל איז אַן עדות אַז דו ביסט ניט ראוי נאָך
צו פילן זיך אינגאַנצן ריין פון שולד, אינגאַנצן ווייס ווי שניי. — — —
דו זעסט — אין דער מינוט וואָלסטו אַליין באַדאַרפט צו הילף מיר קומען
און מאַכן גרינג מיר דאָס געפינעניש פון יענע ווערטער,
וואָס טראָגן אי התקרבות, אי צונויפגיסונג און אי געזעגענונג.

צונויפגיסונג מיט אַל דיין שיינקייט און מיט אַל דיין גרויס צעאַטעמטקייט;
געזעגענונג? — וואָס גרעסער די צונויפגיסונג, אַלץ נענטער קאָן געמאָלט זיין
די רגע פון צעזעגענונג. זי קאָן געשען אין דיינע גרענעצן,
זי קען אָבער געשען אויך ווייט, מחוץ פון דיינע גרענעצן: —
זי קען מיך אויפהייבן און מיך אַוועקטראָגן צו יענע וואונדער־ערטער,
ווו כ׳בין נאָך ייִנגלווייז אַרומגעגאַנגען מיט אברהם אבינו
אַרום באר־שבע, און מיט דודן אַרום די טויערן פון ירושלים,
זי קאָן מיך ברענגען אויך צו הייַנטיקע אַרויפגאַנגען פון ניי־ירושלים.

אויך דו, אַמעריקע, ביסט נאָנט מיט זיי אַרומגעגאַנגען,
אויך דו האָסט אין דיין האַרץ פאַרנומען גאָטס געבאָט און ברכה
צו זיין אַ לאַנד וואָס רינט מיט מילך און האָניק,
צו זיין פילצאָליק ווי דער זאַמד ביים ים און ווי די שטערן אויפן הימל,
צו זיין נביאיש פריי, ווי ס׳האָבן וועגן דיר געחלומט דיינע שעפער. —
אַ זאָל דער חלום פון וואָלט וויטמאַן און פון לינקאָלן אויך הייַנט דיין חלום זיין!

אין טעג פון עלטער, ווען איך שטיי אין העלן אָנגעזיכט
פון דער, אָדער פון יענער ליכטיקער צעזעגענונג, — דערמאָן איך ווידער זיך
אָן דער מינוט, ווען כ׳האָב מיט איין און פערציק יאָר צוריק
דערגרייכט דיין ברעג, אַמעריקע, און כ׳האָב געוואָלט און כ׳האָב געזאָלט
אַ פאַל טאָן צו דיין ערד און צופאַלן צו איר מיט מיינע ליפן,
און — כ׳האָב עס אין פאַרלוירענער צעטומלונג ניט געטאָן, —
דערלויב עס מיר צו טאָן אַצינדערט, — וואָרהאַפטיק אַזוי ווי כ׳שטיי
אַרומגענומען מיט דער העלקייט פון התקרבות און געזעגענונג, אַמעריקע.

12טער סעפּטעמבער, 1954.

# אינהאלט

פון מחבר — — — — — — — — — — — — — — — — 7

I. אין פייער

און א יינגעלע וועט זיי פירן — — — — — — — — — — — 11
ריר אָן מיינע ליפּן מיט פייער — — — — — — — — — 12
צי מיינע ברידער, וועמען כ'האָב אין דאַכאַו ניט געפונען — — 13
אין פייער — — — — — — — — — — — — — — — 14
מיין תפילה — — — — — — — — — — — — — — 16
איך בין דער שווייגער — — — — — — — — — — — 17
לוי יצחק באַרדיטשעווערס ווידערקול — — — — — — — 18
ר' עקיבא און דריי בת־קולס — — — — — — — — — 20
א קליינינקע רגע — — — — — — — — — — — — — 23
איין מינוט שפּעט — — — — — — — — — — — — 25
צווישן צוויי וועלטן אין פלאַמען — — — — — — — — 26
אַ תפילה — — — — — — — — — — — — — — — 27
דער טאָג פון אָפּצאָלונג — — — — — — — — — — 29
אין חלום — — — — — — — — — — — — — — — 30
איוב ליגט אויף האַרטער ערד — — — — — — — — — 31
נישטאָ — — — — — — — — — — — — — — — — 32
כ'האָב דאַכאַו אויך שוין געזען — — — — — — — — 34
ווען וועלן די טויטע דערוואַכן? — — — — — — — — 35
אַז מיר האָבן זיך געלאָזן באַרג־אַראָפּ — — — — — — 36
צו דער ערד — — — — — — — — — — — — — — 38
קפיצת־הדרך — — — — — — — — — — — — — — 39
אויף אַ הויכן באַרג — — — — — — — — — — — — 41
דיין זכות — — — — — — — — — — — — — — — 42
רוף מיך, לעצטקייט — — — — — — — — — — — — 43
אוהל פּרץ — — — — — — — — — — — — — — — 44
ווען אַלע מיינע שייערן — — — — — — — — — — — 46
יידן זינגען: אני מאמין — — — — — — — — — — — 48

## II. דער ווייסער ניגון


דער ווייסער ניגון — 51
ניט אַנדערש אַז איך הער דעם טאַטנס קול — 54
געזאַנג צו דער גאָר־ערשטער שורה — 55
א חלום — 56
דיין פוס־טראַט אויפן ווייסן שניי — 58
דער טאָג איז פאַרגאַנגען — 59
מיין שאָטן — 60
אונטער די עולן פון ליכטיקע שטערן — 61
ליד צום פאַרבייגייער — 62
קלאַפּ אָן אין טיר — 63
כ'האָב היינט געזען — 64
וואָלקנס נידערן אַרונטער — 65

דערמאָנונגען

I אויף הויכע אַקסלען — 67
II די בעקערין — 69
III אונטער אָפענע שטערן — 71
IV מיין ערשטע יינגלשדיקע זעאונג — 72
V בלויער פאַרטאָג — 74
VI מאַמע־ליד — 75
VII צוויי מעשענע לייכטער — 76
VIII פון יאָרן פון פאַרגאַנגענע דער אַראָמאַט — 77
IX געפלאַטער פון הענט — 78
X א ליכטשטראַל — 80
XI חד־גדיא — 82
XII אין שעהן פון שטילקייט — 84
XIII מיין שוועסטערל — 86
XIV מע זעט נאָך נישט דעם בושל שטיין אויף אונדזער בוים — 88
XV דאָס לעמפּל האָט געברענט אין לעצטער ברענונג — 90
XVI אָן ערדענע ליימענע שיסל — 91
XVII יום־טוב — 93

אַמאָל, אין איין קליינער מינוט — 95
ניי־געבורט — 97
עקידה — 98
הענט צו דער לבנה — 100
און ערגעץ־ווו איז שוין מיין גורל לאַנג באַשטימט — 102
אייביקער קרייז — 103

דער קרייז נעמט זיך פארשליסן — — — — — — — — — — — — — — 104
מענדעל פארט קיין קאבצאנסק און פארבלאנדזשעט אין א וואלד — 105

## III. א בלאט אויף אן עפלבוים

א בלאט אויף א בוים — — — — — — — — — — — — — — — — 113
נאך ווייט צום לעצטן שטערן — — — — — — — — — — — — — 115
ד'ער טאג גייט אויף אין זיין באגינען — — — — — — — — — 116
וואלד — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 117
ליד פון האלבער נאכט — — — — — — — — — — — — — — 118
זע, א וואונדער — — — — — — — — — — — — — — — — 120
כ'האב אנגערירט מיט מיינע ליפן די ערד — — — — — — — 121
די גראזן וויגן זיך אין הייסן ווינט — — — — — — — — — 123
אין דעם לאנד פון אלטן עפלבוים — — — — — — — — — — 124
אונטערן אלטן עפלבוים — — — — — — — — — — — — — — 127
ליד צום עפלבוים — — — — — — — — — — — — — — — 129
ערשטע גראזן — — — — — — — — — — — — — — — — 131
אז ווייל — — — — — — — — — — — — — — — — — — 132
דריי פייגל — — — — — — — — — — — — — — — — — 134
דער אלטער עפלבוים בליט — — — — — — — — — — — — 135
די אונטזון איז קאלט — — — — — — — — — — — — — — 136
א זונרויז — — — — — — — — — — — — — — — — — — 137
דאס יום־טוב בלימל — — — — — — — — — — — — — — 139
די העלע רייפע זומערדיקע טעג — — — — — — — — — — 141
א מעשה מיט א בוים — — — — — — — — — — — — — — 142
דער וואלד פאזע וועג — — — — — — — — — — — — — — 144
דער וואלד שטייט פארפלאכטן — — — — — — — — — — — 145
די שטילקייט־רו — — — — — — — — — — — — — — — — 146
נאך א רעגן — — — — — — — — — — — — — — — — — 147
געוועזן איז אוונט — — — — — — — — — — — — — — — 148
שטילער פון וואסער — — — — — — — — — — — — — — — 149
אן אלט־באקאנטער פויגל־רוף — — — — — — — — — — — 151
א ניגון — — — — — — — — — — — — — — — — — — 153
הארבסט־ליד — — — — — — — — — — — — — — — — — 155
מאמע־ערד — — — — — — — — — — — — — — — — — 156
פארשטיי מיך און פארנעם — — — — — — — — — — — — 157
פאלמע־בלעטער — — — — — — — — — — — — — — — — 158
ליד צו מיין וואזאנע — — — — — — — — — — — — — — 159
די נאכט איז פול מיט קארן — — — — — — — — — — — — 160
דער דארנבוש אין העלן שניי — — — — — — — — — — — 162
דורך וואלקנס — — — — — — — — — — — — — — — — — 163

א מעשה אזא — 165
ביים שייער — 167
צוויי גראָזן צווישן זיך — 169
די פייגל פליען מחנותוויז אוועק — 171
פון ווייטע טעג — 173
א דאַמע אין טראַמוויי — 175
א ליד וועגן מאַנטיק — 176
קום אהיים — 178
פליגל — 179
פון דעם לאַנד דעם פאַרבאָטענעם — 181
דאָס אמתדיקע לעבן קומט — 183
טויזנט געזאַנגען פון זעכציק גיבורים — 185
אונטער די פענצטער שטייט ניט קיינער — 187
געוויין פון א קאַץ — 188
כ׳האָב היינט געזען — 190
ווי לבנה־שניי — 191
ווי דער בוים — 193

## IV. די ביימער בליען בלוי

צווישן ים און שטערן — 197
דער אַלטער עיקר — 198
בענטשע, לעבן מיין — 200
צו ישראל — 201
זינג פון מסתרים — 203
די ביימער בליען בלוי — 205
אויפן הר־הכרמלס רוקן — 206
אין דער שימחהדיקייט — 208
אליהו, אונדזער נביא — 210
צו א תימנער אין א לאַגער פאַר עולים — 212
צום שטעכיקן דראָט ארום שער־עליה — 214
צוויי זילבערנע בעכער — 216
דער גואל אין נגב — 218
אין צפת — 220
ברוך השם — 222
קבוץ־גלויות — 224
מקובלים אין צפת — 226
נבוכדנצר — 229
סאַלוטן אין חיפה — 232
די ווערטער פון אַפּשייד — 234
אין נגב ביי באר־שבע — 236

כתר — 237
די קייט פון מיין יחוס — 238
צו דער זון — 240


## V. סאָנעטן


א גאַנצע לאַנגע נאַכט — 243
די שפּראַך פון בוים און גראָז — 244
האָרבסט באַגינען — 245
צום ערשטן פרילינג־שטראַם — 246
אויפן קבר פון נתן ניומאַן — 247
פראַנץ ראָזענצווייג — 248
האַרט־צוקאַפּנס — 249
א מידער גייער שפּאַנט — 250
אַלע טיפסטע סודות — 251
צמצום־ליד — 252
איך האָב געזען — 253
די וועלט איז רחבותדיק און גרויס — 254
דאָס קליינע טרייסטונג־וואָרט — 255
עס טרעפט — 256
כידבר — 257
ס׳איז גוט וואָס עמעצער פאַר מיר — 258
ווען אַלע דיינע ווערטער קומען־צו צום סוף — 259
גאָטס זאַנג — 260
זי שטייט אין שויפענצטער — 261
ביינאַכט האָב איך געהערט — 262
א צייכן פון איין וואָרט — 263
צום מאַן מיטן קרייץ — 264
נישטאָ די מינדסטע זאַך — 265
סאָנעט וועגן סאָנעטן — 266
צוזאַמען מיטן ים־פויגל — 267
אין גאָלדליכט — 268
סאָנעט צו ש. ניגער — 269
דער מאָרגן איז אומענדלעך — 270
אַן עקשן בין איך — 271
ווי אַן איבערפולטער קרוג — 272


## VI. די אייביקע צווייַ


די אייביקע צוויי — 275
כין האָט טענות — 278
קינס שטיין — 281

| | |
|---|---|
| א ליד אויף צוריק | 283 |
| אהין ווו די שטערן פאַרגייען | 285 |
| און אַז דו וועסט פרעגן | 287 |
| דער מאַן פון ליד | 288 |
| מדרגות | 290 |
| בלוט אויף לידער | 292 |
| אין די פענצטער פון דער אַלטער תפיסה | 294 |
| אַקסן־קאַמף | 296 |
| דערפאַר ווייל איך זע | 299 |
| קום אַרויף | 300 |
| אָ, גוטע פריינד | 302 |
| א שטילקייט קומט אויף אונדז | 303 |
| מיין איינגעוווינטער גאַנג | 304 |
| א פריידיקע בשורה | 305 |
| א פייערדיקער רייטוואָגן | 306 |
| אויף וועגן | 307 |
| ווי א טייך פאַרפּלייצט מיך דיין טרויער | 308 |
| א דיאַלאָג | 309 |
| התלהבותדיק, מיט העכסטן ברען | 310 |
| ביסט טאַקע איינגעשלאָפן, מאַני לייב | 312 |
| עלעגיע | 314 |
| ווען דו רירסט אָן די ערד | 317 |
| צער־ברידער | 318 |
| יידיש | 319 |
| מיינע שיפן | 320 |
| I דאַן קיכאָט | 322 |
| II איך באָרג א סאָנעט | 326 |
| III האַלב וואָך און האַלב חלום | 327 |
| IV די גרעסטע גבורה | 328 |
| אַמאָל איז געווען | 329 |
| דער קאַפּיטאַן | 330 |
| שטרעק אויס דיין ריין־ווייסע האַנט | 332 |
| אייביק לעבן | 333 |
| אין דעם טאָג | 334 |
| גאָט איז רו | 335 |
| אין נוסח פון קלעם איז אַלץ שטערבלעך | 336 |
| די טיפע כוונה | 338 |
| אין דער הייליקער פליכט | 339 |
| איך הער א קול | 340 |
| אויפשטורעם פון וועלטן | 341 |

זיג — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 343
דער זייגער קלאפּט — — — — — — — — — — — — — — 344
ביים פאַרשפּראָכענעם לאַנד — — — — — — — — — — — 345
מיין תפילה צו דיר, באַשאַפער — — — — — — — — — — 346
אין שטילער רואיקייט — — — — — — — — — — — — — 347
דיאַלאָגן אין חלום
ערשטער דיאַלאָג — — — — — — — — — — — — 349
צווייטער דיאַלאָג — — — — — — — — — — — — 351
דריטער דיאַלאָג — — — — — — — — — — — — 352
פערטער דיאַלאָג — — — — — — — — — — — — 354
פינפטער דיאַלאָג — — — — — — — — — — — — 356
זעקסטער דיאַלאָג — — — — — — — — — — — — 358
זיבעטער דיאַלאָג — — — — — — — — — — — — 359
אכטער דיאַלאָג — — — — — — — — — — — — 361
ניינטער דיאַלאָג — — — — — — — — — — — — 363
צענטער דיאַלאָג — — — — — — — — — — — — 364
צו אמעריקע — — — — — — — — — — — — — — — — 367

# ווערק פון ה. לייוויק

## לידער

הינטערן שלאָס — 1918
אין קייגעמסלאַנד — 1923 (וואַרשע)
שניי אַראָפּגעפאַלענער — 1925 (מאָסקווע)
דורך זיבן טויטן — 1926 (קיעוו)
נייע לידער — 1932
לידער פון גן־עדן — 1937 (שיקאַגאָ)
געזאַמלטע לידער — 1940
אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען — 1945
אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים — 1955

## דראַמאַטישע ווערק

די קייטן פון משיח — 1908
דאָרט וווּ די פרייהייט — 1912
דער גולם — 1921
שמאַטעס — 1921
אַנדערש — 1922
די אָרעמע מלוכה — 1923
באַנקראָט — 1924
שאָפּ — 1926
הירש לעקערט — 1927
קייטן — 1929
די גאולה־קאָמעדיע — 1932
די עקידה — 1933
דער פּאָעט איז געוואָרן בלינד — 1934
סדום — 1935
אבעלאר און העלואיז — 1935
ווער איז ווער? — 1938
נס אין געטאָ — 1944
מהר״ם פון רוטענבערג — 1944
מיט דער שארית הפליטה (רייזע באַשרייבונג) — 1947
די חתונה אין פערנוואַלד — 1949
גזר — 1952
אין די טעג פון איוב — 1953

פאַרלאַג פועלי ציון-התאחדות

פאַרלאַג־אַדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

## דערשינענע ביכער:

1. דוד בן גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות-פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים

## אין גיכן דערשיינט:

6. אפרים דקל — געהיים־דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ-ישראל

## אין צוגרייטונג:

7. ד"ר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. יצחק בן צבי — מיט דער צווייטער עליה
9. מ. גראָס־צימערמאַן — אַ וועלט מיט יידן
10. י. לעשטשינסקי — דער נאַציאָנאַלער פּנים פון גלות-יידנטום.

Este libro se terminó de imprimir el día 18 de Abril de 1955 en los Talleres Gráficos Julio Kaufman S. R. L., Avda. Corrientes 1976, Buenos Aires, República Argentina.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
H. Leivick, New York

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

◆

Editado por

**Poale Sion Hitajdut**

Departamento

Ediciones: "**KIUM**"

COMERCIALES

*H. LEIVICK*

# A BLAT OIF AN EPLBOIM

(HOJA DE MANZANO)

BUENOS AIRES
1955